STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01615

BAYM GEROYSH FUN ATLANTIK

Rosa Palatnik

Permanent preservation of this book was made possible
by Dr. Simon & Ilene Horenstein
in memory of
their parents

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ראָזע פאַלאַטניק

בײַם גערויש
פון
אַטלאַנטיק

דערציילונגען

ISBN:0-657-01615-2
Old Call No.,96-340 v.

RIO DE JANEIRO
1956

אָפּרופן וועגן ראָזע פּאַלאַטניק׳ס בוך

„קראַשניק ריאָ״

פון דער הקדמה

...„די היים האָבן אַ סך אירע באַשריבן און באַזונגען, אָבער בראַזיליעס דינאַמישן יידישן ישוב — נאָר יחידים, און צווישן זיי, איינע פון די בעסטע, ראָזע פּאַלאַטניק".

מלך ראַוויטש.

☆ ☆ ☆

...„הנאה געהאַט פון אייער פּוילישן יידיש. פריש און יאַדערדיק. אייער „מעגל גולם" איז גאָר אַ גוטע זאַך — שרייבט.

יוסף אָפּאַטאָשו.

☆ ☆ ☆

...„ראָזע פּאַלאַטניקס דערציילונגען ווייזן אָן צוויפל אַרויס טאַלאַנט. זי פאַרמאָגט אַ גוט באַאָבאַכטעריש אויג און אַ פיינע שילדערישע האַנט. איר לשון איז לעבעדיק און אַדורכגעזאַפּט מיט אידיאָמאַטישע זאַפטן"

א. לעיעלעס „טאָג"

☆ ☆ ☆

...„דאָס בוך איז געווען פאַר מיר אַן איבעראַשונג. אין די דערציילונגען וועגן לעבן אין בראַזיל ווייזט איר אַרויס אַ סך כוח און שרייבערישן טאַלאַנט. איר האָט אַלע עלעמענטן פאַר אַ גרעסערן שרייבערישן פאַרמעסט"

מענדל מאַן, ישראל.

„סיאיז ממש אַ נחת צו לייענען ראָזע פּאַלאַטניקס דערציילונגען וועלכע פאַרמאָגן אַ רייכן לשון און אַ בילדערישקייט וואָס איבעראַשט. בכלל איז אַן ענטדעקונג פאַר אונדז דאָס דאָזיקע בוך, וואָס שטעלט אונדז אין קאָנטאַקט מיט אַ טאַלאַנטפולער יידישער בעלעטריסטן".

„אידישע צייטונג" בוענאָס איירעס.

☆ ☆ ☆

„פיין פאַרטראַכטע דערציילונג. די טיפן פיין געשילדערט — אַריינגעקוקט טיף אין די נשמות פון די העלדן"

דר. ש. מאַרגאָשעס

☆ ☆ ☆

...„ראָזע פּאַלאַטניק איז אַ באַגאַבטע דערציילערין. אירע דערציילונגען ווייזן נישט נאָר, אַז זי באַזיצט עכטן טאַלאַנט נאָר אויך אינטערעסאַנטקייט — אַ סימן פון גרויסן ערנסט און איינגעבוירענער אינטעליגענץ. קלוגשאַפט".

י. י. סיגאַל — „קענעדער אַדלער"

☆ ☆ ☆

...„אַ באַזונדערן נייגיר רופן אַרויס ראָזע פּאַלאַטניקס דערציילונגען וועגן בראַזיליאַנער שטיק גרויען קדמון, מיט זייערע היים בלוטיקע מענטשן, וואָס אין צוזאַמענשטויס מיט דער קאַלטער מאָדערנער ציוויליזאַציע, שווייגן זיי דערווייל איז זייערע שאַרפע סאָציאַלע טענות...

גיטל מייזל תל אביב

אין העברעאיש „על המשמר" און אין „פאַריזער צייטשריפט".

ראָזע פּאַלאַטניק
(שאַפּראָן)

ביים געריש פון אַטלאַנטיק

דערציילונגען

וועגן אַלע ענינים וואָס זיינען שייך

דעמדראָזיקן בוך — זיך ווענדן צו

Rosa Palatnik

Rua Domingos Ferreira, 92 — apt. 901

Copacabana — Rio

ראָזע פּאַלאַטניק

ביים גערויש פון אטלאנטיק

דערציילונגען

EDITORA «MONTE SCOPUS» LTDA.
Rio de Janeiro — 1957

די גאַנצע הכנסה פון דאָזיקן בוך
ווידמע איך דעם פאָנד פון „יידישן
שרייבער־קרייז" אין ריאָ דע זשאַניירא.

אינהאַלט:

חנה די פּאַפּקאָוויצער	9
צוויי מאַמעס	25
ויקהל און פּקודי	41
ווערקע וועט אויפהאַלטן	65
אַ גנבֿ'ל	79
„געבראַכט"	91
געוויסן	97
צו נעילה	111
צוריק אויף די פּאַוועלאַ־בערג	121
די פאַרקריפּלטע	131
ע ר ד	143
ביים געריוש פון אַטלאַנטיק	157

חנה די פּאָפּקאָוויצער

מיין פרומער מומע רבקה׳לע לזכרון

35

יאָר איז חנה דעמאָלט אַלט געווען, ווען זי האָט אין א ווינטערדיקן שבת-צו-נאַכטס זיך שטיל ארויסגעשלייכט פון רבקה׳לעס שטוב כדי צו פאַרווירקלעכן אירס א לאַנגסטיקן חלום.

אין א וואַרעמער שובע, באַרכאַנטענער האַלקע, גרויער דערע ארום געגאַלטן קאָפּ האָט די אויסגעמאַטערטע חנה אויסגעקוקט פון א יאָר זעכציק.

דאָס קליינע שטעטעלע קראַשניק, איז געלעגן א מוצאי-שבת׳דיקס, א שטילס, פאַרדרימלטס, און איינגעטוליעטס אין א בלאַנקנדיקן שניי. חנה׳ס פאַרבאַבליעטער געשטעל האָט געוואָרפן טונקעלע שאָטנס אויף דער בלענדיקער ווייסקייט. אירע שווערע טשיזמעס האָבן הויך געסקריפּעט, איבערגעלאָזט מגושמדיקע פיגורן אויפן פאַרשנייטן ברוק און א טעמפּן ווידער-קול אין דער קאַלטער לופט.

א געדיכטע שורה קאַשטאַנען-ביימער, אין ווייסן שניי געפּעלצטע האָבן אויסגעקוקט, גלייך א קייסערלעכע גוואַרדיע וואָלט דאָ געהיטן דעם ליידיקן וועג, ווען א גרויסער שרה דאַרף באַלד פאַרבייצופאָרן... חנה׳ס ברייטע טריט האָבן זיך פאַרנומען צום שמאָלן יאַמע-געסל, וווּ נידעריקע שטיבעלעך מיט מאַכיקע שינדל-דעכער האָבן אין דער ווייסער אויסגעשטערנטער נאַכט אויסגעקוקט, ווי אונטער בערג מיט פרישן מעל פאַרקאַפּעטע. ביי א קליין געהויקערט הייזקעלע, מיט שמאָלע פענצטערלעך און א האַלב-צעבויגענער טיר, האָט חנה שטיל אָנגעקלאַפּט און ניט וואַרטנדיק אויף קיין ענטפער, און עפן געטאָן די פאַרזשאַווערטע קליאַמקע. א שטילער גרילץ און א טוכלער ריח האָט א ווייע געטאָן אויף חנה׳ס פאַרפלאַמטן פּנים.

אין שטיבל איז געווען האַלב טונקל. ביי א לאַנגן נאַקעטן טיש, איז געזעסן האַלב איבערגעבויגן און עלטערער ייד מיט א גרוי-שפּיציק-בערדל און האָט מיט א גענדזענער פעדער עפּעס געקריצט אויף א ברייטן פּאַרמעט. א קליין חלבנע ליכטל האָט געוואָרפן לאַנגע שאָטנס אויף די פיר-קאַנטיק געכתבה׳טע אותיות. אין א ווינקל פון שמאָלן חדר האָט רויִק געקאָפּטשעט א קליין נאַפּטלעמפּל. פון א צעלעכערטן פעסל האָט מאָנאָטאָן געטראָפּט אין א בלעכענעם בעקן אריין. אָפּגעקלאַפּט פּינקטלעך, ווי אויף נאָטן: טריפּ, טראָפּ, טריפּ, טראָפּ.

— „אַ גוטע וואָך אייך ר׳ יעקב״.

האָט די שעמעדיקע חנה מיט אַ נידעריקער שטימע און אין גרויספּאָרכ־טיקייט שטיל אויסגערופן.

מיט פּלוצלינגער שרעק האָט דער שטעטלשער סופר אויפגעהויבן זיינע פאַרראָסטע אויגן פונעם אויסגעשפּרייטן פּאַרמעט און מיט נאָך גרעסערער פאַרווּנדערונג געגומען שטאַמלען:

— „הישמרנו, עמיץ איז דאָ געקומען? וואָס האָט עך געוואָלט?״

חנה אלץ פונוויטנס, ניט געוואַגט זיך צו דערנענטערן נאָר מיט אַן אונטערטעניק קול צוריקגעשטאַמלט:

— „יאָ געקומען. יעך חנה די פּאָפּקאָוויצער. געקומען וועגן אַ הייליקער זאַך״ — האָט זי זיך פּלוצים אָפּגעשטעלט, טיפער אָפּגעאָטעמט און גענומען ציילן די ווערטער איינציקווייז:

— „יעך וויל עך זאָלט מיר שראַבן אַ ספר־תורה פאַר דער שיל״.

— „רבונו דעלמא כולא! אַ ספר־תורה?״ — האָט ר׳יעקב פאַרחידושט איבערגעפרעגט און באַלד אַ טראַכט געטאָן: — נעבעך, אַראָפּ פון זינען דידאָ־זיקע אומגליקלעכע עגונה, משוגע געוואָרן פאַר צרות...

— „יידענע, גייץ ענק געזינטערהייט״! — האָט דער צעטומלטער סופר איר שטרענג אַ זאָג געטאָן און צוגעגעבן מיט אַ קול פול רחמנות: — „השם יתברך וועט זיך נאָך איבער ענק מרחם זיין, זיי דיך ניט מייאש חנה״ — האָט זיין ווארים קול איר געגלעט און געטרייסט. געזען אָבער, אַז חנה שטייט, ווי פאַרגליווערט, רירט זיך ניט פון אָרט און אירע פאַרשאָטנטע אויגן קוקן ווי פאַר־כישופט צום אָפענעם פּאַרמעט און פון אירע טונקעלע וויעס נעמט גאָר טריפן ווי פון אַ צעטאָפּיעט ליכט, — איז ר׳ יעקב׳ם האַרץ אַ ביסעלע ווייכער געוואָרן:

— „וואָס הייסט״ — האָט ער גענומען רעדן מיט אַ גמרא־ניגון — „אַ יידענע וויל לאָזן שרייבן אַ ספר־תורה? עך האָט שוין אמאָל אַזעלכים גיהעיעט?״

— „איז דען אַזעלכים פאַרבאָטן?״ — האָבן חנה׳ם בלוילעכע ליפּן לייכט אונטערגעציטערט.

— „פאַרבאָטן״? — האָט דער סופר ווי זיך אליין אַ פרעג געטאָן און גענומען קנייטשן זיין גערונצלטן שטערן, גלייך ער וואָלט זיך אַליין געוואָלט

דערמאָנען אין אַזאַ מין דין און אַרויסגעניגונט, זיך האַלטנדיק מיט אַ האַנט ביי דער גאַמבע:

— „פאַרבאָטן איז טאַקע נישט, נאָר סתם אַזוי — ניט געהערט געוואָרן אַזאַ אויסטערלישע זאַך און דער עיקר — ס׳קאָסט דאָך אַ מטמון מיט געלט! און ווו וועסטו דאָס נעמען אַזאַ ריזיק פאַרמעגן?

שטיל, אָן אַ וואָרט צו פאַרלירן, האָט חנה אַראָפּגענומען אַ פאַרקניפּטן זע־קעלע פון איר אַרומגעהילטן האַלדז, אַוועקגעלייגט ביים סופר אויפן טיש און מיט אַ פאַרטרערטן קול זיך אַ ביסל געשטיקט ביים רעדן:

— „צוואַנציק יאָר האָב איך אויף דעם געהאָרעוועט. צוואַנציק יאָר גע־לייגט אַ גראָשן צו אַ גראָשן. צוואַנציק יאָר נישט געוואָלט וויסן פון קיין שום עולם הזה, ווי נאָר דאָס, אַז ווען די שעה וועט באַשעה׳ן, ווען איך וועל לייגן דעם קאָפּ צו מיינע הייליקע אָבות, זאָל פאַרבלייבן נאָך מיר אַ ספר־תורה אין שיל״.

ר׳ יעקב׳ס האַלב־גרויער קאָפּ האָט זיך אַ וואַקל געטאָן אין דער ברייט. זיינע טריפנדיקע קאַליע־אויגן, געהילט אין צוויי פּאָר פאַרדראָטענע גלעזער זיינען פלוצים פאַרלאָפן געוואָרן, ווי ווינטערדיקע טאָפּל־פענסטער נאָכן אויפ־שיינען פון דער זון. און דורך דערדאָזיקער פאַרנעפּלונג האָט ער אַ דורכדרינג־לעכן בליק געוואָרפן אויף חנה׳ס קיילעכדיקן פּנים פון וואַנעט עס האָבן זיך בלויז אַרויסגעזען אירע שוואַרצע, ווי מיט פייער אָנגעצונדענע אויגן, וואָס מיט זייער שניידיקן גלאַנץ האָבן זיי אַדורכגעבויערט ר׳ יעקב׳ס צוויי פּאָר ברילן, טיף אַריין אין זיינע אויפגעפּראַלטע שוואַרצאַפּלען. זיינע פאַרחידושטע בליקן האָבן באַלד צוריקגעשטראַלט מיט אָפּשיי, מיט באַוווּנדערונג און שוין אָן אַ שמיץ פון ספק, נאָר מיט טיפן גלויבן אין חנה׳ס רייד, איר באַלד גענומען פאַרגלייכן צו דער הייליקער חנה... צו שרה, רבקה, רחל און לאה.

און חנה — אַזוי שטיל ווי זי איז אַריין, אַזוי צניעות׳דיק איז זי צוריק אַרויס. נישט מער, פאַר גרויס שמחה האָט איר אָפּגעשוואַכט האַרץ אַ ביסל שטאַרק געקלאַפּט. פאַר דאָס זיינען אירע שווערע טשיזמעס איצטער גרינ־גער געוואָרן, אַזוי לייכט, אַז חנה האָט פּשוט געשוועבט אין זיי און די געדיכטע שטערן אין הימל האָבן איר באַלויכטן דעם קלאָרן וועג. אויך דער געפרוי־רענער שניי איז איר איצטער געוואָרן, ווי אַ ווייכער פלושענער טעפּיך...

צוריק אין שטוב, האָט חנה בלויז פאַר רבקה׳לען צעפּראַלט איר פריידיק האַרץ. אַרויפגעפאַלן אויף איר, געכליפּעט אויפן קול און מער ניט געקענט אַרויסברענגען ווי:

— „רבקהשי, רבקה־לעבן, רבקהניו".

אַ דערשראָקענע האָט איר רבקה'לע אָנגעכאַפּט פאַר די הענט:

— „וואָס איז געשען חנה?! וואָס ביסטו אַזוי צעטומלט? — אפשר האָסטו געפונען דיין „ראָזבויניק" וואָס האָט דיר אַזוי פאַרפינצטערט דיין לעבן"? — האָט רבקה'לע געפּרוּווט טרעפן.

— „ניין, רבקה'שי" — האָט חנה פריידיק אויסגעשריגן און גענומען אַביסל קומען צו זיך:

— „ניין, נישט מער פינצטער מיין לעבן. ס'איז מיר שוין לעכטיק, זייער לעכטיק, כ'וועל מיט גאָטס הילף פירן אַ ספר־תורה אין שיל אַריין"...

* *
*

„פּאָפּקאָוויצער" האָט מען חנהן גערופן דערפאַר, ווייל זי איז געבוירן געוואָרן אינעם פוילישן דאָרף „פּאָפּקאָוויצאַ". געכאָוועט ביי אַ טאַטן אַן אָרעמען פּאַכטער, וועמענס קליינע איינגעשרומפּענע ווייבל האָט פון איר קוים אָנזעעוודיקן בייכל אַרויסגעגעבן צען געזונטע דאָרפישע יונגען, מיט נייגונג צו פערד, אָקסן און אַנדערע דאָרפישע פראַצע. זייער עלפטע און לעצטע קינד איז געווען חנה. און מאָדנע, בעתן טראָגן מיט חנהן, האָט זיך דער פּאַכטערקעס קליינער טראַכט אַזוי גרוים צעוואַקסן, גלייך איר באַנומענער געשטעל וואָלט געמאַכט אַ ברייטע וואָרע פאַר דעם נייעם נפש וואָס האָט נאָך געדרעמלט אין איר איינגעווייד. שפּעטער האָט זיך חנה אויך אַנדערש געכאָוועט. תמיד געווען שטיל, פאַרחלומט. ליב געהאַט זיך שפּילן אליין אין פעלד. גאַנצע שעה'ן אָפּגעזעסן אונטער אַ צעוואַקסענעם בוים, ביי שטילע טייכלעך, און צו שפּראָצנדיקע בלומען האָט חנה ממש תפילה געטאָן.

אויף ראש השנה און יום־כפור, פלעגט חנה, צוזאַמען מיטן גרויסן געזינדל פאָרן אין שטעטל אַריין, מיטגעגאַנגען אין שי'ל, איינגעזאַפּט אין זיך הייליקע תפילות און אָנשטאָט זיך צו שפּילן אויפן הויף צוגלייך מיט אַלע קינדער האָט חנה בעסער ליב געהאַט אַראָפּצוקוקן פון דער ווייבער־שול און אַריינגעפאַלן אין גרוים עקסטאַז בעת זי האָט געזען ווי מען נעמט אַרוים פון קליינעם שענקעלע אַזאַ קיילעכדיקע זאַך... וואָס טראָגט אַ זילבערנע קרוין מיט קליינע גלעקעלעך... יידן צעוויקלען עס פאַרזיכטיק, מיט אַזאַ גרויסער ליבשאַפט, איז אויך אין חנה'ן אַריין אַ הייליקער פחד. איר קליינער גופ'ל האָט קינדיש געציטערט. אירע טונקעלע אויגן פלעגן זיך אָנפילן מיט טרערן און שטיל, פון זיך אַליין

קאַפּיען, קאַפּיען. אַז חנה איז נאָך די ימים-נוראים אהיימגעקומען פון שטעטל, פלעגט זי לאַנג נאָך בלייבן אונטער דעם איינדרוק פון די אין זיך איינגעזאַפּטע תּפילות. ס׳רוב, קיינער זאָל ניט זען, זיך אוועקגעשטעלט אין פעלד, מתפּלל געווען צו די צעצווייגטע ביימער און טיילמאָל אריינגעפאַלן אין אַזעלכע האַלוּצינאַציעס, פון וועלכע זי פלעגט שפּעטער דערוואַכן, ווי פון א טיפן חלום.

ווען חנה איז אַלט געוואָרן 13 יאָר, איז פּלוצים אוועק איר געוויינטלעכע רו... זי האָט אָפטער גענומען פאַרשווינדן פון שטוב, ארומגעלאָפן א באָרוויסע איבערן פעלד, פרומער תּפילה געטאָן צו צייטיקע ביימער... אריינגעכליפּעט איר מאָדנע בענקשאַפט אין רייפע בלומענבייטן און ניט געקענט זיך אין ערגעץ קיין אָרט געפינען:

— „ניט אַנדערש נאָר עפּעס א ווילדער משחית איז אריין אין אונדזער מויד״ — פלעגט חנה׳ס מוטער, די פּשוטע דאָרפס-יידענע, זיך קלאָגן פאַר איר מאַן: — „אפשר וואָלט מען געדאַרפט איבערצוקוקן די מזוזה׳ס, פאָרן מיט איר צו גוטע יידן, אָדער זי נעמען גאָר צו א רופא?״...

* * *

ס׳איז געווען אין א הייסן תּמוז-טאָג. געדיכטע ביימער, פולע מיט צייטיקע פרוכטן, זיינען געשטאַנען אונטערן פאַכטערס פענצטער, שווערע, איבערגעלאָדענע, פאַרשמאַכטע און געוואַרט אויף א פיצל ווינטל וואָס זאָל זיי אָפּפרישן פון דער גרויסער היץ מיט וועלכער דער גאנצער ארום איז געווען אָנגעלאָדן. אויך די גליענדיקע זון האָט אויסגעקוקט אזוי מיד גלייך אלע אירע פייער-רעזערוון האָבן מיט איין מאָל אויסגעברענט. אויפן מאַט-געוואָרענעם הימל האבן זיך גענומען ארויסרוקן טונקעלע וואָלקנס וואָס האָבן אנגעיאָגט פון אַלע זייטן און באַלד זיך קאָנצענטרירט אין איין גרויסער געדיכטער כמאַרע, וואָס האָט א בלאָז געטאָן אויפן דאָרף פּאָפּקאָוויצאַ מיט בליצן, דונערן, רעגן און שטורם...

פון שטויביקן טראַקט האָט זיך פּלוצים באַוויזן א יונגער דאָרפס-גייער, מיט ווינט אין פאַרפלאַמטן פּנים, ווינט אין זיינע צעפּאַטלטע האָר, ווינט אין די האַלב-שיקלדיקע אויגן, אויך זיין רירעוודיקער געשטעל האָט אויסגעקוקט, ווי פון א הייסן ווינט געטראָגן...

— „מ׳קען דאָ איבערוואַרטן דעם ווילדן שטורם?״ — האָט ער אויף גיך זיך א ווענד געטאָן צו דער פאַרחלומטער חנה׳ן און גלייך אַוועקגעלייגט דעם זאַק פון זיינע פּלייצעס.

— „יאָ מ'קען" — האָט חנה אים באַלד פאַרגעלייגט אריינצוגיין אין שטוב. גלייך האָט דער פרעמדער באַמערקט, אַז אויף דער שלאַנק־צעוואַקסענער חנה'ן פּענקעט שוין איר גוט פאַרשפּיליעט בלוזקעלע... אויך איר קראַטענע באַרכאַנקע גרייכט שוין פאַר אירע קניען... און צו וועמען זיך אהיימיאַגן האָט ער אויך ניט געהאַט, איז ער דערווייל געבליבן דאָרטן נעכטיקן...

צומאָרגנס האָט דער שטורם זיך געשטאַרקט און קיינער טרייבט אים חלילה ניט אַרויס... בלייבט ער ווידער נעכטיקן און ווען די אויסגעבאָדענע זון האָט שפּעטער צוריק אויפגעשיינט, העל באַלויכטן די אויפגעפרישטע ביימער וואָס האָבן פון זיך אַרויסגעגעבן פאַרשיכורנדיקע ריחות פון צייטיקע פרוכטן, איז שוין דעם פרעמדן א רחמנות געווען איבערצולאָזן אן איינזאַם מיידל נעבעך, איינע אַליין אין אַזאַ וויסטן העק... איז מילא — ס'מיידל האָט ליב ס'פעלד? גייט ער מיט איר אין פעלד... זי וויל זיך באָדן? — באָדט ער זיך אויך... האָט טאַקע לאַנג ניט גענומען און חנה איז צוריק רואיק געוואָרן... צוריק שטיל, פרום, א צדקת...

ווען דער סופר איז געקומען איבערקוקן די מזוזה'ס, האָט אים דער פּאַכ־מער באַלד א זאָג געטאָן, אַז — שוין, ניט נייטיק מער זיין טירחה, שוין פאַר־טריבן די משחיתים... די פאַכטערקע ווידער, זעענדיק, אַז מיטן פרעמדנס קומען איז דאָס מיידל געראַטעוועט, האָט שטיל א טראַכט געטאָן: פאַראַן אין שטוב עלף פּיסקעס, וועט זיין נאָך א פרעסער... נאָר ווען ביי חנהן אונטערן פאַרטעך האָט זיך פּלוצים עפּעס גענומען בערגלען... האָבן די קאַפּטע דאָרפישע ברידער א נעם געטאָן דעם צעשראָקענעם „רעטער" פאַר זיין צעווינטיקטער טשופּרינע און אים אריינגעשריגן אין זיינע ממזרישע אויגן:

— „אָדער דו שטעלסט גלייך א חופה, אָדער מיר מאַכן פון דיר א קופּע!"

האָט דער יונגער דאָרפס־גייער אויסגעקליבן — בעסער א חופה... נאָר 5 טעג נאָכן ווערן מיט מזל א טאַטע, איז ער פאַרשוואונדן ווי אין וואַסער אריין... האָט חנה געזוכט סגולות ביי גוטע יידן. געזאָגט שפּרוכן ביי צעברויזטע טייכן, דאָרטן אריינגעוואָרפן קרישקעס ברויט, א ציצה פון פאַרשוואונדענעם מאַנס טלית־קטן... אָבער, ס'האָט גאָרניט געהאָלפן... פאַרשוואונדן און פּטור. אויך דאָס פּיצל נעבעך, איז געווען א דריבנענקעס, אן אויסגעדייוועטס. פאַר ווייטיק און צער, איז חנה'ס מילך אין אירע ברוסטן פאַרזויערט געוואָרן. האָט דאָס קינד גיך גענומען זעגן מיטן אָפּגעשוואַכטן הערצעלע, געכריפּעט איבער דער שטוב מיט אַזאַ יאָמערלעכן טרויער, אַז חנה האָט פון זיך שטיקער קלייד געריסן. זיך געבראָכן די הענט און הויך געכליפּעט: — „פאַרוואָס טאַטעשי? פאַר וועלכן,

מאַמעניו?״... און אַז דעם קינדס הערצעלע איז אינגאַנצן שטיל געבליבן, האָט חנה שוין ניט געהאַט מער וועמען ליב צו האָבן, וועמען צו דינען, פֿאַר וועמען זיך מקריב צו זײַן... געבליבן אין קלעם און עלנטע, פֿאַרבלאַנדזשעטע נשמה... דעריבער האָט זי ווידער גענומען גײן אין פֿעלד, בעטן צו די בײמער, וויינען פֿאַר די בלומען. ווײַל חנה האָט געבענקט נאָך עפּעס אין וועלכן זי זאָל זיך קענען אויפֿלייזן אינגאַנצן, נאָך עפּעס וואָס זאָל זיך לאָזן ליב האָבן... פֿאַרגעטערן...

דער פֿאַכטער האָט זיך געבראָכן דעם קאָפּ, זיך געוואָלט דערמאָנען: — „אין וועמען איז זי געראָטן חנה? און פֿון וואַנעט קומט צו אים אַזאַ אויסטערלי־שע מויד? אויף וויפֿל ער געדענקט, זײַנען זײַ פֿון דור־דורות פּשוטע דאָרפֿס־ייִדן, ניט געווען אַפֿילו קיין איין פֿרומער חסיד אין זײַער משפּחה. און דאָ — אַזאַ חנה! אַ „משלחת״, וואָס ציט איר נאָר צו תּפֿילות, צו הייליקייטן וואָס פֿאַסטן גיכער פֿאַר אַ ייִנגל... אָבער אַזאַ מויד? ס׳טע געזען אַ צרה?״...

און דעריבער האָט דער פֿאַכטער איינגעזען, אַז זײַן אומגליקלעכע 15־יאָריקע עגונה חנה, דאַרף מען וואָס גיכער שיקן אין שטעטל אַרײַן: — „זאָל זי כאָטש ווערן אַ לייטישע דינסט־מויד״.

* *
*

אין שטעטל איז חנה אָנגעקומען אין איין באַרכאַנטענעם קליידל, מיט גראָבע כאַלאַפּטשעס אויף אירע דינע פֿיס. און אַזוי ווי איר געקרויזטער קאָפּ איז שוין סײַ ווי געווען אָפּגעגאָלט און איר פֿאַרביטערט האַרץ — צעבראָכן, האָט זי מער ניט געוואָלט טראָגן קיין שייטל, נאָר אין אַ פּשוט קאָפּ־טיכל מיט אַ גרויער ראָגזשע אויף אירע שמאָלע פּלייצעס, אָנגענומען געוואָרן בײַ רבקה׳לע מלכה רחל׳ס אין דער קליינער בעקערײַ אויף אַ שטעלע.

רבקה׳לעס פֿרומער מאַן, ר׳ חיים מישיקער פֿלעגט זיצן יומם ולילה, צו־זאַמען מיט זײַנע פֿיר זין, על התורה ועל העבודה. פֿאַרקלינגען די אָרעמע שטוב מיט תּורה־ניגונים פֿון ש״ס און פּוסקים. חנה וואָס האָט פֿון איר קינדהייט אָן געבענקט, ניט ווויסנדיק אַליין פֿאַרוואָס, נאָך עפּעס אַזעלכעס וואָס זאָל אַרויסגײן פֿון דער טעגלעכער וואָכנדיקייט, וואָס זאָל זײַן מער אַ באַפֿרידיקונג פֿאַר איר נשמה, ווי פֿאַרן גוף, האָט געגלויבט באמונה שלימה אין אַ לעבן נאָכן טויט. דעריבער האָט זי אין דערדאָזיקער שטוב פֿון תּורה־געזאַנג באַלד געפֿונען איר גרויסע טרייסט, איר מנוחה... איר נשמה־געזאַנג. חנה׳ס געזונטע, שטאַרקע הענט פֿלעגן זיך אָפּשטעלן אינמיטן קנעטן די ברייטע דייזשעס. מיט דער שמאָ־

לער לאַפּעטע צווישן אירע הארטע דלאָניעס, פּארטראכטע אויגן און אָנ־געשפּיצטע אויערן געווענדעט צום שכנה׳שן אלקער. איר צאַפּלדיק הארץ האָט ארייגעאָטעמט די באטעמטע ניגונים פון גמרא־מוזיק, וואָס האָט זיך געטראָגן פון דער צווייטער שטוב אין א טערצעט, און וואָס האָט ארומגענומען חנה׳ן, ווי א באצויבערנדיקער כישוף...

ביים אויפרוימען דעם פאַרמעליקטן אַלקער, פלעגט זיך חנה לענגער פאַר־האַלטן ביים ספרים־שענקל, גלעטן די געגילדעטע רוקנס פונעם אויסגעלייגטן ש״ס און ס׳רוב פאַרגנבעט אהין אירע ציטערדיקע ליפּן... עפּעס שטיל געמורמלט, געזשומעט ביז ס׳פלעגט איר ווערן אזוי גרינג, ווי נאָך אירע שטילע תפילות צו די בלומען אין פעלד...

אין די שבתים, ימים־טובים, פלעגט חנה גיין, צוזאמען מיט רבקה׳לען אין שול. טיף זיך איינגעהערט צום חזנ׳ס קלינגענדיקן קול און כאָטש זי האָט ווייניק וואָס פאַרשטאַנען, האָט זי אָבער שוין געקענט די גרעסטע טייל תפילות פון אויסנווייניק: — „אדוני, אדוני״. — פלעגט זי אונטערכאַפּן אויפן קול און שטאַרק פאַרקוועטשט די אויגן, זיך געשטעלט אויף די שפּיץ־נעגל און פרום איבערגע־חזרט: — „אדוני, אדוני״ — געפילט אז איר געלייטערט האַרץ איז אינגאַנצן באהאַפטן מיט גאָט...

דעם העכסטן עקסטאז פלעגט חנה דערפילן בעת מען האָט צעעפנט דעם ארון־קודש און ארויסגענומען דעם ספר. זי פלעגט ניט קענען אָפּ־רייסן אירע פאַרבענקטע בליקן פונעם אויסגעשפּרייטן פאַרמעט. דידאָזיקע ליב־שאַפט צו העכסטער פאַרגעטערונג האָט זיך ביי איר פאַרוואַנדלט אין א פייערדי־קער ליידנשאַפט: פאַרגעטערונג צו אַזעלכעס וואָס נערט אירע שטילסטע טרוי־מען. א באַפרידיקונג צו ווידמען אירע פאַרבאָרגנסטע ליבשאַפטן צו א גאָט וואָס דאַרף זיך געפינען אין הימל און צו זיינע געבאָטן, וואָס געפינען זיך אין א ספר־תורה אויף דער ערד... אזוי האָט זי געפילט חנה, אַז נאָר דאָרטן, אינעם אויס־געשפּרייטן ספר, איז דאָס סאַמע העכסטע פון אַלע הייליקייטן און דאָס סאַמע טיפסטע פון אַלע אירע שטילסטע חלומות...

* *
*

יאָרן זיינען געלאָפן. די עגונה חנה האָט זיך פריצייטיק געעלטערט. אין איר קיילעכדיקן פּנים האָבן שוין געפּעלדלט בולטע קנייטשן. ארום אירע טונקע־לע אויגן האָבן בלויע רינגען געשאָטנט, אָבער זי האָט נאָך אַלץ געקנעטן די

אויפגעיורענע טייגן אין רבקה'לעס בעקעריי, אַלץ נאָך געטראָגן איר ציצענע באַרכאַנקע, גראָבע באַרלאַטשן און א טונקעלע קופּקע אויפן געגאָלטן קאָפּ און אַלץ נאָך געשלונגען מיט אַ טיפן אייפער די גמרא-ניגונים מיט וועלכע ר' חיים'ס שטוב איז תמיד פול געווען. פונעם בלויזן צוהערן האָט חנה אויסגעלערנט שטי-קער תלמוד, שטיקער תנ"ך און דאָס טייטש-חומש, וואָס רבקה'לע פלעגט פאַר איר אין די שבתים פאַרלייענען, געקענט אינגאַנצן פון אויסנווייניק. אַז רבקה'לע פלעגט אַמאָל ביים פאַרלייענען איינדרעמלען און בעתן אויפכאַפּן, פאַרטוישן די שורות, פלעגט איר חנה, מיט גרוים ציטערניש צוריק אַרויספירן אויפן גלייכן וועג: — „גאָט איז מיט דיר רבקה'ניו" — פלעגט זי אויסשרייען א פאַרציטערטע — „ניט אברהמען האָט מען געפירט צו דער עקדה, נאָר יצחקן"... אָדער — „דערבאַרעם דיך רבקה'שי, יוספן האָבן די ברידער פאַרקויפט, ניט בנימינ'ען"...

אין שטעטל האָט זיך עולם לאַנג געחידושט: — „דידאָזיקע חנה נעבעך, קיין מאַן קיין קינד — פאַר וועמען באַהאַלט זי אירע אָפּגעשפּאָרטע קערבלעך?" טייל האָבן געפּרוּווט טרעפן: — „זאַמלט אוודאי הוצאות אויף אַ רייזע אַרום דער וועלט, אפשר וועט זי ערגעץ פאַקן איר פאַרשוווּנדענעם „ראַזבויניק"... אַנדערע האָבן זיך געקליגט: — „זי וויל אַרויסקריגן א היתר פון מאה רבנים כדי צו קענען נאָכאַמאָל גיין אונטער דער חופה"... בלויז חנה אַליין האָט שטיל אין זיך געשמייכלט. געלייגט אַ גראָשן צו א גראָשן. געטראָגן עס אויפן האלדז אין אַ לייוועטנעם זעקעלע און עס געוואַרעמט פאַר א גרויסן ציל, וואָס נאָר זי אַליין האָט געוווּסט. ביז זי האָט אַנטפּלעקט פאַר ר' יעקב סופר אירע טיפסטע פאַרבאָרגענישן.

* *
*

צוויי יאָר צייט פלעגט חנה, אין די פרימאָרגנס זיך פאַרגנבענען אין יאָמע געסל, כדי צו זען, ווי ר' יעקב גייט זיך טובלה'ן איידער ער נעמט די גענזענע פעדער צו שרייבן איר, חנה'ס ספר-תורה, וואָס וועט בלייבן א זכר נאָך איר פאַרוואָגלטן לעבן. חנה'ס פאַרעלטערטער פּנים, איז מיט יעדן טאָג יינגער גע-וואָרן... אַראָפּגעוואָרפן פון זיך איר לאַנגיאָריקע עגונה'שאָפט. איר פאַרביטערט לעבן האָט צוריק באַקומען אַ טיפן זין, אַ פעסטן אָנהאַלט...

דאָס גאַנצע שטעטל יידן האָט זיך פייערלעך געגרייט צו דעם גרויסן יום-טוב פון סיום הספר. ר' פייוול איסר דער זייגערמאַכער האָט מיט זיין ריי-כער פאַנטאַזיע, לאַנג געסטראָיעט אַ טאָוולנע לאַמטערנע מיט פיר-קאַנטיקע פענצטערלעך וואָס זיינען פון אינעווייניק באַלויכטן געוואָרן דורך צענדליקער

קליינע ליכטלעך. און ווען מען האָט די לאָמטערנע געטראָגן אין דער נאַכט אויף אַ הויכן שטעקן, האָט עס אויסגעקוקט, ווי עפּעס אַ פאַנטאַסטיש־לייכטנדי־קער באַליאָן וואָלט געהאָנגען צווישן הימל און ערד.

די נאַכט פון פירן חנה׳ס ספר אין שול איז געווען אַ ווייסע, אַן אויסגע־שטערנטע. ביים סופר אין שטוב איז דאָס נייע ספר געלעגן צעוויקלט. חשובע בעלי־בתים זיינען געשטאַנען ארום, ווי ביי א פריש געבוירן קינד וואָס מען גייט ערשט יידישן... פאַרמעגלעכע יידן האָבן געקויפט אותיות, זיך אריינגעפאַרן אינעם מקח... זילבערנע קערבלעך זיינען געפלויגן צום שטאָט־משמש אין קאָפּל אַריין. איינער ביים אַנדערן האָט אויסגעכאַפּט דאָס בעסטע אות... איבערגעשטיגן מיטן פרייז פאַרן טייערסטן וואָרט...

פון אַלע עקן שטאָט האָבן ווייבער געצויגן צו חנה׳ן אין שמאָלן אַלקער אַריין. דאָרטן איז זיך געלעגן יחוסדיק אויסגעשפּרייט אַ שטיק רויטער סאַמעט, אויסגעהאַפטן מיט זילבער־שטעך די 10 געבאָטן און צוויי שטרענגע לייבן ביי די זייטן האָבן געהיט דאָס הייליקייט. עס האָט בלויז געפעלט מען זאָל צוזאַמענ־נייען דעם סאַמעט כדי ס׳זאָל ווערן דערפון אַ מענטעלע פאַרן נייעם ספר... אָבער אַ שטאָך אינעם הייליקן מלבוש האָט באַטייט א סגולה צו פאַרשיידענע חולאתן.. צו עקרה׳שאַפט, אלמנה׳שאַפט און יתומה׳שאַפט... פאַר אַ „צענערל” האָט מען זיך געקענט קויפן אַ שטאָך אינעם הייליקן מענטעלע. די לעצטע צוויי שטעך אָבער, זיינען געווען די וויכטיקסטע, ווייל מיט זיי איז דאָס מלבוש פאַרענדיקט געוואָרן. איז דאַריבער אָנגעגאַנגען אַ גרויסע קאָנקורענץ... אסתרל דוד קאָנס, די ערשטע גבירנטע, אין איר שפּיצענעם הייבל, דריי בייטשן גראָבע פערל אונ־טערן ראָזען גוידער, האָט יחוסדיק אַ זאָג געטאָן: — „פינף קערבלעך פאַר די לעצטע צוויי שטעך”.

שרה׳לע זכריה׳ס, צווייטע גבירנטע, אין איר טאַפטענער קרינאָלינע וואָס האָט נגידיש גערוישט ביי יעדן ריר, האָט איבערגעשלאָגן דעם פרייז מיט: — „אַכט רובל פאַר די לעצטע צוויי שטעך”.

האָט אסתרל אַ גלעט געטאָן איר געקרעפטן זשאַבאָט און קאַלטבלוטיק צוריק אַטאַקירט: — „צען קאַרבוינצעס פאַר די לעצטע צוויי שטעך”.

ביילע־מינקע, די שטאָט־גבאי׳טע, אין איר פעלענעם שייטל, ווי פון פאַ־קאַלים, מיט העלע טריפנדיקע אויגן, צעלאָזטער בלוזקע איבער אַ האַלב טוץ אונ־טערספּאָדניצעס, וואָס זי איז געווען אויפן גוטן אָרט און האָט אריינגערעדט אין הייליקן צדיקס אוהל: — „ביסט פאַרבעטן צו דער שמחה רביניו... זאָלסטו ניט פעלן הייליקער צדיק, קומען צו דער רעכטער צייט”...

קוקנדיק פארבליפט מיט אירע וואסערדיקע אויגן אויף דער צעפלאקער־טער „געלט־מלחמה", האטביילע מינקע א הויב געטאן אירע טרייסלענדיקע הענט צום נידעריקן סופיט און אויסגערופן מיט א תחינה־ניגון:

— „רבונו של עולם, מיש דעך אראן"...

אריינגעמישט האט זיך אבער ר' פייוול איסר, וואס האט מורא געהאט, אז די חלב'נע ליכטלעך אין זיין קינסטלערישער לאמטערנע קענען נאך חלילה אויסגיין איידער די צוויי גבירישע עקשנ'טעס וועלן קומען צו אן אויסגלייך...

— „יעך האב א גיטע עצה" — האט ר' פייוול איסר א פינטל געטאן מיט זיינע קלוגע אויגן — „יעך לייג פאר, אז אסתרל זאל אריינשטעכן די נאדל אין שרה'לע זאל ארויסציען דעם פאדים... נאך דעם, זאל שרה'לע אריינשטעכן די נאדל און אסתרל זאל ארויסציען דעם פאדים און זאל זיין שלום על ישראל"...

— „אין א מזלדיקער שעה" — האבן אלע אויסגעשריען.

* *
*

לעבן סופרס נידעריקן שטיבל, איז די שטאט־קאפעליע שוין געשטאנען גרייט. ר' אלי קלעזמערס אויסגעפוצטער טראמבאס האט אין דער טונקלקייט אזוי שטארק געבלישטשעט, גלייך אונטער זיין קופערנער הויט וואלטן דינע שפיזעלעך געברענט. ר' שמואל יעקל מיט זיין ברוינעם פידעלע אונטער דער שמאלער גאמבע, האט אנגעלענט דאס לינקע אויער אויף די שטייפע סטרונעס און געהאלטן אין איין סטראיען, קלינגען, זשומען, זוכן דעם ריכטיקן טאן. זישע דער גאלער האט געגאנגט צווישן זיינע דינע, מיידלשע ליפן דעם שפיץ פון זיין געזילבערטן טראמפייטל, ארויסגעלאזט דריבנע פיגעלעך און גלייך מיט אלע געווארט אויפן ערשטן ארויסמארש. דער האלב בלינדער זרח האט געטראגן די גרויסע פויק מיט א ברייטן רימען ארומגעגארטלט איבער זיין שמאלער פלייצע און מיט א הילצערן שטעקעלע האט ער געהאלטן אין איין אויספרווון די מעשענע טאצן, וואס האבן אזוי געברומט גלייך מען וואלט אין זיי הארטע שטיינדעלעך געווארפן. און ווען ר' יעקב סופר האט זיך באוויזן אין זיין צעדריוולטער קאפאטע מיטן נייעם ספר צוגעדריקט צום הארץ, האט די אנגעסטראיעטע קאפעליע געגעבן אזא הילכנדיקן שפיל־אויף, אז אלעמענס פיס האבן זיך גלייך גענומען הייבן צום טאנץ און דער יום־טוב מארש איבערן שטעטל האט זיך אנגעהויבן. שטעטלדיקע בעלי־בתים פארקליידטע אין מיליטערישע „אבראניעס" מיט היטלען פון דראגונער, פון פאיאצן זיינען געריטן אויף פערד מיט געצונדענע לאמ־

טערנדלעך אין די הענט און צוגעזונגען שמחת-תורה׳דיק. אַנדערע זיינען געגאַנ-גען אויף שטאָלצן מיט ברענענדיקע שטורקאַצן אויף הויכע שטעקנס און גע-האַלטן אין איין צוזוויסן געבן: „סיום הספר, לכבוד דער הייליקער תורה״.

פיר בית-המדרשניקעס אין זייערע געהאַקטע קאַפּאָטעס מיט פליטקע הי-טעלעך אויף די קעפּ האָבן געטראָגן די חופּה-שטאַנגען. אונטער דער חופּה האָבן א קרענצל יידן ארומגערינגלט ר׳ יעקבן מיטן נייעם ספר. די אויגן פאַרגלאָצטע צום הימל, האָבן זיי געטאַנצט ביזן העכסטן עקסטאַז.

חנה די פּאָפּקאָוויצער אין א ניי קאַרבירט שייטל, וואָס זי האָט אָנגעטאָן נאָך צוואַנציק יאָריקער עגונה׳שאַפט, איז מיט א פאַרפלאַמטן פּנים, ווי א כלה, געפירט געוואָרן דורך ביידע גבירטעס און דאָס גאַנצע שטעטל ווייבער מיט געצונדענע ליכט אין די הענט זיינען נאָכגעגאַנגען פון הינטן. ביילע-מינקע האָט צוגעפּאַטשט מיט די הענט: „אין א גוטער שעה, אין א מזלדיקער שעה״. איבער אלעמענס קעפּ האָט א פולע לבנה געוואָרפן פאַסמעס זילבער אויפן נאָענטסטן וועלדל, פון וועלכן העלע צווייגן-קעפּ האָבן זיך געזען פונוויטנס. ס׳האָט זיך גע-דאַכט — אַז זיי, די ביימער יום טוב׳ן מיט. אויך די צייטיקע פעלדער און די אין גרין-געהילטע לאָנקעס האָבן מיט זייער פאַרשיכורנדיקע זומער-ריחות פאַרפו-מירט די הייליקע שמחה. אויפן שפּיץ-דאַך פון דער אַלטער קראָשניקער שול, האָט די פולע לבנה, וואָס האָט באַגלייט דעם מארש איבערן גאַנצן שטעטל, זיך אָפּגעשטעלט די ערשטע... צוגעלויכטן דעם אָנקום פון נייעם ספר, געוואָרפן פאַסן זילבער-שיין אויף די זינגענדיקע און טאַנצנדיקע יידן.

צוזאַמען מיט אַלע שטעטלשע ווייבער, האָט אויך חנה די פּאָפּקאָוויצער געמוזט זיך אָפּזונדערן ארויף אויף דער ווייבערישער גאַלעריע. אונטן האָבן די מעשענע קאַנדעלאַבערעס מיט די זילבערנע הענג-לייכטער און הונדערטער ליכ-טער באַזונט און באַלויכטן די געמאָלענע שול-ווענט, ווו אויף דער מזרח-זייט איז געלעגן אויסגעמאָלן, ווי לעבעדיק, א לאַנגער פיש, דער סימבאָל פון לויתן. לעבן לויתן, דער שור הבר. און קעגנאיבער, אויף דער צווייטער וואַנט — יונגע מלאכים מיט פייקלעך אין די הענט, האָבן אויסגעקוקט גלייך זיי וואָלטן געשוועבט אויף די ווענט.

חנה׳ס פאַרפלאַמטע פּנים האָט געלויכטן, ווי די שכינה. זי האָט געוווּסט, אַז דאָס וואַרטן די מלאכים אויפן שופר של משיח... און אַז יידן וועלן ווערט זיין, וועלן זיי צעשניידן דעם לויתן מיטן שור הבר און אַלעמען טיילן שיריים לכבוד דער אויסגעבענקטער גאולה... חנהס צעשטראַלטע אויגן האָבן געקוקט מיט שמחה ווי דער עולם אונטן איז זיך פריידיק משמח. געהערט זיי מאַכן די ערשטע

הקפות מיט איר ספר: — „אנה אדוני הושיעה נא; אנה אדוני הצליחה נא״... די מוזיק האָט ליריש צוגעשפּילט און חנה האָט דייטלעך געהערט, ווי די מלאכים אויף די וועגט קלאַפּן צו אויף זייערע געגילדעטע פּייקעלעך...

פּלוצים האָבן די ווייבער איר געגומען שטורכען, טאָרען, וועקן פון איר פאַרחלומטקייט: זי — „מעגסט אראָפּגיין חנה, נישקשה, זיי וועלן דיך אריינלאָזן... ס'איז דאָך דיין שמחה״ — האָבן זיי איר געשושקעט אין די אויערן אריין. אָבער חנה האָט זיך געשעמט, געדרויטלט ווי א כלה-מיידל און אַוועקגעמאַכט מיט דער האַנט: — „גאָט באַהיט. א זינדיקע אישה אראָפּגיין אונטן? חלילה, ניט כדאי זיך צו שטופּן... סיידן ווען די צייט וועט קומען... אז זי וועט ווערט זיין מען זאָל איר אריינטראָגן אין שול — דעמאָלט יאָ״...

זי וועט קומען, די צייט. חנה פילט עס א גאַנצן טאָג אינעם אויסטערלישן קלאַפּן פון איר פריידיק הארץ... שוין א פּאָר מאָל אפילו אָן אָטעם געבליבן... זי ווייסט, אז אַלץ קומט איר פון צופיל פרייד... פון האָבן דערגרייכט איר לאַנג-יאָריקע שטרעבונג. איר אויסגעחלומטן חלום... איצטער איז איר סיי ווי גאָרניט מער קיין נפקא-מינה...

און בעת עולם האָט אונטן אויפגעמאַכט דעם אָרון-קודש אריינצושטעלן דאָס נייע ספר, האָט חנה געזען, אז דאָס עפנט זיך גאָר א טירל פון הימל... דערזען א פלאַם פון טויזנטער ליכטער; געהערט דאָס שפּילן פון דער הימלישער קאַפּעליע און געפילט, ווי זי נעמט זיך הייבן... הייבן... העכער און העכער... נאָך א טראָ-פּעלע, נאָך א טראָפּעלע און אָט — די הימלישע טויערן האָבן זיך ראַפּטום צע-פּראַלט פאַר איר...

— „געוואַלט! חנה חלש'ט! וואַסער!״ — האָט עולם פון אַלע זייטן גענו-מען ליאַרמען.

נאָר ביז מען איז געקומען מיטן ביסל וואַסער, איז שוין חנה די פּאַפּקאַ-וויצער געווען אין „גן-עדן״...

★ ★ ★

צוויי מאמעס

אויף „פּראַסע אָנזע”, לעבן דער יידישער יאַטקע, ביי די שמאָלע טרעפּ וואָס פירן צו אַ ברייטן קלויסטער, זיצט איצט חיה־שרה אויף א שטיינערנער באַנק, איז אומגעדולדיק פון לאַנגן וואַרטן אויף איר גוטער פריינדין ביילע־גיטל, וואָס קומט כמעט טעגלעך פון ווייטן „איפאַנעמא”, כדי — ווי ביילע־גיטל רופט עס אָן — „צעוויקלען די לאַנגע „מגילות” פון זייערע אָנגעוויטיקטע מאַמעשע הערצער”.

איצט איז פסח־צייט. די שווערע טראָפּישע היץ האָט אביסל נאָכגעלאָזט. קילע האַרבסט — ווינטעלעך בלאָזן שוין פון אויפגעשטורעמטן ים, יאָגן זיך צווישן די הויכע פּאַלמען. פון די אָפטע רעגנס קוקן די נאָענטע בערג אויס טריב, ווי פאַרוויינט.

היה־שרה זיצט איינגעקריליעט אין איר אַלטפרענקישער, וואַרעמער שובע. איר לענגלעכער קאָפּ איז ארומגעוויקלט מיט א שוואַרץ־זיידענעם שאַליק. אירע טאָפּלטע ברילן זיינען מיט קילער פּאַרע פאַרהויכט.

חיה שרה האַלט זיך אין איין חידושן: — אָ וואַ — אָ וואַ — האָט זיך דאָס היינט ביילע־גיטל פאַרשפּעטיקט. אָ וואַ, אָ וואַ — פּלוצים דערפילט זי א לייכטן צופּ ביים אַרבל: — אָ: קרוינעלעך מיינע — שרייט חיה שרה אויס עץ זענט מיך גאָר באַפאַלן פון הינטן?

ביילע־גיטלס העל, דעליקאַטע פּנים קוקט אויס שטאַרק צערודערט. אירע גרויע, זילבער־האָר, פריזירט אַלאַ גאַרסאָן, זיינען אין אומאָרדענונג צעוואַרפן. מיט באַהערשטן כעס טוט זי א שטילן זאָג: — אַלץ צוליבן „דראַן” דעם שוואַרצן „קוטשערל”, וואָס ציט הכנעהדיק דעם „טשאַפּינק” פאַר מיר, בוקט און נויגט זיך ביז צו דער ערד, נאָר מיטנעמען מיך אין שטאָט אריין — דאָס ניט. ר'האָט ניט— זאָגט ער —קיין „אָרדער” קיין באַפעל פון סעניאָר אָסקאַר... אזא „ליי־דאַק”, מיטצונעמען דעם באַלעבאָס מאַמע, דאַרף ער האָבן אַן „אָרדער”?

חיה־שרה טוט א פייכטן פינטל מיט אירע רויטלעכע קאַליע־אויגן וואָס שפּיגלען אָפּ אין אירע טאָפּלטע ברילן, ווי א בליץ פון א פאָטאָגראַפישן אַפּאַ־ראַט. זי טוט דערביי א טרוקן הוסטל און שלאָגט איבער ביילע־גיטלען אינמיטן:

— וואָ־זשע איז ער טאַקע שולדיק, דאָס אָרעמע שאָפערל, נעבעך? איך האַלט, אויב אייערע קינדער זאָגן אים ניט אָן אייך תמיד מיטצונעמען, מוז ער זיי

פּלאָגן... חיה־שרה האָט דערווייל געמאַכט פּלאַץ,ביילע גיטל זאָל זיך אוועקזעצן. זי האָט אָבער געזען אין ביילע־גיטלס פאַרטרויערטע אויגן עפּעס א גליאיק פייערל, איז זי זיך שוין משער געווען, אז ס'איז גלייכער אָפּצוואַרטן ביז די אָנגעפּילטע „קוואלן" וועלן פון זיך אליין א שלאָג טון... דעריבער איז זי געבליבן זיצן שטיל. זינט זיי טרעפן זיך, האָט טאַקע איצט צום ערשטן מאָל, זיך פּלוצים דערהערט א פאַרשטיקט געוויין וואָס איז געקומען פון ביילע־גיטלס פאַרבאָרגענע טיפענישן... חיה־שרה האָט איר געלאָזט זיך גוט אויסוויינען, ביז זי האָט לסוף א זאָג געטון:

— געוויין לאָמיר בעסער הערן,,, וואָס ס'האָט פּאַסירט... דערציילט...

חיה־שרה און ביילע־גיטל האָבן זיך באַקענט אויף א שיף, וואָס האָט ביידע יידישע מאַמעס געבראַכט צו זייערע קינדער קיין בראַזיל. צווישן הימל, וואַסער און שאַרכנדיקע ים־כוואַליעס האָבן זיך צעעפנט זייערע אַנגעווייטיקטע הערצער און מ'האָט זיך גענומען דערציילן.

— געהאַט א טייערן מאַן — האָט חיה־שרה גערעדט — א פרומער ייד, א בן־תורה. געהאַט וווילע קינדער, צו גאָט און צו לייט. נאָר מיט פּרנסה איז געווען פאַסקודנע... געפּינצטערט יאָרן מיט עסן שוואַרצע ראַזשוגע, רעטשינע קליסקעלעך. אין די שבתים פּאָפּלוניקעס, „וואַסקראַבקעס" און, יאַקאָש, געטשערפּיעט... ביז ס'האָט די קינדער גענומען ציען — דעם בכור קיין אַרגענטינע, דעם צווייטן קיין מעקסיקע, דעם מיטעלסטן נאָך אויסטראַליע, צוויי קיין בראַזיליע. און ביז מ'האָט זיך רעכט אַרומגעקוקט, איז מען געבליבן דזשאַד און באַבע. איינגיבן האָט איר פרומער מאַן גענומען אונטערקרעכצן:

— נאַדיר א שיבוש פאַרן עולם השקר — די אמתע וועלט איז ערשט דאָרטן... איינס און צוויי און ר'איז אויך אוועק... האָבן די קינדער באַלד גענומען שרייבן: — נאָך וואָס באַדאַרפסטו „פּראַזשין" א קאַלטן פּריפּעטשיק? היטן די מתים אויפן בית־עולם? קום בעסער צו אונדז — טאַקע א טריפהנע מדינה דאָ, אָבער וועט ס'וויל האַלטן כשר'ס שטעלט מען אים ניט צו קיין ביקס צום קאָפּ.

קיין גרויסע זיבן זאכן איז ניט געווען צו פאַרפּאַקן: ס'מעשענע חנוכה־לעמפּל, ס'זילבערנע בשמים־ביקסל, א קופּערנער מערזשער, ס'אייזערנע ראַנדל, אָט דאָס איז די גאַנצע ירושה וואָס איך פיר צו די קינדער...

ביילע־גיטל, ווידער, וואָס האָט מיט א קלוג שמייכעלע זיך איינגעהערט אין חיה־שרהס געשיכטע, האָט צום סוף א זאָג געטון — אויך מיר א טראַגע־

דיע? — מיט מיינעם זעט איר האָב איך דוקא אָפּגעפּינצטערט די יאָרן... געווען א „סאמאָוואָליעץ", דאָ מעק זיך ניט, דאָרט שטעל דיך ניט, און ס'מאַמעלע זיינס — פונקט ווי ער: לאָקשן וואלגערט מען ניט זיצנדיק, און כריין רייבט מען ניט שטייענדיק... צוויי „קאָמאַנדאַטשיקעס" געהאַט... איז מיר באַלד צווישן זיי ענג געווארן ס'לעבן. אַזוי לאַנג און אזוי ברייט ביז מ'איז אוועק צום רב... אז דער הייליקער רבי האָט אָבער פארגנבעט א זייטיקן בליק אויף מיין פארשפּיצטן בויך, האָט ער גלייך א דריי געטון מיט זיין געהויקערטער-נאָז: — מעוברתע ווייבער גיב איך ניט קיין גט...

ווען מיין אַלטער-לעבן איז געקומען אויף דער וועלט האָט נאָך אלץ דער רבי געטענהט: — ניין — ס'א פּיצל נעבעך, באַדאַרף די ברוסטן און אז מ'גיט צום זויגן, ווייסט מען ניט ווו מ'האַלט מיט טהרות... בקיצור — עס קאָנט נאָך דערוויילע אהיים גיין...

געזען סאיז א מעשה אָן א סוף, האָב איך זיך אָפּגעזונדערט פונעם מאַן... און ביז כ'האָב דערלעבט מען זאָל מיר שוין דערלאַנגען די רויטע פּאַטשיילע מקבל קנין צו זיין, אז איך גיב מחילה, איז מיין קליינער תכשיט שוין געגאַנגען אין חדר אריין...

און וואָס האָטביילע-גיטל ניט געטון צו דערציען איר איינציקן קדיש? געהאנדלט מיט „ליעזשלקעס", מיט שארע ראַנעטן, פרעמדע פאָדלאַגעס געוואַשן... נאָר ווען עס האָט זיך אים באוויזן דער ערשטער שפּראָץ אויף זיין שמאָלער גאָמבע, איז אים ענג געווארן דער מאמעס שטוב און — אוועק... חתונה געהאט א קינד איז געקומען. אָבער די מאמע האָט דאָס אלץ פארנומען דורך דער „פאפירענער בריק"; דאָרטן פארמעגלעך געוואָרן, רייך, צולעצט — אן עושר. שרייבט ער איר:

— קום זיך דורך מאַמע, וועסט הנאה האָבן... געדענק, לייטיש אָנגעטון... דער עיקר — אין א שיינעם קאַפעלוש...

— כע-כע-כע — האָט זיך ביילע-גיטל צעלאכט אין מיטן דערציילן, — אויסגעהאַרעוועטע הענט, ווייטיקן אין די פיס, א שטעכעניש אין די פּלייצעס און א קאפּעלוש אויפן קאָפּ... אָבער דער עיקר, ווו זאָל איך ביי אונדז נעמען א קאַפּעלוש? אז אין גאַנצן שטעטל איז ניט געווען מער ווי איין שטרויענער קאַפּעלוש. סיי זומער, סיי ווינטער, אז א מיידל האָט זיך געדארפט זען מיט א חתן, האָט איינע ביי דער אנדערער אויסגעבאָרגט דעם קאַפּעלוש... בין איך

טאַקע עקסטרע געפאָרן קיין לובלין איינגעהאַנדלט עפּעס א סאַמעטן היטל, וואָס קוקט אויס, ווי א פלאַטשיקע פּאַטעלניע, און אָט פּאָר איך קיין בראַזיל...

☆ ☆ ☆

אין א טראָפּיש-הייסן זומער-טאָג זיינען ביידע מאַמעס אראָפּ פון שיף. חיה-שרה, אין א סאַטינדעליאָנע קלייד מיט געקרעפּטע קריזשעס, קאַרבירטן שייטל און פאַרפלאַמטן פּנים, האָט אויסגעקוקט, גלייך זי וואָלט נאָר וואָס געקומען פון שבתדיקן דאַווענען. ס׳האָבן זי באַלד ארומגערינגלט אירע צוויי הויכע פּעסט-געבויטע זין מיט זייערע באַחנטע, פּשוטע יידישע ווייבלעך. א האַלב טוץ אייני-קלעך האָבן זיך צוגעטוליעט:

— באָבע! שוויגער! מאַמע! — האָבן אלע צוזאַמען זיך געפרייט מיטן גאַסט, געקושט, געהאַלדזט, געטומלט, ניט ערגער, ווי אין דער אַלטער היים.

געלאַסן, מיט געמאָסטענע טריטעלעך, איז אויך צו ביילע-גיטלען צוגעקו-מען אן אויסגעפּראַנטעוועטער מאַן, פון מיטעלן ווּקס, אין אן עכטן פּאַנאַמאַ-הוט, גאָלדענע זון-ברילן אויף בלויע אויגן, זיך דזשענטעלמעניש פאַרנייגט און שטיל אויסגערופן: — האַלאָ מאַמאַ! נו וואָס, דערקענסט מיך טאַקע ניט?

— אָ! — האָט ביילע-גיטל אַזש אויפגעציטערט — דאָס ביסטו, אַלטער-לעבן? — באמת ניט דערקענט.

ביילע-גיטל האָט זיך געוואָלט א וואָרף טון אויף זיין האַלדז, וויינען, לאַכן זיך פרייען, אָבער זיין שטייפע, אָנגעצויגענע האַלטונג האָט זי אביסל אָפּגעקילט...

סעניאָר אָסקאַר האָט זיין מוטער א גאַלאַנטן קוש געטון און גלייך אן אומצופרידענעם בליק געוואָרפן אויף איר צו-פּליטקע קאַפּעלוש... איר א וויַיז געטון אויף אַ גלאַנצנדיקן אויטאָמאָביל וואָס האָט שטאַרק געבלישטשעט פון ווייטנס: — דאָרטן וואַרטן פּעפּיניו און זשאָרזשיניו — האָט ער אָ וויַיז געטון מיט א פינגער אויף וועלכן ס׳האָט געבליסקעט א גרויסער ברילִיאַנט...

— וואָס-זשע — האָט ביילע-גיטל א פרעג געטון מיט א קלוג געלעכטערל — זיי האָבן ניט קא „פּאַסירשיין" אויסצושטייגן?...

סעניאָר אָסקאַר האָט איר קודם געבעטן אויסטון די „פלאַטשיקע פּאַטעל-ניע", אָפּגעשטויבט איר צעקנייטשטע קלייד און געלאַסן זי צוגעפירט צום וואָגן... א שוואַרצער שאָפער האָט מיט גרויס דרך-ארץ אויפגעמאַכט די ברייטע טיר. די צעשטראַלטע זון האָט א פלייץ געטון מיט צעגאָסענעם זילבער, העל באַ-

לויכטן א דיקע יידענע אין א בלויען הוט מיט ווייסע פעדערן: — האלא שוויגער, „ענטרע" (קומט אריין) — האט דאנא פעפא מיט א דין שטימעלע פארבעטן ביילע־גיטלען איינצושטייגן. — האלא וואווא — האט אויך דער קליינער זשארזשיניו, צערעמאניאל, געקושט ביילע־גיטלען אין דער האנט...

ביילע־גיטל האט זיך דערפילט אביסל אומהיימלעך: — אזוי גאר? — האט זי שטיל אין זיך א טראכט געטון — אויב רייך הייסט עס, אז טאקע פריצים? — און אין געדאנק שוין מקנא געווען חיה־שרהן...

אין דער רחבותדיקער געגנט פון „לעבלאן", ביי א ווונדערלעכער איינש־טאקיקער געביידע, ארומגעצוימט מיט א געדיכט־באבלומטן גארטן, איז פון דארטן צוערשט אקעגנגעשפרונגען דער הויכער הונט באליעק און מקבל־פנים געווען ביילע־גיטלען מיט אזא אויסטערלישער געבילעריי, אז ס'הארץ איז איר אזש פארצאפלט געווארן: — א פודזשאץ! — האט זי זיך גענומען ציטערדיק אפיאגן — ווײ איז צו מיר, א פודזשיאץ, פשא קרעוו! — און א טראכט געטון: — א שיינער סקאצל קומט...

ווען מ'איז אריין אין צעבליטן גארטן, האט די טראפישע זון געפארבט די ביימער־שפיצן מיט ראזע קאלירן. די ווייסע נעלקן האבן זיך שוין גענומען איינוויקלען פארן שלאף, און די ליליא־אנזשעליקאס האבן פארשיכורט מיט זייערע זיסע ריחות.

אז ביילע־גיטל האט דערזען אינמיטן שמעקנדיקן גארטן א פאלאץ פון מירמלשטיין, האט זי גענומען גיין אזוי פארזיכטיק, ווי אויף גלאז... ס'האט זיך איר נאר געדאכט אז אט־אט וועט זי זיך אויסגליטשן און אוועקפאלן...

אין גרויסן אויפנאם־סאלאן האבן שווערע בראנדז־פיגורן געדרעמלט אויף הויכע קאלומנעס. קאסטבארע אייל־בילדער זיינען געהאנגען אזוי געדיכט, כמעט איינס אויפן אנדער...

— נו, מאמע, וואס ביסטו אזוי צעטומלט? מאך זיך היימיש, מאמע. — האט סעניאר אסקאר איר געוועקט פון צעטומלעניש.

— כ'זאל אזוי וויסן פון א בייז אויג ווי כוויים באמת ניט וואס עס טוט זיך מיט מיר — האט ביילע־גיטל געהויבן די דארע פלייצעס, צוגעשאקלט מיטן גרויען קאפ און געהאלטן אין איין שטוינען: — אזא רחבות... אזא עשירות־ראטשילד...

יעדער ווײלע האט דאנא פעפא א קלונג געטון מיטן גלאק. אלעמאל האט זיך באוויזן אן אנדער שיקסל, אויסגעהערט מיט הכנעה די באפעלן און איז צוריק פארשוווּנדן.

פון קליינעם זשאַרזשיניום צימער האָבן זיך געטראָגן גרויסע קולות: — דאָס קינד וויל נעבעך ניט אראָפּשלינגען קיין ביסן — האָט דאָנא פּעפּא אויפגעקלערט די געשרייען פאַר איר שוויגער: — מען מוז אים תמיד שטאָפּן... און ביילע-גיטל, מיט דער חכמה פון א סך שווערע איבערגעלעבטע יאָרן, האָט שטיל געשמייכלט און לסוף אריינגעוואָרפן:

— כ׳געדענק גאָר ניט ביי אלטער לעבן קיין שלעכטן אפּעטיט... פאַרקערט, ס׳רוב איז גאָר ניט געווען מיט וואָס צו שטילן דעם הונגער...

נאָך דער זאַטער וועטשערע, האָט מען דער מאַמען גענומען ווייזן דאָס גאַנצע גרויסע הויז: אָן אונטן מיט אָן אויבן... געשניצטע לוקסוס מעבלען, פּערסישע טעפּיכער, די שווערע זילבער-כלים, וואָס זיינען געווען אַזוי געפּאַקט, אַז די ברייטע שופלאָדן האָבן אַזש אונטערגעקרעכצט... און לסוף — אויך געפירט איר ווייזן דעם הונטס אויסגעפּוצט שטיבעלע, וואָס האָט אַ נידעריקן דיוואַן מיט באַזונדער עס-געשיר און אפילו אַ קליין באָד-צימער איז אויך דאָ... ביילע-גיטל האָט ווינציק גערעדט, אויף אַלץ געקוקט מטושטש, ווי אין חלום, נאָר לסוף אַ שטילן פרעג געטון: — וואָס האָסטו אַזוינס געטון אַלטער-לעבן, כדי דאָס אַלץ צו דאַראַביען?...

— וואָס האָב איך ניט געטון? — האָט סעניאָר אָסקאַר פאַרטראַכטער-הייט צוריקגעפרעגט און גלייך צוגעגעבן: — געקלאַפּט אין בראַזיליאַנער טירן, געטשאַפּעט אויף גליענדיקע בערג, געשלאָפן אין הילפּס-פאַריין, געגעסן רייז מיט שוואַרצע פאַסאָליעס, געלעגן ניין איילן טיף אין דער ערד... ביז... נו, מאַמע, ס׳אַ צו לאַנגע מעשה...

דורכן הונטס קליין פענצטערל האָט מען געזען אַ גרויסן הימל מען האָט נעהערט דאָס קוואַקען פון קליינע זשאַבקעלעך, און פויקנדיקע מוזיק פון בראַזי-ליאַנער „קאַרנאַוואַלעסקאַ”...

דאָנא פּעפּאַ האָט זיך באַוויזן אויף דער שוועל, דיסקרעט אַ בליק געטון אויף איר בריליאַנטענעם האַנט-זייגער און שטיל אויסגערופן:

— ס׳איז שפּעט, מען דאַרף דער שוויגער פירן שלאָפן...

אין ביילע-גיטלס האַרץ האָט זיך ווי עפּעס אָפּגעריסן...

— מיך פירן? — האָט זי מיט אַ צעשראָקן קול און אַ פאַרבאָרגענער אומרו איבערגעפרעגט — וואָס עפּעס פירן? ס׳איז דען אַזוי ווייט?

סעניאָר אָסקאַר האָט זיך געגעבן אַ צעקנעפּל דעם קאָלנער... דערפילט אַ שטאַרקע היץ און געוואָלט קלאָר מאַכן... אָבער דאָנאַ פּעפּאַ האָט אויסגעכאַפּט: — ווייט? ווער זאָגט עס אַז ווייט? — אָט, דאָ־אָ באַלד, אויף דער צווייטער גאַס... סעניאָר אָסקאַר האָט דערווייל צוריק באַקומען ס'לשון: — דו, מאַמע — האָט ער אָנגעהויבן מיט אַביסל אַ געדעמפּטער שטימע — האָסט דאָך ליב רואיק, שטיל, אָן רעש, אָן טומל, זאָלסט קענען דאַווענען... עסן כשר און...

פון ביילע־גיטלס האַלדז האָט זיך פּלוצים גענומען אַרויסרייסן אַ דריב־נע געלעכטערל, אַזאַ שפּיציקס, אַ פּייכטס. — אָבער מאַמע! — האָט איר סעניאָר אָסקאַר איבערגעשלאָגן, — ס'איז דאָך נאָר פאַרשטייסט, דיר צוליב... ביילע־גיטל האָט זיך ניט געקענט איינהאַלטן פון געלעכטער און אָט אַזוי לאַכנדיק, האָט זי מיט איין האַנט פאַרשטעלט איר זונס מויל.

— נו, גוט, נו גוט, נעם זיך ניט צום האַרצן... אַבי נאָר ביי יידישע מענטשן, איז... פּטור אַן עסק...

דער צעוואַקסענער באַליעק האָט זיך פּלוצים אַ וואָרף געטון אויף זיין נידעריקן דיוואַן... אויסגעשטשירעט זיינע שפּיציקע ציין און זיך ווילד צעהאָ־ווקעט גלאַט אין דער וועלט אַריין. ביילע־גיטל האָט אויפגעצאַפּלט, געוואָרפן אַ קנאַהדיקן בליק אויפן הונטס ציכטיק שטיבעלע... אַ פּוץ געטון איר צע־קנאָדערט קליידל און נאָכאַמאָל איבערגעחזרט:

— גוט, גוט, אַ נפקא־מינה וווּ מ'שלאָפט? — כוועל שוין מסתמא דאָרטן געפינען מיינס גלייכן...

☆ ☆ ☆

אַז ביילע־גיטל איז שוין געלעגן אויף איר ניי געלעגער, האָבן זיך ערשט גענומען אויסדעמפן די אויסטערלישע איינדרוקן פון איר ערשטן טאָג אין בראַזיל. אירע געפּרעסטע געפילן, וואָס זי האָט, זינט זי איז אַראָפּ פון שיף, זיך באַמיט צו דערשטיקן, האָבן זיך אויפגעלייזט אין שטראָמען טרערן...

אַ פולע לבנה, קיילעכדיק, ווי אַ גרויסער זילבערנער מעדאַליאָן, איז טרויעריק געהאָנגען פונקט קעגנאיבער איר פענצטער, געקוקט איר ממש אין די אויגן אַריין און ווי עפּעס זי באַרואיקט, געטרייסט: אַ מאַמע טאָר ניט ווערן אין כעס... אַ מאַמע דאַרף פאַרשטיין... מוחל זיין...

לאַנג האָט זיך ביילע־גיטל געוואָרפן אויפן פרעמדן געלעגער, שטיל געקרעכצט, געהערט ווי פאַרעלטערטע מאַטראַצן קרעכצן מיט, און ווען ס'האָט

איר געדאכט, אז די פולע לבנה נעמט זיך דערנעטערן צו איר פענצטער, ממש אַזוי נאָענט מיט די הענט צו דערלאַנגען, דערזעט זי גאָר פּלוצים, אז ס'איז ניט די לבנה, נאָר דער הונט, באַליעק, וואָס שטשירעט אויף איר זיינע לאַנגע ציין, ברומט ווי א לייב, רייסט פון איר די קאָלדרע און וויל זי גאָר אינגאַנצן איינ־שלינגען...

א באַגאָסענע מיט שוויים האָט זיך ביילע־גיטל אויפגעכאַפּט... געזען די לבנה איינגעדישעט אין א שווארצן וואָלקן. פון טונקעלן הימל האָט זיך דריבנע געזיפּט א שיטער רעגנדל:

— א מזל פון א כלב — האָט זי געגעדט אין דער טיפער נאַכט אריין — אזא טריפהנע הצלחה צו האָבן... כאַליעט נגידיש ביי מיינע קינדער אין פּאַלאַץ און בילט נאָך אויף דער מאַמען?... פשאקרעוו"!...

ווען ביילע־גיטל האָט זיך צום ערשטן מאָל געטראָפן מיט איר שיף שוועסטער חיה־שרה, איז יענערס צעצויגן פּנים שוין געווען אויסגעגלעט, ווי מיט א וואלגער־האָלץ. אויך אירע שווערע „טשיזמעס" זיינען פארביטן געוואָרן אויף לייכטע לעטשעלעך. היינט זי אליין — לוסטיק און פריילעך א כאַפּ געטון ביילע־גיטלען אונטערן אָרעם: — קרוינעלעך מיינע, פארוואָס עפּעס אזוי סמוטנע? אייערע קינדער שמ'ן דאָך פּאַר גבירים־אדירים... ווי לעבט זיך אייך טאקע ביי אזעלכע רייכע קינדער? הא?

אויף דער „פּראַסע אָנזע", וווּ חיה־שרה האָט געוווינט זיינען יידן געזעסן אין די טומלדיקע קאַפעען און געטאַשט די קליענטעלע־קאַרטאָנדלעך. — ווער ס־האָט גערימט די גוטע קונים און ווער געשאָלטן די וויסטע „טשוועקעס"... אז ביילעגיטל מיט איר געטאָקטן גאַנג און ווירדיקן אויסזען האָט זיך באַוויזן, איז עולם ארוים פאר דער טיר: — אָט איז דעם גביר'ס־מאַמע, א סטאַטעטשנער מענטש... יידישע ווייבלעך האָבן אראָפּגעקוקט פון די פענצטער, זיך איבערגע־וואָרפן מיט מיינונגען: — א שיינע, נאָר א טרויעריקע... א זגראבנע, ווי געבוירן פאר א פּריצה.

ביילע־גיטל מיט איר ספּעציפיש שמייכעלע האָט דערווייל געענטפערט חיה־שרה'ן: — ס'גייט איר זייער גוט... ווי דער שטייגער — האָט זי צוגעגעבן — ביי רייכע קינדער...

— און מיר גייט אויך זייער גוט — האָט חיה־שרה זיך גענומען ארויס־שטעלן — פארקערט, עס גייט מיר גאָר גוט... מיינע זין גייען ניט אוועק פריער ביז מ'זאָגט ניט א גוט מאָרגן דער מאמען... און מיין שנור — דעם ערשטן טעלער לאָקשן דערלאַנגט זי דער שוויגער... אויך די אייניקלעך קלעפּן

זיך צו מיין קלייד. נאָר פאַרשטייען, נעבעך ניט וואָס איך רייד צו זיי... באַלאַ-
גאַטשען א לשון וואָס דרילעוועט אביסל אין קאָפּ, יאָ, קרוינעלעך מיינע —
די גרויסע פאַרשטייען דאָ ניט וואָס .קליינע טוען ריידן... א וועלט אַביסל
און אָט איז מיין שטוב — עפנט חיה שרה די טיר צו אן אלטפּרענקיש הויז, מיט
א סך קליינע שמאָלע פענצטערלעך: — קוקט נאָר, טייערע, אלץ האָבן זיי מיר
צוגעגרייט — רעדט חיה-שרה צעשטראַלט פון נחת — זעט, א ליכטיק צימער,
היימישע קישנס, אפילו נייע טעלערס מיט טעפּלעך אויך... טאָמער גלויב איך
ניט אין זייער כשרות קאָך איך מיר טאָקע באַזונדער...

אין ביילע-גיטלס העלע אויגן האָט געשפּיזט א פייכט גלאַנצל. מיט באַהערש-
טער רואיקייט און כלומרשטן געלעכטערל האָט זי א פרעג געטון:

— און קיין הינט האָבן ניט ענקערע קינדער?...

— הינט? — האָט חיה-שרה ערנסט איבערגעפרעגט, — מיינע קינדער
זיינען פּשוטע „קלאַפּערס", טשאַפּען נעבעך אין די גליענדיקסטע טעג אויף
די ליימיקע בערג, באָדן זיך אין טייכן שוויים און, מ'לעבט יאַקאָש... אָבער
הינט? — ווו וועלן זיי האַלטן הינט? — אכיבע אונטערן בעט — האָט חיה-
שרה פאַרענדיקט מיט א געלעכטערל.

ביילע-גיטל האָט דערפילט, אז זי וועט זיך סוף-כל-סוף צעכליפּען אויפן
קול.

אין חיה-שרהס ליכטיק צימער איז די זון שוין געלעגן אריבערגעבויגן
איבערן פענצטער, גלייך זי וואָלט זיך באמת צו כאַפּן נאָך א לעצטן קוק אויף
דער פריילעכער שטוב... ביילע-גיטל האָט מיט אָנשטרענגונג א זאָג געטאָן:

— נו, כ'וועל שוין גיין, ס'וועט באַלד שווער זיין צו קריגן א פּלאַץ אין
טראַמוויי.

— צו מיינע שונאימס קעפּ! — האָט חיה-שרה אויסגעשריען — א טראַמ-
וויי גאָר? און ווער? דעם גרויסן נגידס מאמע? — אייער זון קען ניט אהערשיקן
זיין שאָפער מיטן סאַמאָכאָד? — איז חיה-שרה שטאַרק אין כעס געוואָרן... און
ביילע-גיטל האָט אירע ווערטער געזיפּט צווישן די ציין, ווי זי וואָלט זיי פריער
געוואָלט לייטערן, האַמעווען, זיי זאָלן ניט ארויס צו שאַרפע:

— מיין אלטער לעבן — האָט זי גענומען פאַרטיידיקן — איז, נעבעך
שטענדיק שווער פאַרהאָרעוועט... א קלייניקייט אזא עול אויפן קאָפּ... וואָס-
זשע דאַרף איך נאָך דערקוטשען?...

חיה שרה האָט באַלד א טראַכט געטון: — זי פאַרעדט מיר די ציין... און ביילע-גיטל האָט בעתן אהיים פאָרן אויך א קלער געטון: — אפשר באַהאַלט חיה-שרה אויך דעם אמת? ווער ווייס? אפשר טאַקע? אַט אזוי האָבן זיי זיך גענומען טרעפן כמעט טעגלעך, זיך אויסדערציילט וואָס אונטערן האַרץ, נאָר דעם סאַמע עיקר פון אירע אנטוישונגען האָט ביילע-גיטל תמיד פאַרשוויגן... ביז... ביז זייער לעצטער טרעפונג...

✡ ✡ ✡

— רעדט, ביילע גיטלשע, עפּנט אייער האַרץ, כ'וועל אייך ניט אָפּלאָזן פריער ביז איר וועט רעדן — האָט חיה-שרה געהאַלטן אין איין צושטיין צו ביילע-גיטלען, וואָס איז אלץ געזעסן, ווי פאַרשטיינערט. אירע העלע אויגן האָבן געקוקט אין דער ווייטקייט, צוגעשאָקלט מיטן ארומגעהילטן קאָפּ, אירע שמאָלע פּלייצעס האָבן זיך מיטגעשאָקלט:

— נו? — איז חיה-שרה ניט אָפּגעשטאַנען — לאָמיר שוין הערן, רעדט, ס'וועט אייך גרינגער ווערן...

פון נאָענטן בית-המדרש, ווו א פּאָר פרומע יידן דאַווענען יעדן אָוונט מנחה, האָבן זיך איצטער געהערט זייערע שטילע תפילות. פון ברייטן קלויסטער האָט זיך געטראָגן דאָס פרומע געזאַנג פון „אַווע-מאַריאַ". אויפן פאַרכמאַרעטן הימל האָט פּלוצים אויפגעלויכטן אן איינציקער שטערן.

ביילע-גיטל האָט א ציטער געטון, גלייך זי וואָלט דערוואַכט פון עפּעס א שלעכטן חלום, א רעזיגנירטן מאַך געטון מיט דער האַנט און ארויסגערעדט, ווי פון שלאָף: — גרינגער ווערן? וועמען? — מיר?... מילא, נו — געטון א לען-אָן איר פאַרוויינט פּנים אויף חיה-שרהס ברייטן-אַקסל און, זינט זיי טרעפן זיך, דאָס ערשטע מאָל היינט זיך צעכליפּעט אויפן קול... אריינגעהעשעט אין איר האַלדז, ווי פאַר אן אייגענער שוועסטער, גענומען אויסגיסן איר פאַרשטיקטע, אָנגעזאַמלטע ביטערקייט...

— כ'קען ניט מער — איז ביילע-גיטלס שטימע געוואָרן אביסל הייזעריקער — כ'האָב געוווסט — האָט זי אָנגעהויבן — אז מיין אייניקל זלמן לעבן יערט זיך אליאדע טאָג, געהערט, אז מען גרייט א גרויסן יום-טוב, געזען פון ווייטנס, מען פוצט די פענצטער, מען רוימט דעם גאָרטן... נו, בין איך דאָך א באָבע, האָב איך אין דער שטיל זיך אויך געגרייט... א ניי קליידל, נייע שיך, א שוואַרץ טעשל... ווייל וואָס אמת איז אמת, אלטער-לעבן זשאַלעוועט מיר ניט קיין געלט... אָבער — ביילע-גיטל האָט זיך ווידער צעכליאַפּעט — צו וואָס באַדאַרף איך זייער געלט, אז ס'איז ניטאָ קיין פיצל האַרץ, קיין טראָפּן רחמנות? דאָס געלט

האָט דאָך זיי פאַרטשאַדעט די מוחות? — האָט ביילע־גיטל אַזש אויסגעשריען — איך גיי היינט אַרויס — האָט זי ווידער אָנגעהויבן — זע איך, אַ גאַנצע שערענגע אויטאָמאָבילן ציען זיך ביז צו זייער שטוב... גאָטעניו! האָב איך אַזש אַ ציטער געטון — היינט? היינט איז זלמעלעס יום־טוב? און מיר אפילו ניט צו וויסן געטון?... גיי איך גלייך אַהין, גרייט זיי דורס צו זיין, קומט מיר באַלד אַנטקעגן די שנור: — שוויגער־לעבן — הויבט זי גלייך אָן מיט איר דין שטי־מעלע, וואָס פּאַסט גאָר ניט פאַר אַזאַ ברייטן גוף — „ס׳וועלן זיין גרויסע סוחרים, פאַבריקאַנטן, אינדוסטריאַלן. פאַרשטיין ניט אַ וואָרט יידיש... נאָך וואָס זאָלט איר דאַרפן זיצן ווי אַ שטומע? — ס׳איז דאָך גלייכער איר זאָלט...—כ׳האָב זי ניט געלאָזט מער פאַרענדיקן, געוווסט, אַז וואָס זי וועט אַרויסרעדן איז אַ זינד... האָט איך זי בלויז טיף אָנגעקוקט און בין אַוועק אָן אַ וואָרט... געשטעלט זיך קוקן פונוויטנס אויף מיין אייניקלס שמחה און געבעטן ביי זיין ליבן נאָמען: שטראָף זיי ניט, גאָטעניו, פאַר דער פאַרבלענדעניש פון עשירות... ס׳זיינען דאָך מיינע קינדער... כאָטש אין האַרץ טוט וויי... אַזוי שטאַרק וויי... און — איר הערט חיה־שרה — אַזעלכע זינד זעצן זיך דאָך אָפּ ביים מענטשן אין האַרץ בלייבן דאָרטן פאַרבאָרגן לאַנג... אָבער אין אַ טאָג, ווען איין שרייפּעלע טוט זיך נאָר אַ דריי אויף צוריק... דעמאָלט שטייען זיי אויף די זינד, ווי משחיתים... און פייניקן... פייניקן.

איך שטיי פונוויטנס, באַווייזט זיך זייער שוואַרץ שאָפערל מיטן גלאַנ־ציקן שפּאַציר־אויטאָ. קוקט ער מיך שטאַרק אָן... גלייך ער וואָלט מיך ניט דערקענט. — נעמסט מיך אין שטאָט אַריין?... — פרעג איך מיט געבעט, דרייט ער אַוועק דעם קאָפּ און ענטפערט וואָרטשענדיק... — איך האָב ניט קיין אָרדער — אודאי געהאַט אָן אָרדער צו פאָרן ברענגען עפּעס אַ שטראַנצל אויף דער שמחה, וואָס רעדט ניט קיין יידיש... איי געלט! ס׳מאַכט טויב, בלינד, שטום... איר געדענקט, חיה־שרהשי, ביי אונדז אַ באָבע איז געווען אַ צירונג, אויף יעדער שמחה געזעסן אויבענאָן... אָבער דאָ — ווי דער האָר האַלט דאָס הינטל, אַזוי דאָס גאַנצע געזינדל... אַ סימן האָט איר זייער פאַרשיוועו הונט: איינער גלעט אים, אַ צווייטער וואַשט אים, דאָס אייניקל קושט אים, אָבער פאַר דער מאַמען האָט אפילו דאָס שוואַרצע שאָפערל קיין דרך־ארץ ניט...

חיה־שרה, וואָס האָט אַליין זיך צעכליאַפּעט, האָט ביילע־גיטלען אַרומגענו־מען מיטביידע הענט, געקוקט אויף איר מיט גרויס אָפּשיי, ווי מען קוקט אויף עפּעס אַ הייליקער, זיך שטיל געוווישט די טרערן און לסוף, אָפּגעזיפצט מיט עפּעס אַ פאַרבאָרגענעם לויב צו זיין ליבן נאָמען... אַ לויב און אַ שבח פאַר די

גרויסע חסדים וואָס ער טוט דאָ מיט איר... און ביילע־גיטל האָט געפילט, אַז אַלע טויערן פון צדק, פון גערעכטיקייט וועלן זיך דעמאָלט עפענען פאַר איר, ווען זי וועט אויסגיסן דאָס גאַנצע שלעכטס וואָס האָט זיך אין איר אָנגעזאַמלט... זי האָט אַרויפגעלייגט ביידע הענט אויף די קני, זיך צוגעשאָקלט ווי ביים לייענען דאָס טייטש חומש און גערעדט שוין ווי צו זיך אַליין: — אָפּגעפּינצטערט אַ לעבן, אַוועקגעגעבן עס דעם איינציקן קדיש... אַרויסגעקוקט אויף דעם איינציקן ליכטיקן שטראַל... געמיינט מ׳וועט מיך האַלטן אין כבוד, ווי אין דער היים אַ מאַמע... איז מען דאָך אָבער געוואָרן רייך... פּריצים... נו, באַדאַרף איך זיך פריער איינמעלדן איידער איך באַטרעט זייער שוועל... קום איך אין גאָרטן, באַפאַלט מיך תמיד דער הונט... אָ, דער הונט, חיה־שרהשי, דער הונט! און די שנור איז דען בעסער? טוט פון ווייטנס אַ מאַך מיט דער האַנט: אַנטשולדיקט שוויגער, כ׳גיי צו אַ „דעספּיליאַדע מאַדאַם"... (קליידער אויסשטעלונג)... און אַלטער־לעבן האָט שטענדיק אַ „רעאוניאָן" (פאַרזאַמלונג)... זוכן כבוד... בלויז פאַרן ביסעלע כבוד־אַם איז נישטאָ קיין צייט... קושן מיר די האַנט, קושן אין שטערן... טשוטשעלע־מוטשעלע, פּונקט ווי אין די „אילוזיאָנען"... בלויז אויף צו פאַרבלענדן די אויגן. ווער באַדאַרף עס? גיט מיר בעסער אַ פּיצעלע הארץ, אַן אייגן ווינקעלע אין אייערע פּאַלאַצן... דירעקטש איז אָנשטעל, טריאַטער... נעכאַי וואָלטן זיי בעסער געמאַכט אַ יידישע „שקאָלע", זאָלמען זאָל פאַרשטיין וואָס די באָבע רעדט צו אים... —

ביילע־גיטל האָט אויסגעגלייכט איר צעקנאָדערטע בלוזקע אָפּגעווישט אינגאַנצן דאָס פאַרוויינטע פּנים און שטיל אַ זאָג געטון:

— נאָך אַלעם, אפשר וואָלטן מיר אויף זייער פּלאַץ, אויך אַזוי געווען? ווארום עס האָט דען אַ שעור צו דעם ווילדן כח וואָס עס ליגט אין דער נאַרישער פאַרבלענדעניש פון גרויס עשירות?... כ׳געדענק, מיין אַלטער־לעבן איז אין דער היים גאָר געווען אַ... ווי האָט מען עס דעמאָלט גערופן — אַ ציצעליסט — און דאָ? — כ׳דערקען אים ניט מער...

— אָבער, געדענקט, חיה־שרהשי — האָט איר ביילע־גיטל דערלאַנגט אַ ציטערדיקע האַנט — געדענקט, זאָל עס בלייבן צווישן אונדז ביידע...

— גייט געזונטערהייט — האָט חיה־שרה גענומען גיך אַוועק גיין ווי זי וואָלט געוואָלט אַנטלויפן פון דעם שלעכטס, וואָס קען נאָך חלילה, זי אויך טרעפן... — זייט זיך ניט מצער — האָט זי איר פונוויטנס נאָכגעשריען — גאָט איז אַ פאָטער...

מיט א פארבאָרגענעם ציטער אין הארץ און א שטילער פרייד אין די אויגן, איז חיה־שרה גיך אריין צו זיך אין שטוב, געזען ווי אירע קינדער זיצן שוין ארום טיש און ווארטן נאָר אויף איר מיטן עסן... האָט זי אָפגעגעבן אַ דאַנק און א לויב צו זיין ליבן נאָמען פארן גרויסן זכות אבות וואָס טוט איר דאָ ביישטיין...

★ ★ ★

ויקהל און פקודי

אויף דערברייטער אווענידא אטלאנטיקא, נאָענט צום „לידאָ־פּלאַץ" שלענגלט זיך א געדיכטע שורה ברייטע פּאלאסעטן, וועלכע זענען פארדונגען צו מענטשען פון אלערליי נאציאָנאליטעטן. באוויבטע, באקינדלטע. בלויז איין מאן, צו וועמען עס באלאנגט דאָס דאָזיקע גאנצע עשירות, וואוינט דאָרטן — א נישט באווייבטער...

ווען דער דאָזיקער פעסט געבויטער מאן, איז נאָכן ערשטן וועלט־קריג געקומען קיין בראזיל, איז די היינט בלישטשנדיקע געגנט, נאָך דעמאָלט געווען א ווילדער טרוקענער בארג, נאָך געליגן פארדרעמלט אין טויזנט־יאָריקן שלאָף און דער גאנצער, היינט בארימטער „קאָפּאקאבאנא", האָט נאָך אויסגעזען, ווי א שלאָפנדיק דאָרף וואָס נעמט זיך ערשט וועקן און בענקען נאָך גרויס־שטאָטישקייט.

אין איינעם א שפּעט זומערדיקן פארנאכט, איז דער איינזאמער מאן געשטאַנען אויף זיין ברייטער וואראנדע, געקוקט אן אומעטיקער צו די האלב נאַקעטע פּאָרלעך, געזען דעם יוגנט־פלירט פון געזונטע, פריילעכע מענטשן, זיך איינגעקוקט, שוין צום טויזנטסטן מאָל, אין זיין גרויס־דעראָבערטן עשירות און טרויעריק געשאָקלט מיט זיין האלב גרויען קאָפּ: — שוין באלד אוועק דער גוטער נעכטן, עס לייכט און גלאנצט א פּוסטער היינט און אלץ נאָך קיין אויסזיכט אויף א לייטישערן מאָרגן...

פּלוצים האָבן זיך זיינע באברילטע אויגן פארהאלטן אויף א שמאָל געשטאַלט, אין א דין באטיסטן קליידל, בלאָנד צעוואָרפענע קרויזן, מיט אן אָפן בוך אין די הענט, וואָס זי האָט ניט געלייענט, נאָר סתם, פארחלומט געגאפיעט אין דער וועלט אריין... וואָס לענגער ער האָט זיך איינגעקוקט, אלץ אומרואיקער איז ער געוואָרן:

— איז דאָס אמת? וויזיע? אָדער חלום איך?...

מיט ברייטע, גיכע שפּרייזן, האָט ער זיך גענומען דערנענטערן צו דער רחבות'דיקער פליאזשע און אנשטאט פריידיק אויסצושרייען, האָט ער גאָר אויפגעציטערט און שטיל א רוף געטאָן:

— מירל? — מירעלע?

צוויי פּאָר גוט באַקאַנטע אויגן האָבן א פֿינקלדיקן שטראַל געטאָן, ווי אַן אומדערוואַרטעטער אויפֿבליץ. ביידע האָבן א ווײַלע געשוויגן, אײַנגעהאַלטן דעם אָטעם, גלײַך זיי וואָלטן באמת געוואַרט ס׳זאָל אָנהייבן צו דונערן:

— שוין לאַנג אין בראַזיל? — איז ער דער ערשטער געקומען צו זיך:

— צוויי חדשים.

— און ויקהל? — פֿרעגט ער מיט א ציטער אין זײַן שטימע:

— (?):

— קראַנק? — שטייט ער צו.

— געשטאָרבן? — ציט ער אַלץ דעם זעלבן פּאָדים.

מירל מיט אַראָפּגעלאָזטע אויגן, באַוועגט קוים מיט די ליפּן:

— ניין... און... יאָ.

— וואָס מיינט מען דאָס?

— גאָרנישט.

— דאָך?

מירל הייבט אויף איר געלאָקטן קאָפּ, קוקט אים אָן דרייסט און פּרוּווט געבן זייער שמועס אַן אַנדערע ריכטונג:

— ביסט נעלם געוואָרן, קיינער האָט ניט געוווּסט ווו דײַן געביין איז אהינ-געקומען... נו, מאַכסטו כאָטש א לעבן דאָ?

זײַנע שפּיזיקע אייגעלעך טוען זיך א פֿאַרקוועטש, קוקן אויף מירלען דורך א שפּעלטעלע, ער ענטפֿערט שפּיציק:

— קיין 5-טע ראָד צום וואָגן בין איך דאָ נישט...

— האָסט נאָך אַלץ נישט פֿאַרגעסן?...:

— נאָכן פֿאַרלירן דיך — קוקט ער איר טיף אין אירע בלויע אויגן אַרײַן — איז נישט געווען מער נאָך וואָס צו בלײַבן אין שטעטל... אָבער — טוט ער איר פּלוצים א נעם פֿאַר די הענט — וואָס שטייען מיר דאָ, ווי די גולמ׳ס? קום וועלן מיר טרינקען א קאַווע — נעמט ער איר דרייסט אונטערן אָרעם און דערפֿילט א ציטערן פֿון איר וואַרעמער האַנט. א היץ האָט א שלאָג געטאָן אין איר בלייכן פּנים:

— האָסט אים נאָך אַלץ ליב, ויקהל׳ען? — פֿרעגט ער פֿאַרלעגן.

אין מירלס פאַרנעפּלטע אויגן האָט אויפגעטויכט א פייכט גלאַנצל:

— אַוועקגעפאָרן? — בלייבט ער פאַרעקשנ׳ט אין זיין צודרינגלעכקייט.

מירל, גלייך די אויגנפייכטיקייט וואָלט איר געראָנען אין האַלדז אריין, טוט אַן הייזעריקלעך לאַכעלע און פּרוּווט ווידער אַן אנדערע ריכטונג:

— לאָז צורו דעם נעכטן... זאָג מיר בעסער, ס׳עפּעס אַ ווייל לענדעלע בראַזיליע? — מ׳לאָזט דאָ זשיפּיען?

ער ענטפערט בלויז איין וואָרט: — גאָלד...

— און דו — פרעגט זי מיט נייגיר — ביסט אויך אַ „קלאַפּער״?

אַ ווינטל האָט אַ שויבער געטאָן זיינע אויסגעגלעטע האָר, די כיטרע אייגעלעך — פאַרזשאַמורעט, ער האָט איר אַ ווייז געטאָן מיטן פינגער:

—זעסטו די אַלע פּאַלאַסעטן? און דאָרטן, הינטערן גרויסן פּאַרקן, דאָס פאַריסטע „קוימענדל״? מאָל דיר אַז דאָס אַלץ איז — מיין...

מירל פאַרוווּנדערט און שטיפעריש:

— כ׳געדענק דיך גאָרניט פאַר קיין לץ... און איצטער — וויצלסט זיך?

גלייך ער וואָלט ניט געהערט איר באַמערקונג, זעצט ער פאָר:

— דאָס איז נאָך נישט אַלץ, פאַראַן נאָך אַ מעבל-געשעפטל, אַ שיך-קלייטל און עפּעס דאָרטן אַ פאַבריקל-טשינע — ער בייגט זיך איין צו מירל׳ס אויער:

— דאַרפסט בלויז וועלן, זאָגן איין וואָרט, און דאָס אַלץ וועט אויך זיין — דיין...

מירעלע האָט דאָס איינע וואָרט דווקא ניט געזאָגט, בלויז געלאָזט זיך שטאַרקער אַרומנעמען און דעם זעלבן אָוונט, האָט ער איר אַהיימגעפירט מיט זיין לוקסוס-וואָגן, געפירט צו אַן אָרעמער מומען אין אַן אָפּגעחומר׳טער שטוב אַריין....

* * *

יעקב און משה,ביידע פון אַ קליין שטעטעלע אין פוילן. דער ערשטער, אַ שמאָלער, שלאַנקער ברונעט, פון וועמענס בלייכן פנים עס פעלן בלויז די לאַנגע פיאות, וואָס האָבן אים אין זיין פריסטער יוגנט געגעבן יחוס׳דיקן אויסזען, פון חסידישן גזע און נגידישן שטאַם. דער צווייטער, אַ פעסט-געבויטער שאַטין, האָט געירשנ׳ט פון זיין טאַטן, דעם פערד-הענדלער, פיזישע גבורה, אַ פאַרגרעבטן אויסזען און קרענקלעכע ליידנשאַפט נאָך כבוד... משה האָט

נאָך אין חדר ליב געהאַט צו דרייען זיך אַרום דעם בלייכן, געצערטלטן יעקב, געפּוצט זיין נגידיש קאַפּאָטקעלע, אים אונטערגערוקט זיין האַרמאָשקעלע, אַ באַלעמויל, אַ קאַרמעלקעלע... תּמיד געזוכט נושא חן צו זיין אין יעקבֿ׳ס יחוסדיקע אויגן... אַזוי אַרום זיך צוגעבונדן צום חסידישן קינד און אויך שפּע־טער, ניט געוואָלט פון אים זיך אָפּטשעפּען... טיף ביי זיך, האָט משה אייגנטלעך ניט ליב געהאַט יעקבן, ניט פאַרגונען זיין דעליקאַט ווייס פּנימל, דאָס דריבנע גענגל וואָס האָט געווינט מיט דורות׳דיקן יחוס און דער עיקר, זיין פייערדיקער קאָפּ צום לערנען... בעת ער, משה האָט אַ גראָב־פאַררויטלט פּנים, אַ ברייט־קלעצלדיקן גאַנג און — פאַר זיין טעמפּן קאָפּ, געכאַפּט „שיניאַקעס״ פון רבינ׳ס פינגער... דאַריבער, אין זיין אונטערבאַוווסטן האַס, געזוכט דערנענטערונג צו יחוס, דערגרייכן חבר׳שאַפט מיטן איידעלן שטאַם...

אין שטעטל האָט מען זיך אַפילו געוווּנדערט:

— „ווי קומט דער חורבן צו דעם קרבן״?...

אויך יעקבֿ׳ס חסידישע עלטערן פלעגן ס׳רוב זיך ווערטלען מיט זייער גע־ראַטענעם זון:

— ס׳טייטש, דו, אַ וויל־קענער, אַ בן תּורה, וואָס האָסטו פאַר עסקים מיט אַ פערד הענדלערס אַ זון?...

משה׳ס טאַטע ווידער, פלעגט זיך גרויסן אינעם שניידערשן שולכ׳ל:

— „דאָס „ביקל״ מיינס חבר׳ט זעך מיטן גבירישן „לאָשיקל״...

הגם, דער וויל־דערצויגענער יעקב האָט אַליין גוט געוווּסט, אַז זיין חבר משה איז פראָסטער חי וקים, זעענדיק אָבער, אַז ער קריכט אים נאָך, ווי אַ שאָטן, שלינגט זיין יעדעם וואָרט, ווי פאַרכישופט, האָט זיין איידלקייט ניט דער־לויבט אים אָפּצושטופּן... און סיי ווי עפּעס פון משה׳ס פיזישער גבורה האָט יעקבֿ׳ן געבונדן צו זיך... דאַריבער האָט מען שוין געוווּסט, אַז דאָרטן ווו יעקב, וועט אויך זיין משה... לסוף זענען אַלע צוגעוווינט געוואָרן צו זייער חברשאַפט. ביז איינער אַ לץ האָט זיך אַמאָל צופעליק אַ וויצל געטאָן, אַז:

— „יעקב מיט משה׳ן זענען פּונקט ווי אין חומש׳ל „ויקהל און פקודי — גייען תּמיד צוזאַמען״... זינט דעמאָלט, איז אויף שטענדיק שוין פאַרבליבן — ניט יעקב, ניט משה, נאָר ויקהל און פקודי...

זאָלן שוין אויך אין דער דאָזיקער דערציילונג, דיביידע העלדן פאַרבלייבן ביי זייערע היימישע צונעמען.

* *

*

ווען דער יחוס׳דיקער ויקהל האָט גענומען ארונטערשיבן זיינע שווארצע פיאות אונטערן פליטקע היטעלע און דאָס געהאקטע זשאקעטעלע געטראָגן אביסעלע קורצער, האָט דעמאָלט גענומען אויפגיין אין זיין יונג-בחור׳שן הארץ, די ערשטע ליבשאפט צו א נגידיש-חסידישער טאָכטער, וואָס האָט געשמ׳ט פארן שענסטן און אינטערעסאנטסטן מיידל פון יענער געגנט. נו, איז גענוג געווען, ויקהל זאָל עמיצן ליבן, אז אויך פקודי זאָל ניט זיין גלייכגילטיק צו איר... האָבן דערוויל ביידע מיט איר שפאצירט... ביידע — ראָמאנסירט... מיט ביידן, געשפילט אין „פאנדן”, אין כאפערלעך, אין „שליעפע-באבע”... דאָך איז פאר אלעמען קלאָר געווען, אז די שטאָלצע מירעלע, מיט די בלויע אויגן און די לאנגע צעפּ, איז פארליבט אין ויקה׳לען... און פקודי איז ניט מער, ווי א נאָכקריכער, נאָכשלעפּער... אין שכנות מיט פקודי׳ם טאטן, האָט געוווינט נאָך א פערד הענדלער, וואָס האָט געהאט א דריבנע, שווארץ-חנעוודיק טעכטערל, מיט אזעלעכע טיפע, גוטע, צניעותדיקע אויגן, גאָר ניט מעשה קאָניאזש... איז אָט די דאָזיקע לייטישע פעסעלע אויסגעאנגען נאָכן הויכן, ברייט-צעוואקסענעם פקודי. אין די היימישע פרייטיק-צו-נאכטן פלעגט פעסעלע שטיין אין דער אָפענער טיר, אַן אויסגעצוואָגענע, א פארפלאמטע, גענישטערט מיט אירע רחמנות-אויגן פקודים ברייטן געשטאלט, וואָס פלעגט פארביי שוועבן גיך, ווי א נאכט-פויגל. נאָר טיילמאָל, זיך אָפּגעשטעלט, א דערלאנג געטאָן זיין גראָבע האנט און, גאָר זעלטן, געהאלטן אביסעלע לענגער פעסעלעס ציטערדיקע פינגער... און טאָמער האָט זי די באגריסונג ניט באקומען, פלעגט זי א פארכמורעטע זיך א ווארף טאָן אויפן הארטן באנק-בעטל, פארנורעט איר ווייס פנימל צווישן די קלאָרע הענט, בעת אירע שמאָלע אקסלען האָבן שפעטער לאנג געצוקט... געציטערט...

ביז פארן פראָסטן פקודין איז אינגאנצן קלאָר געוואָרן, אז מיט זיין נאָכקריכן דעם אינטעליגענטן ויקהל מיט דער יחוסדיקער מירעלען, איז ער ניט מער, ווי א פינפטע ראָד צום וואָגן... און זייענדיק בטבע א גרויסער עקשן, האָט ער געפילט פקודי, אז לאַנג וועט ער שוין אפילו קיין נאָכשלעפּער אויך ניט קענען זיין... און דאריבער, אין א געדיכט פארכמארעטער אלול-נאכט, פארשוואונדן פון שטעטל אָן א גוטן טאָג אפילו...

☆

א גאנץ יאָר האָט געדויערט דער שווערער קאמף, וואָס מירעלע האָט אין בראזיל געפירט, מיט זיך, מיט איר געוויסן, מיט דער אָרעמער מומען, וואָס האָט איר געהאלטן אין איין אויפווייזן: אז — „דאָ, איז נישט דאָרט — יחוס-שמי-

חום — פּקודי איז געוואָרן א מיליאָנער... און א מיידל טאָר ניט וואַרטן אויף א נעכטיקן טאָג... באַדאַרף חתונה צו האָבן... פאַרשטייסט מירעשי?״...

האָט טאַקע לאַנג געדויערט, ביז מירעלע האָט לסוף — פאַרשטאַנען...

צוויי יאָר שפּעטער האָבן גוווערנאַנטינס שוין געניאַנטשעט א קליין „פּקו־די׳לע״. פון בלאַנד איז מירעלע געוואָרן ברונעט און בעת זי האָט גראָד געציפּט אירע געפאַרבטע ברעמען מיט א מעשן צווענגעלע, האָט זיך שטיל אריינגע־שלייכט פּקודי, אומהיימלעך זיך ארומגעקוקט, גלייך ער וואָלט דאָ עמיצן גע־זוכט... און פלוצים זייטיק א זאָג געטאָן:

— יאָ, שיעור נישט פאַרגעסן, א גרוס דיר פונעם „יענטעליגענט״, דער „גרויסער צעלייגער״, איז שוין אויך געקומען אין גאָלדענעם לאַנד אריין... האַ, חא, חא. דער טייוול האָט דעם גאַסט געברענגט...

מיט א האַלב ניט פאַרענדיקטער ברעם און מיט באַהערשטער רויקייט, האָט מירעלע א שטילן פרעג געטאָן:

— טאַקע באמת? — און באַמיט זיך ווידער קוקן אין שפּיגעלע, דאָרטן אריינגערעדט:

— ווי זעט ער אויס?...

— ווי אָן אָפּגעשלאָגענע הושענא... — האָט פּקודי א שטילן לאַך געטאָן אין וועלכן ס׳האָט זיך געפּילט אומרו.

— געפרעגט אויף מיר? — קוקט נאָך מירעלע אַלץ אין שפּיגעלע, אָבער זעט דאָרטן א פאַרנעפּלט געשטאַלט, ווי דורך א געדיכטן טומאַן.

— געפרעגט. — ענפערט פּקודי שוין מיט איינגעהאַלטענעם כעס.

— וואָס־זשע האָסטו אים געזאָגט? — קען מירעלע נישט צוימען איר נייגיר.

— כ׳האָב אים געזאָגט — דרייט זיך פּקודי אוים און קוקט איר גלייך אין די אויגן אריין — כ׳האָב געזאָגט, אז אין בראזיל בין איך דער „ויקהל״ און ער וועט דאָ זיין „פּקודי״...

מירעלע נעמט אוועק אירע צעפּראַלטע אויגן פונעם קליינעם שפּיגעלע, שפּיזט זיי אריין אין פּקודים צעגלאַנצטע שוואַרצאַפּלען און צישעט ארויס:

— וואָס־זשע, מיינסט טאַקע אז בראזיל וועט אים ניט וועלן פאַרקויפן קיין בערג?...

— חאָ, חאָ, חאָ, — לאַכט פקודי מיט א געזונטן באַריטאָן:

— נאָר אין דעם גייט עס?...

מירעלע, שוין מיט באַהערשטן כעס, טוט א שטילן זאָג:

— אינדערהיים ביסטו אים נאָכגעלאָפן...

פקודי, שוין גוט אויפגערעגט, וואָרטשעט ארויס:

— אָבער דאָ, וועט ער מיר נאָכלויפן...

☆

מיט זייער א שיין געשטאַלט, גוט געכאַליעטע הענט, א געלערנטער קאָפּ, מיט גאָר א פיינעם נאָמען, האָט ויקהל אין בראַזיל באַלד געקראָגן קרעדיט און אָנגעהויבן, ווי אַלע נייע אימיגראַנטן — „קלאַפּן"... בלויז איין זאַך האָט ער ניט געוווּסט, אז אין דעם פאַך דאַרף א גרינער זיך היטן פאַר קונים וואָס אַלץ געפעלט זיי... אבי מען האָט אים נאָר אריינגעלאָזט איבער דער שוועל, האָט ער שוין צעלייגט ס'קרעמל: צירונג, וועש, קליידער — אבי נעם... און ויקהל האָט אַלעמען געגעבן... נאָר ווען ר'האָט זיך געכאַפּט, אז אַנשטאָט קונים, האָט ער געמאַכט — „טשוועקעס", זענען זיינע וועקסלעך שוין געלעגן אין פּראָ־טעסט... און היימישער עולם האָט שוין שטילערהייט געחוזק'ט: — „דער דאָר־טיקער קניאַקער, א „שמויגער" דאָ"... דאָך, נאָך געדענקט ווער ויקהל איז גע־ווען, רחמנות געהאַט... עצות געגעבן, לסוף, אויסגעבעטלט פאַר אים א שטיקל לערער־פּאָסטן... און, גייענדיק אַזוי דאָס ערשטע מאָל צו זיין נייער אַרבעט, האָט א דריבנע רעגנדל געטריפט אויף זיין צעקנייטשטן קאַפּעלוש, דער נאַסער פאַרכמאַרעטער הימל, ווי שטיקער צעקנאָדערטע שמאַטעס וואָלטן אין לופטן געשוווּמען. אויך ויקהל'ס דעליקאַטע פּנים — איין שטיק טונקעלער וואָלקן.

— האַלאָ ויקהל!

דערהערט ער פּלוצים א גוט באַקאַנטע שטימע, ציטערט אויס, ווי א מוזי־קאַלישע וויבראַציע, זיין נאָמען...

— אָה! — מירעלע? — האָט ויקהל'ס פּנים אָנגענומען א מיידלשע רויט־קייט און האָט מיט איין פוס זיך א גליטש געטאָן און מיט דער האַנט זיך אָנגע־כאַפּט ביי א פּאַרקן...

אויף מירעלעס ווייסן פּנים, רעגנבויגנדיקע פאַרבן. אירע בלוי־צעשפּיגלטע אויגן, א פונקען געמיש פון קינסטלעכע פייער־ווערק...

— וואָס מאַכסטו ויקהל? — ציטערט איר הענטל אין זיינער, שמייכלט איר פּנים געצוווּנגען, אָבער די אויגן־פייכטקייט פאַרראַט איר כלומרשט געלעכטערל:

— וואָס זאָל מען מאַכן? — פילט זיך אין זיין באַהערשטער רואיקייט דער טאָן פון אַן אינטעליגענטן מענטשן, וואָס שלאָפט דעם שלאָף פון די גערעכטע...

— מ׳גייט אין שולע אַריין... — שמייכלען זיינע ליפּן דיסקרעט, בעת זיינע אויגן קוקן מיט אויפריכטיקער פאַרשטענדעניש אויף אַ קרבן פון שיקזאַל, פון גורל... מירעלע גראָבט דערווייל מיטן קליינעם שירעמל אַ לעכעלע אין דער ערד, קווענקלט זיך, און טוט לסוף אַ וואָרף אַרויס:

— אַ מיידל קען זיך ניט דערלויבן צו וואַרטן יאָרן... און ויקהל, כדי צו פאַרקירצן ביידנס ליידן, רייסט איר איבער:

— כ׳מאָן ביי דיר ניט קיין חשבון...

די קאַלטע נעץ האָט דערמאָנט, אַז זיי ווערן פאַררעגנט... מירל איז שטיל אַריין אין איר לוקסוס־וואָגן, וואָס האָט געוואַרט אין דער זייט. ויקהל האָט אַ גיכן שפּרונג געטאָן אויף די טרעפּ פון אַן אָנגעפּילטן טראַמוויי. אָבער ביידע האָבן ניט געדענקט גענוי אין וועלכער ריכטונג זיי דאַרפן איצט פאָרן...

✡

מיט אַ חודש שפּעטער. ויקהל איז ווידער געגאַנגען אויפן זעלבן וועג, אין שולע אַריין. דאָס מאָל איז דער ריינער הימל געווען אַזוי לויטער, ווי אַ צעוויקלטע ספר־תורה אָן אַ פּגמ׳עלע. די צעשטראַלטע זון האָט געגליצטיקט, ווי אַ גוט געפּוצטער שפּיגל. די זילבער־שטראַלן האָבן געמיניעט אויף העלע ווענט, אויף ביימער־שפּיצן, שעמערירט, רעגנבויגנדיק אויף די שטיל שאַרכנדיקע ים־כוואַליעס. ויקהל האָט געזעטיקט זיין פאַרטרויערט האַרץ מיט דער היגער, פּרעכטיק אויסגעשפּרייטער נאַטור. אַ פאַרגאַפטער איינגענאָגלט זיינע פאַרוווּנדערטע בליקן אין די בלישטשנדיקע „עדיפּיסיאָס" מיט די פאַרשידנקאָליריק־מאַרמאָרנע ווענט. באַלד האָבן זיך זיינע מבינישע אויגן אָפּגעשטעלט אויף די אַרומיקע בערג. פון דאָרטן האָבן צו אים אַראָפּגעטרויערט די טויזנטער, עלנדע פון פּשוטן ליים איינגעקאָפּעטע הייזקעלעך, אָן פענסטער, אָן טירן... אַראָפּגעפינסטערט אויף די ליכטיקע געביידעס, אונטערגעשטראָכן דעם געוואַלדיקן קאָנטראַסט צווישן — מזל און — שלימזל...

פלוצים דערהערט ער ווידער:

— אַ גוט מאָרגן אייך ויקהל! — וואָס עפּעס אַזוי פאַרטראַכט? — איך יאָג אייך שוין נאָך אַ ווײַלע און איר הערט אַפילו ניט...

— אָה! זעט נאָר וועמען איך זע — רופט אויס ויקהל פריידיק — אַ גוט יאָר אויף אייך, פעסעלע... שוין לאַנג אין בראַזיל?

שעמעוודיק, צעשמייכלט, האָט פעסעלע דעם קאָניאַזשעם דערלאַנגט איר ווייס הענטל. אירע שוואַרצע האָר האָבן געגלאַנצט אַקעגן דער זון, ווי זײַדענער סאַמעט. איר דיקלעכע שטימע ציטערט אַביסל אונטער:

כ׳בין שוין דאָ 4 וואָכן...

— ביי וועמען? — פרעגט ויקהל נייגעריק און איז אַנטציקט פון איר פשטות און באַשיידנקייט.

— ביי אַ פעטער — ענטפערט זי שטיל, טוט אַ נאַאיוון לאַך און גיט צו: — צווישן די קבצנים אויף „פראַסע-אַנזע״...

ויקהל נעמט איר גלייך אונטערן אָרעם:

— זאָל איך אייך אַהיים באַגלייטן?...

פעסעלע אין פאַרלעגנהייט:

— כ׳בין ניט ווערט אַזאַ כבוד...

ויקהל וואָס האַלט איר שוין פעסט אונטערן אָרעם, דערפילט עפּעס גורל-דיקס אין זייער צוזאַמענטרעף:

— כבוד שמאָוויט — גיט ער צו איראָניש — דאָ, איז נישט דאָרטן — קומט...

* *

*

אין פקודים מאַרמאָרנעם פּאַלאַסט זענען די געשניצטע פענסטער צע-פּראַלט. זון-בוקעטן קאָנקורירן מיט קינסטלעכע בלומען, וואָס בליאַסקען מיט העלע פאַרבן אויף גרויסע אייל-בילדער. אין די איינגעמויערטע שענק איז אַן איבערקערעניש — קליידער, שיך, היטן, בינדעס, אַלץ אויסגעמישט. דינסטן, לאַקאיען פּאַקן גרויסע טשעמאָדאַנעס, שלייכן אויף די שפּיץ-נעגל, ווישן דעם געדיכטן שווייס, גרייטן די גאַרדעראָבעס פאַרן סעניאָר מיט דער סעניאָראַ וואָס קלייבן זיך צו די וואַרעם-בעדער קיין „פּאָסאָס״. דאָס יאָר וועט דער ניי געוויל-

טער פּרעזידענט פון בראַזיל אויך דאָרטן זיין... פּקודים סעקרעטאַר איז שוין אויסגעמאַטערט פון קלינגען צום באַרימטן „פּאַלאַס-האָטעל"... פון דאָרטן ענט-פערט מען כסדר — נישטאָ קיין פּלאַץ... נישטאָ.

פּקודי בייסט אַזש די נעגל פון די פינגער, רייסט זיך ממש די האָר פון קאָפּ. — זאָג צו אַ גוטן טרינק-געלט! — בייזערט ער זיך אויפן קול. — וואָס הייסט דאָס מען קריגט נישט פאַר קיין געלט?... אַזעלכעס האָט ער נאָך קיינ-מאָל ניט געהערט — מ'קריגט ניט פאַר קיין געלט?! — שטותים!....

אינמיטן פונעם גאַנצן טאַראַראַם, ברענגט מען פּלוצים אַריין, אויף אַ זילבערנע טאַץ עפּעס אַן איינלאַדונג צו אַ חתונה... פּקודי וואָס האָט גראָד גע-האַלטן אין צוקלייבן בינדים מיט שלייפעלעך, האָט דעם בילעט אַפילו ניט אי-בערגעלייענט... אָבער מירעלע, וואָס האָט פּונקט געהאַלטן אינמיטן פון אָנמעסטן עפּעס אַ סאַמעטן קליידל, האָט יאָ געכאַפּט אַ בליק אויפן קאָנווערט און שוין אַזוי געבליבן, מיט איין אַרבל אָנגעטאָן, דער צווייטער האָט זיך נאָכגע-באָמבלט, ווי ביי אַן אינוואַליד... זי האָט שוין אפשר צען מאָל איבערגעלייענט איינס און דאָס זעלבע:

„ויקהל און פעסעלע".

פעסעלע און ויקהל.

פאַרבעטן צו זייער חתנה...

— וואַרט נאָך וואַרט — וויל זיך מירעלע דערמאָנען ווער איז דאָס די דאָזיקע פעסעלע?...

ביז פּקודי האָט צו איר אַ געשריי געטאָן:

— וואָס גאַפּיעסטו זיך דאָרטן, מירעשי?... קוקסט דאָך אויס, גלייך אַ שיף וואָלט דיר אונטערגעגאַנגען.

אָן ווערטער, האָט מירעלע אים דערלאַנגט דעם גלאַנציקן בילעט:

— חאַ, חאַ, חאַחאַ, חאַ אַ אַ — האָט פּקודי, אויף זיין שטייגער, זיך הילכיק צע-לאַכט... און אַרויסגעוואָרטשעט שפּאָטיש:

— צוויי קבצנים גייען טאַנצן? ווער וועט איינצאָלן?...

די יום טוב שטימונג פון די רייכע צימערן איז פּלוצים אָפּגעטאָן געוואָרן. שטיל, ווי מען וואָלט איינגעהאַלטן דעם אָטעם... אויפן פּערסישן דיוואַן איז געלעגן מיט האַלב פאַרמאַכטע אויגן אַ קליין ראַסאָווע הינטעלע, זיך צופּיעש-טשעט געפּוילט. די פּלוצימדיקע שטילקייט האָט אים פאַרשלעפּערט... דורך די

אָפּענע פּענסטער האָט די טראָפּישע זון אָרקעסטרירט איר גאַנצע פייער־אַמו־ניציע... פּקודי האָט פאַר מידקייט זיך אויסגעצויגן לעבן הינטעלע אויפן דיוואַן. מירעלע האָט א בייזן שלעפּ געטאָן דעם ארויפגעצויגענעם ארבל פון דער האַנט און שטיל, מיט האַלב געשלאָסענע ליפּן ארויסגעזשומעט:

— „נאָר בראַזיל איז פּעאיק צו פּאַרמישן אַזאַ קאַשע..."

☆

ווען ביי פּעסעלען איז געבוירן געוואָרן א מיידעלע, האָט ויקהל געטראַכט, אַז פון לערעריי וועט אין בראַזיל שווער זיין צו געבן א לייטישע דערציאונג... אַ לאַנדסמאַן, וואָס האָט גענומען גיין א שטאַפּל העכער, האָט אים אָנגעבאָטן:

— גיב נאָך א פּרוּוו אין מיין שניידערשן וואַרשטאַט. אָט איז שמערעלע לאַטוטניק שוין לאַנג אויף א וועג... און גימפּל דער שוסטער רייבט זיך אויך שוין צווישן „פּוסטאָקראַטן"... נאָר דו, נאָך אַלץ נישט געכאַפּט דעם היגן שניט?... גיב א פּרוּוו.

ויקהל האָט געפּרוּווט און זיך אויסגעלערנט שטעפּן הויזן. פּעסעלע האָט אָנגענייט קנעפּלעך און ס'איז צוגעקומען א נייע פירמע, וואָס ויקהל האָט א נאָמען געגעבן: „קאַזאַ פּעסעלע"...

ניט ווייט פון „קאַזאַ פּעסעלע", האָט זיך אויך געפונען פּקודים א „קאַזאַ מירעלע"... און אַז פּקודי איז דאָס ערשטע מאָל פאַרבייגעפאָרן פאַר „קאַזאַ פּע־סעלע", האָט אים עפּעס א צי געטאָן אונטערן לעפעלע... — אַריינגיין?

ויקהל איז געזעסן צעכראַסטעט, פּעדים אין זיין אַריסטאָקראַטישער טשו־פּרינע, א גרויסע שער אין די אויסגעאיידלטע הענט, א שטיקל קרייד צווישן די ליפּן און אַזוי אָ זיך אונטערגעברומט א: „הנני העני ממעש"...

— אָה! זעיץ נאָר וועמען איך זע, שלום עליכם דיר פּקודי — האָט ויקהל, צעטומלט, אים דערלאַנגט די האַנט איבערן מאַשין אַריבער.

— „באָ א טאַרדי ויקהל" (גוטן אָוונט ויקהל) — האָט פּקודי געענטפערט שטיל... געבליבן א ווײַלע אָן לשון, א טראַכט געטאָן: נאָך וואָס בין איך אַריין? ויקהל ווייסט דען נישט, אַז דאָס בוקן און נייגן זיך פאַר מיר איז נאָר צוליבן עשירות?... אויך מירעלע, ווייסט ער, האָט געבויגן איר שטאָלצן קאָפּ, נאָר פאַרן געלט... און ער איז אויך זיכער, פּקודי, אַז אפילו איין ווארעמען בליק, וואָס מי־רעלע טוט אַמאָל פונוויטנס אויף ויקהלען, וואָלט ער ביי איר פאַר זיין גאַנצן

עשירות ניט געקענט קויפן... וואָס-זשע זוך איך דאָ? נקמה? פאַרן ניט קענען זיין דאָס, וואָס ויקהל איז?...

— וואָס מאַכט מירעלע? — האָט אים ויקהל ארויסגענומען פון פאַרלעגנ-הייט.

— זי איז אויף דאַטשע — ענטפערט פקודי, זיך ארומקוקנדיק פאַרלוירן.

— און ס'יאַטל?

— אין שולע.

— אין דער יידישער? — קוקט אים ויקהל גלייך אין פּנים.

— ניין...

— פאַר וואָס, ס'פּאַסט דיר נישט?

— חלילה... נאָר, פאַרשטייסטו מיך, די חברים זיינע, כ'מיין דעם באַרימטן דעפּוטאַטס זינדל... אויך דעם מיניסטערס בן יחיד, גייען אין „אנגלאָ-אמערי-קאַנאָ", נו האָט זיך מיינער אויך איינגעשפּאַרט...

— אהא — שלאָגט אים ויקהל איבער — ער האָט זיך איינגעשפּאַרט... און דו? — א טאַטע, א גביר, האָסט שוין גאָר קיין דעה נישט?...

— האָסט געקויפט די דאָזיקע קראָם? — וויל אים פקודי ארויספירן אויף אנאַנדערן שמועס:

ויקהל טוט א קנייטש דעם שטערן:

ניין, כ'צאָל דירה-געלט.

— און פעסעלע וואָס טוט?

— זי קאָכט וועטשערע.

און ס'טעכטערל דיינס? — פרעגט שוין פקודי סתם אזוי, כדי ניט צו בלייבן ווי א גולם אָן לשון...

אינדרויסן האָט געגומען טונקלען. דורך דער אָפענער טיר האָט אריינגע-קוקט א האַלב בלוי, האַלב גרוי, אומעטיקער הימל, אויף דער ברייטער אוווע-נידא האָט זיך שוין פאַרמירט די געדיכטעניש פון פאַרנאַכטיקער ענגשאַפט.

— זאָל איך דיך אהיים פירן? — האָט פקודי טריאומפירנדיק פאַרגעלייגט... א בייז מחשבה'לע האָט א טאָרע געטאָן — איצט האָב איך אים געכאַפּט, דעם „יענטעליגענט"...

אין ויקהלען האָט דאָס יצר-הרע׳לע א זשומע געטאָן אין די אויערן:

— נוץ אוים די געלעגנהייט... וועסט פארשפּאָרן זיך אָנצוהענגען אויף די טרעפּ פון א טראמוויי... וועסט אויסגלייכן אביסל די פּלייצעס... אהיים קומען אביסעלע פריער...

ניט צו קלערן קיין סך, האָט ויקהל א כאַפּ געטאָן ס׳רעקל, צוגעגלייכט די צעפּלאָנטערטע האָר, א גיכן פארשלים געטאָן די טיר: — קום...

ביים לוקסוס-וואָגן, האָט א שווארצער שאָפער אויפגעמאכט די טיר. פון אינעווייניק האָט א הויך געטאָן מיט ריחות פון געפּוצטן מעש, פון סאמעט און עפּעס אזא דינער באקאנטער פּערפום-גערוך וואָס האָט ויקהלען צעטומלט... דאָס פּלושענע געזעס האָט אים חרטה-פול א ברי געטאָן... לעבן פענסטערל׳ האָט זיך געהוידעט אויף א גומען שטריקעלע א קליין ליאלקעלע, מיט א פּנים פון א נעגערל. ויקהלען האָט זיך געדאכט, אז דאָס דאָזיקע שווארצע טעקעלע לאכט אים אין פּנים אריין... חוזקט: צוליב אביסעלע באקוועמלעכקייט, ניט אויסגעהאלטן דעם נסיון... געשטרויכלט געוואָרן פון אקאפּיטשקע תענוג... תמיד מאכסטו דאָך צונישט די דאָזיקע פארגעניגנס... האלסט עס פאר א טפל... דער עיקר איז דאָך דער מענטש... רעדסט דיר איין, אז דער אינטעליגענט ויקהל, איז אומעטום — ויקהל... און דער פּראָסטער פקודי, מיט זיין גאנצן אָנגעסטראָיעטן גלאנץ, בלייבט אלעמאָל — פּקודי... איצטער זע — איין פּיצעלע פארלייכטערונג, איין טראָפּעלע גרינגער לעבן און שוין... אוים מיט אלע פילאָזאָפיעס... זיך אונטערגעגעבן דעם שטן... נכשל געוואָרן פון אביסעלע באקוועמלעכקייט...

— אָנגעקומען! — דערהערט ויקהל פּקודים גראָבע קול און ער האָט אזא גיכן עפן געטאָן די טיר, אז ר׳איז שיעור ניט ארויסגעפאלן פון וואָגן... — ניין — האָט ער א טראכט געטאָן גייענדיק אויף די קרעכצנדיקע שטיגן צו זיין אָרעמער שטוב — ניין, מער וועט ער זיך ניט לאָזן אָנרעדן פונעם יצר-הרע... מער וועט ער פּקודין אזא פארגעניגן ניט אָנטאָן... און — א פּאָר מאָל טאקע, דערזעענדיק פונווייטנס פּקודים בלישטשנדיקן קאדילאק, האָט ער אראָפּגעלאָזט דעם ראָלעט, זיך געוואָלט באהאלטן פאר א פרישן נסיון... אָבער — ניט תמיד אויסגעהאלטן די פּראָבע. ס׳רוב, ווען די ענגשאפט האָט אויסגעקוקט, ווי איין צוזאמענגעדריקטע מאסע, די טראמווייען גרילצן אים שוידערלעך אין קאָפּ, אָטאָבוסן פארטויבן אים מיט זייער גראָבן טראָמייט, בלויז די אָטאָמאָבילעכלעך, א רוח אין זייער טאטן אריין, גליטשן זיך אזוי גרינג, אזוי שטיל און מיט אזא ברייטקייט, וואָס אלע באמיען זיך צו מאכן א ווארע... — און דאָ, די הענט זענען אים אזוי מיד, דער קאָפּ, ווי מיט בליי אָנגעגאָסן און אויף דער גאס, כוואליעס פייער, ביישן דעם מידן גוף... איז גיי, הענג זיך אָן אויף א טרעפּ פון גרילצנ-

דיקן טראַמוויי וואָס וועט זיך שלעפּן שעה׳ן ביז זיין שטוב... בעת — ווען ער וויל נאָר ויקהל, שטעלט ער זיך אוועק, כלומאַרשט פאַרשליסן די טיר... פּקודי קומט אָן, שטעלט ער זיך גלייך אָפּ... מאַכט אויף די ברייטע טיר, ס׳גיט א שלאָג מיט מירעלעם פּערפום־ריח... און — אין 10 מינוט אַרום, איז ער שוין אין שטוב...

האָט ער טאַקע א סך מאָל ניט אויסגעהאַלטן, ויקהל, מבטל געמאַכט די קעגנערשאַפט אין זיך און נאָכגעגעבן דעם „גאָלדענעם קאַלב״...

☆

דאָס איז געווען אין א ווינטער־טאָג. אין דרויסן האָט געשאָרוועט א גע־דיכטער רעגן, פון די הויכע בערג האָבן די ריטשקעס ברודיקע וואַסער טרוויעריק געקלימפּערט. די שלאַנקע פּאַלמען האָבן אומהיימלעך גערוישט, גלייך זיי וואָלטן צווישן זיך געקריגט...

ויקהל איז אהיימגעקומען שטיל, מרה־שחורה׳דיק. זיין דעליקאַטע פּנים, —פאַרוואָלקנט. זיינע טיפע, קלוגע אויגן — מיט ברוינע רינגען אונטערגע־האַקטע... פּעסעלע האָט א מבינישן בליק געוואָרפן אויף איר מאַן און געפּרוּווט צו טרעפן:

— שוין אוואַדע אהיימגעקומען מיטן גביר׳ס קאַטש?...

— ניין — האָט ויקהל א פאַרטראַכטער גערעדט, ווי צום הוילן חלל: — כ׳וועל דאַכט מיר צוריק ווערן א יידישער לערער... —

— וואָס עפּעס פּלוצים? — האָט אים פּעסעלע אָנגעקוקט מיט פאַרוווּנ־דערטע און געטרייע אויגן.

— ראשית — האָט ויקהל גענומען ציילן אויף די פינגער — זע איך ניט קיין גליקן אינעם שניידערשן וואַרשטאַטל, והשנית, ווייזט אויס אז פּקודי איז טאַקע גערעכט: „א היימישער קניאַקער״ — זאָגט ער — איז דאָ א דרערד־ליגער״... באַזונדערס, מען האָט דאָ צעשטערט דעם יידישן קוואַרטאַל, פאַרבאָטן דאָס דערשיינען פון יידישע צייטונגען... איצט האָט מען אויך פאַרווערט דאָס יידישע לשון... נו, האָב איך באַשלאָסן: קיין גביר וועל איך שוין סיי ווי דאָ נישט ווערן, טאָ לאָמיר כאָטש טאָן א נוצלעכע אַרבעט...

קוקט אים פּעסעלע נאָך דערשטוינטער אָן: — מיינע שונאים? דווקא ווען מען האָט אונדזער לשון פאַרבאָטן? האָסט נישט קיין היץ?...

— טאקע דערפאר — ענטפערט ויקהל אויפגעהייטערט: — כ׳וועל צוריק אָנהויבן לערנען יידיש, געבן לעקציעס דאָרטן, ווו יידישע עלטערן ווילן נאָך, אז זייערע קינדער זאָלן קענען מאמע-לשון, פארשטיין וואָס זיי רעדן צו זיי... און אזעלכע זענען פאראן א סך... איך וועל איצט לערנען יידיש בשתיקה, כדי מען זאָל עס שפעטער קענען הערן אויפן קול... פארשטייסט, פעסינו?...

ויקהל׳ס טעכטערל גיטעלע, א שלאנק-באחנ׳ט מיידל, מיטן פאָטערס איידלקייט, דער מוטערס פשטות און מיט יידישע קענטעניש ניט ערגער פוןביידן. דערהערנדיק איר פאָטערס באשלוס, האָט א שטילן זאָג געטאָן:

— טאטעשי, איך וועל דיר העלפן... און ויקהל האָט צוגעשאָקלט מיט זיין צעשויבערטן קאָפּ: — מסכים.

✡

ווען פּקודי האָט דערהערט, אז מען האָט אראָפּגעוואָרפן דעם יידישן קווארטאל און פארבאָטן צו רעדן יידיש, האָט ער א הויכן געשריי געטאָן צו מירעלען אין דער צווייטער סאליע אריין:

— מירעשי, מיר קענען שוין מאכן ס׳פּעקל, הוילעכן אין א קריסטלעכער געגנט אריין, אויפשטעלן א גרויסן פאלאץ און — משה זוכמעך... פארשטייסט?...

— ניין! — האָט זיך מירעלע א בלייכע באוויזן אין דער טיר: — נאָך וואָס זיך באהאלטן? — בראזיל יאָגט חלילה ניט ארויס קיין יידן... אזא גוטער בראזיליש-קענער ביסטו, וואָס וועסט מיט דיין „שפּראך" זיך קענען מאסקירן אין א קריסטלעכער געגנט?...

אין דער אָפענער טיר האָט זיך באוויזן א פעסטגעבויטער יאט מיט בלויע, גוטע אויגן, ווי מירעלעס און מיט פולע ראָזע בעקעלעך, ווי פּקודים... זיך צוגעפייפט א בראזיליאנער „סאמבא", גוט פארשטאנען וואָס טאטע-מאמע האָבן גערעדט און א זאָג געטאָן אין בראזיליאניש:

— די מאמע האָט רעכט... מען דארף זיך ניט באהאלטן...

פּקודי מיט כעס האָט אדורכגעזיפט צווישן די ציין:

— יאָכטשע קאָניאזש מיט די ביינער...

— ניט געהאָלפן, ווייזט אויס, דאָס לערנען צוזאמען מיט גרויסע לייט? — האָט מירעלע אריינגעוואָרפן איראָניש — ר׳איז געבליבן דאָס, וואָס מיין חסידישער זיידע — א מענטש...

— ניין! שרייט פּקודי אַן אויפגערעגטער: — ר'איז געבליבן אַ „בו־יאָק"...

— אָה, ניין! ר'איז שוין גאָר קיין „בו־יאָק" נישט — פאַרענדיקט מירעלע אַ ברוגז'ע דעם אומאַנגענעמען אינצידענט...

☆

ס'אַ הייסער טאָג אין ריאָ, פון יענע טעג, ווען די טראָפּישע זון שטייט אויף קאַיאָר, צעבראָסטעט באַלד איר גליענדיקן קערפּער, באַווייזט זיך אַ צעהיצטע מיטן גאַנצן „פייער־ווערק"... ברייטע אָטאָבוסן מיט אָנגעפּילטע פּעסער שפּריצן קאַלט וואַסער אויף די אָנגעגליטע אַספאַלטן. אַ פאַרשטויבטע פאַרע הייבט זיך פון די אָפּגעקילטע שטיינער. אויף די אָנגעגליטע שויפענסטער זענען די ראָליעטן טיף אַראָפּגעלאָזט און דער גאַנצער צעפאַרעטער ארום קוקט אויס פאַרשמאַכט, פויל און שלעפעריק... בלויז אין דער „סאָסיעדאַדע" פון יידישע געזעלשאַפטן, שפּילט היינט פרייליכע מוזיק. אַ געמיש פון מענער, פרויען, יוגנטלעכע און קינדער טאַנצן איניינעם... אָרעם מיט רייך, שוואַכע מיט שטאַרקע. ספרדישע יידן מיט אשכנזישע יידן. דייטשישע מיט פּוילישע. אַלע געפלאָכטן אין אַ ברייטער ראָד זינגען אויפן קול:

— עם ישראל חי! עם ישראל חי!

אַן עלטערער ייד, וועטעראַן פון ציונים אין בראַזיל, שיכור פון פרייד, טענץ און געזאַנג, האָט אַראָפּגעכאַפּט פון וואַנט דאָס בילד פון דר. הערצל, געטאַנצט מיט אים אין ראָד און אַריינגעשריגן אין פּנים:

— דיין חלום איז מקוים געוואָרן, הערצל! מיר זענען באַפרייט! האָבן צוריק אונדזער לאַנד!... מזל־טוב הערצל...

אינעם גרויסן געטומל, פאַרפלאָנטערטן געדרענג, האָט קיינער ניט באַמערקט ווי די טיר האָט זיך שטיל געעפנט און נאָך שטילער האָט זיך אַריינגעשליכט פּקודים געשטאַלט... נאָך אים, מירעלע, הינטער זיי — זייער זון יוזעף און צום סוף, האָט זיין שוואַרצער שאָפער געטאַשטשעט פלעשער שאַמפּאַן, געבראָטענע פליישן, געשלייערטע טאָרטן, ווי צו אַ פייערלעכער סעודה...

דער ערשטער האָט פּקודין באַמערקט וויקהל, אים פייערלעך אַקעגנגעגאַנגען, די פרייד האָט ראָזיק גע'שמחה'ט אויף זיין צעשטראַלטן פּנים:

— מזל־טוב פּקודי, זאָל ווויל זיין צו דיין קומען, מזל־טוב!... צערודערט און אַביסעלע פאַרשעמט, האָט פּקודי זיך אָנגעשטרענגט צו רעדן אָבער ניט געקענט... געפלאָנטערט מיט דער צונג, מען האָט בלויז געקענט אויפכאַפּן:

— ס׳איז גוט... זייער גוט... — ביז ר׳איז געקומען צו זיך און שוין קלאָר ארויסגערעדט:

— א וואזשנע געשעעניש... אן אמת׳ער נס... נו, מ׳עט שוין אפשר קענען אביסל פרייער אָפּדעכין.

פקודי האָט דערוויל באמערקט די שלאנקע רייזעלע.

— אָט דאָס איז דיין מויד?! וואזשנע, זייער וואזשנע...

ויקהל איז אים ניט שולדיק געבליבן:

— דיין קדיש, זע איך, איז אויך ניט קיין שפּעטנע זאַך...

יוזעף מיט רייזעלען האָבן זיך געטוישט מיט די בליקן... אז רייזעלע האָט אראָפּגעלאָזט אירע לאנגע וויעס, האָט יוזעף אין איר איינגענאגלט זיין פאר־חידושטן בליק... און ווען יוזעף האָט כלומרשט געקוקט צום סופיט, האָט אים רייזעלע געמאָסטן, פון אויבן אראָפּ, פון אונטן ארויף און — אין 5 מינוט ארום, האָבןביידע שוין געטאנצט אינעם געדיכטן רעדל...

✡

אָפּגעשפּילט, אָפּגעזונגען, זיך אויסגעניכטערט, איז פקודי מיט מירעלען אוועק צו זיך אין פאלאץ אריין... און ויקהל מיט פעסעלען צו זייער אָרעמער הייזקע...

אינעם ישוב רעדט מען ווידער פריי יידיש, מ׳זינגט אין יידיש, מ׳טאנצט — יידיש און ויקהל מיט באנייטע כוחות לערנט מיט קינדער רק יידיש...

אָבער פקודי, נאָך אלץ ניט געזעטיקט זיין יוגנט־חולאת, האָט זיך ווידער באזעצט אינעם נגידישן „לעבלאָן", אויפסניי אָפּגעקויפט בראזיליאנער בערג, אויפגעשטעלט מארמאָרנע „עדיפיסיאָס", געהאט כבוד... אין אלע אינסטיטוציעס און דאָך ניט געווען געזעטיקט...

אויף שמחה׳לעך, פארזאמלונגען, באנקעטן, זיצט פקודי אויבנאָן, שטייף, אויסגעטראקעוועט, ווישט דעם שוויים מיט א זיידן טיכעלע, די פולע באקן, הוילער שמייכל... נאָר ווען עס קומט צו די רעדעס... אָה די רעדעס — ווערט אים ענג דער קאָלנער, גיסן זיך טראָפּנס פון זיינע הענט, נעמט קרעכצן דאָס בענקל... און ס׳רוב רופט מען גאָר ארויס ויקהלען, וועלכער זיצט צומיינסט אין די אונטערשטע רייען... אָבער, ווען ער שטעלט זיך אויף, טוט א לויכט זיין איידל געשטאלט... און אויף פקודים פנים פארציט זיך דעמאָלט א טונקל שאָטנדל...

ער הערט כמעט ניט וואָס ויקהל רעדט, ער זעט בלויז, ווי אַלעמענס אויערן זע־נען אָנגעשפּיצט אהין, צו דער לעצטער ריי, ביי דער טיר... דאָרטן לייכט איצט די שכינה... און דאָס וועט ער, פּקודי, פאַר זיין גאַנצן עשירות ניט קענען קויפן...

דער יונגער יוזעף אָבער, פּקודים זון, האָט גאָר ניט געירשנט פון זיין פאָ־טערס כאַראַקטער. ער, אַז ר׳האָט דערפילט, דאָס די אָרעמע רייזעלע איז אים אַריין אין האַרצן, האָט ער פּראָסט און פּשוט אַ זאָג געטאָן צום טאַטן:

— עאו קעראָ עלא אי פּראָנטאָ״ (איך וויל דאָס מיידל און פּטור).

און אַז פּקודי האָט אַ בייזן געשריי געטאָן:

— אַ קבצנישע מויד?!...

האָט אים יוזעף געענטפערט אין אַ צעבראָכענעם יידיש:

— „קאַצווּנישע מאַיט אָט הער׳קאָפּ פאַרינץ נ׳קעשענע״...

אין פּקודין האָט אַ שד זיך צעשפּילט: — איצט וועט ער ווייזן ויקהלען די מאכט פון עשירות...

— ליבע־שמיבע — נאַרישקייטן... דערווייל איז ער נאָך אַ „סראַציק״ זיין זון... און פּקודי האָט נאָך גאָט צו דאַנקען די דעה איבער אים...

— ווילסט גיין צו דער אָרעמער מויד?, „פּאַיזשנאָ״, אָבער אָן דעם טאַטנס קאַדילאַק... נאָדיר אַ „מיל־רייס״ און פאָר צו איר אויפן טראַמוויי...

☆

כאָטש פּקודי איז אַמאָל נאָכגעגאַנגען ויקהלען צוליבן יחוס און דערפאַר אין דער שטיל געליטן פון קנאה צו אים, אָבער אין בראַזיל האָט ער גיך איינ־געזען, אַז דאָ, איז דער גרעסטער יחוס — געלט... אמת, ער קען טאַקע ויקהלען ניט נאָכטאָן אין אינטעליגענץ... דערפאַר קען אָבער ויקהל אים ניט נאָכקומען אין עשירות... און דאָס איז נאָך פאַרלויפיק וויכטיקער, ווי יענעמס קענטענישן... אויף דער דאָזיקער סטרונע האָט פּקודי געשפּילט, דערמיט געוואָלט אַרויסווייזן זיין ביטול צום אינטעליגענט... דער דאָזיקער געלט־כח האָט אים געטריבן זיך אַקעגנצושטעלן זיין זונ׳ס אויפריכטיקע געפילן, ערשט איצט האָט ער געפונען דעם ריכטיקן מאָמענט צו ווייזן דעם געוועזענעם בעל־יחוס, אַז דאָ איז פּקודי דער — „ויקהל״...

— ווילסט חתונה האָבן מיט דער אָרעמער מויד? — סיידן אַנעם טאטן...

☆

איז ויקהל געקומען צו פּקודים שוועל און צו אים אזוי געטאָן זאָגן:

— הער זיך איין פּקודי, דו ווייסט גאנץ גוט, אז זינט איך בין אין בראזיל, האָב איך מיך צו דיר קיינמאָל ניט געווענדעט, גאָרניט געבעטן און ניט געבוקט זיך פאר דיר... גווידערסט זיך, בלאָזסט פון זיך, שטייט דיר מער ניט אָן מיין חבר'שאפט?... פאר מיר אָבער, ביסט פונקט דער זעלבער וואָס איז אינדערהיים מיר נאָכגעקראָכן.... און ווען מ'קען גוט חשבונען, בין איך דאָך דאָרטן געווען רייכער, ווי דו ביסט דאָ... איך בין עס נאָך אפילו היינט אויך, אויב מ'קען גוט חשבונען... פונדעסטוועגן ביסטו דאָרטן געווען מיין חבר... און ווען דו אליין וואָלסט ניט געוואָרן אזוי פארטשאדעט פונעם „געלט-מילעכל”, וואָס הוזשעט דיר אין קאָפּ, וואָלסטו אוואדע איינגעזען, אז מיר שטייט אפשר מער ניט אָן זיך משדך צו זיין מיט דיר... דער גורל האָט אָבער אזוי געוואָלט, אונד־זערע קינדער האָבן זיך ליב באקומען און איך האָב געהערט, אז דו דרייסט מיט דער נאָז... איך פאס דיר ניט פאר קיין מחותן?... א קבצן א מחותן?...

ויקהל האָט זיך פּלוצים פארהאקט אינמיטן רעדן. אן ענגשאפט האָט אים גענומען ווערגן אין האלדז... ר'האָט צעקנעפּלט דעם קאָלנער, צעבראַסטעט די ברוסט און גענומען ווישן דעם געדיכטן שוויים וואָס האָט אים געקאַפּעט פון אלע זייטן. פּקודי איז געזעסן שטייף. אין זיין פאריסענער האלטונג איז געלעגן ביטול, זיינע איראָנישע בליקן, גלייך זיי וואָלטן גערעדט: חוזקסט פון געלט? לאכסט פון מיין עשירות? אָבער איך האָב אפילו דיין מירעלען דאָ געקויפט פאר געלט...

מיט באהערשטער נערוועאישקייט, האָט ויקהל גענומען א נידעריקערן טאָן:

— גלויב מיר פּקודי, כ'בין ניט געקומען זיך בעטן ביי דיר, ניט אויפווייזן מיין גרעסערקייט פון דיר... נאָר, איך פארטראָג ניט, מען זאָל זיך ווארפן מיט מיין גאָלדענער רייזעלע...

פּקודי שלאָגט אים איבער:

— זיי נישט קיין בטלן, אין בראזיל איז ניט שייך קיין „גאָלד” אָן געלט!!

— שווייג!!!

שרייט ויקהל אוים א דערציטערטער:

— שווייג, אויב דו ווילסט ניט, אז איך זאָל דאָס ערשטע מאָל אין מיין לעבן עובר זיין אויף א לאו...

פּקודי האָט זיך האסטיק אויפגעשטעלט:

— זאָג-זשע גיך, נאָך וואָס ביסטו געקומען — וואָס ווילסטו?...

— איך וויל ניט — נעמט ויקהל ציילן די ווערטער געלאסן, ווי מען ציילט פּערל: — איך וויל נישט, אז צוליב געלט און אויפגעבלאָזענער — פּוסטער — גאוה, זאָל מען זיך וואַרפן מיט מיין קינד! הערסט צי ניין?

ויקהל האָט ווידער גענומען רעדן מיט א פאַרטרערט קול:

— דו ווייסט גאַנץ גוט פּקודי, אז ווען איך וואָלט דאָ געווען איינשפּאַנען מיין קאָפּ אין דיין „וועגעלע", וואָלט איך אפשר היינט געווען רייכער אין געלט, ווי דו ביסט אין געקויפטן כבוד... ווייסטו דאָך אָבער, אז ביי מיר איז דער מענטש תמיד געשטאַנען העכער פאַרן געלט... איך לאַך פון אָנגעסטראָיעטן גלאַנץ, וואָס בלישטשעט פונדרויסן, ווען אינעווייניק איז פּוסט...

פּקודי האָט זיך פּלוצים דערפילט שוואַך, גלייך מען וואָלט באַרירט זיינס א פאַרבאַרגענע ווונד וואָס שמאַרצט ערגיץ טיף, באַהאַלטן אין די אינגעווייד, וואָס קיין רפואה צו איר איז נישטאָ.

אינדרויסן האָט זיך פאַרנומען אויף רעגן. טונקעלע וואָלקנס האָבן זיך גע-צויגן פון ביידע זייטן הימל. א שוואַרצע עגלה איז פּלוצים אַרוים פון א זייטיק געסל, געגאַנגען שטיל, טריט ביי טריט מיט עפּעס א וויכטיקער לויה... מיט א צעקנעפּלטן קאָלנער איז פּקודי געבליבן זיצן שטיל, ווי אין אָפּגעשמיסן חדר-יינגל... מיט פייכטע, פאַרלאָפענע אויגן נאָכגעקוקט דעם טרויער-פּאַראַד, גע-זען ווי מענטשן גייען מיט געזונקענע קעפּ און אין מוח ביי אים האָט געבויערט ויקהל׳ס רייד: „אָנגעסטראָיעטער גלאַנץ, בלישטשעט פון דרויסן... פּוסט פון אינעווייניק"...

א בייסיק געדאַנקעלע האָט אים א טאָר געטאָן: ביסט א מנוול פּקודי, א שמאַטע, א קנעכט צו דיין עשירות... מאַך א סוף צום דאָזיקן אָנשטעל, ווער אַ מענטש...

— כאַפּט עס דער רוח — האָט ער פּלוצים זיך א שטעל געטאָן אין אַזא פּאָזע, גלייך ער וואָלט געוואָלט פון זיך אַראָפּוואַרפן די אַלע אָנגעקויפטע בערג, די עדיפּיסיאָס מיט די פּאַלאַסטן... גלייך א שווערע גאָלד-מאַסע וואָלט זיך

פארלייגט אויף אים, פארשקלאפט זיין הארץ, זיין נשמה, זיין גאנץ לייב און לעבן... גלייך א טייוול, ציט אים אלעמאָל טיפער צו „פוסטן גלאנץ וואָס בלישט־שעט נאָר פונדרויסן, בעת אינעווייניק איז ליידיק, א פוסטער גאָרנישט"...

פקודי האָט צוריק דערזען ויקהלען, ווי אמאָל: א מענטש מיט ווירדע, מיט טאקט און מיט שכל...

— נו, גוט— האָט ער א פארשעמטער פלוצים א מורמל געטאָן — זאָל זיין א שידוך... זאָל שוין זיין... אָבער —

פקודי האָט זיך צוריק געטאָן א גלייך אוים דעם קאָלנער, ארייגעטאָן די הענט אין די קעשענעס און, גלייך ער וואָלט זיך דאָרט אין די קעשענעס אָנגעשלאָגן אין דער „מאַזשיק" פון זיין געלט־יחסנות... זיך ווידער געגעבן א טראקעווע אוים, ווידער געוואָרן אָנגעסטראָיעט, שטייף, געגעבן א שטאָלצן בליק אויף ויקהלען און ארויסגערעדט מעשה תקיף:

נו גוט זאָל זיין א שידוך, אָבער ס'וועט מוזן זיין א נגידישע חתונה... אין רייכסטן סאלאָן מיט די טייערסטע מוזיקאנטן... ניט אזוי צוליב מיר, ווי צוליב די רייכע סוחרים, די פאבריקאנטן, די אינדוסטריאלן... ווייסטעך וואָיל, יעך שטיי מיט אלע אויף איין ברעטל...

עס איז געוואָרן שטיל, אזוי מאָדנע שטיל, מיט אזא געפּרעסטער אומהיים־לעכער שטילקייט, וואָס איז מסוגל, ווי אָנגעזאמלטער עלעקטרישער כח, אויפ־צוברויזן וועלטן...

ויקהל האָט זיך אָבער באהערשט, אָנגענומען מיט מוט און אנשטאט א זידל־וואָרט, אָן אָפּענעם לאך געטאָן... געטראכט אין זיך: א פארפאלענער אויף אייביק... און כדי צו פארענדיקן די קאָמישע סיטואציע, א זאָג געטאָן כלומרשט ערנסט:

— נו מילא, כ'וועל זיך באמיען, דיך ניט צו פארשעמען פאר דיינס גלייכן... מאכן א נגידישע חתונה... צוליב אזעלכע „קליינקייטן" וועט דער שידוך זיכער נישט צעשטערט ווערן...

★ ★ ★

וועקע וועט איפּהאַלטן

וועוקעס גרויע רעקל איז אים אַנגעהאַנגען אויף איין האַנט, די צווייטע איז פאַרבאַנדאַזשירט און פריש בלוט נעצט דורך די ווייסע גאַזע. זיין האַלב גרויע טשופּרינע קלעפּט אים אויפן פאַרשוויצטן שטערן. זיינע בלויע-מידע אויגן קוקן מטושטש אויפן בייזן פּנים פון שטרענגן פּאָליציאַנט וועמען דער קאָנ־פליקט: קריסט — ייד — געשלאָגן צוליב פּאַרליבעניש אינטריגירט זייער:...

— „יאָ, אמת" — רעדט וועוקע קלאָר, מיט ישוב הדעת — „כהאָב זי געשלאָגן ס׳מיידל מיינס און כוועל איר ווייטער קאַטעווען" — זאָגט ער שטרענג מיט דעציזיע אין זיין קול — „זי איז מיין קינד, אַ יידיש קינד און איך האָב רעכט איר צו ווייזן דעם ריכטיקן וועג אין לעבן"...

מיט דער פאַרוווּנדעטער האַנט, טוט זיך וועוקע אַ וויש דאָס נאַסע פּנים וואָס ווערט אינגאַנצן אויסגעשמירט פון פרישן בלוט.

אין אַ ווינקל פון פּאָליציי-צימער, שטייט מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ וועוקעס 18-יאָריקע טאָכטער דבורה׳לע, אירע בלאָנדע האָר שעמערירן אַנט־קעגן דער צעשטראַלטער זון, ווי פריש צעטאָפּיעט גאָלד, פון אירע בלויע, פאַרשעמטע אויגן קאַפּיען שטילע טרערנדלעך. דאָס פאַרריסענע נעזל אירס זיפּט כסדר אין אַ ווייסן טיכעלע אַריין, זיפּט און העשעט אויפן קול...

אין צווייטן ווינקל זיצט, ווי פאַרשטיינערט, אַ ברונעטער מאַן, מיט אַ טונקל־עכט בראַזיליאַנער-פּנים און הערט זיך איין מיט אַלע חושים צום מאָדנעם שמועס וואָס עס פירט דער בייזער פּאָליציי-קאָמיסאַר מיטן פאָטער פון זיין געליבט-יידיש-מיידל...

• •

אין דער אַלטער היים — אין פּוילן, איז וועוקע כמעט אין קיין חדר ניט געגאַנגען, נאָר עפּעס דאַרטן אַרומגעבראַיעט אַ האַלב יאָר ביי אַ קליין דרדק מלמדל, געפּליקט „סטרונעס" פון פערדישע עקן, געריסן קנעפּלעך פון יינגלעכס קאַפּאָטקעס, געלקחנ׳ט ברויט פון זייערע אָרעמע טאָרבעלעך און אויסגעדרייט די הערנער ביי אַלע שטעטלשע קאָזעס.

צו 10 יאָר האָט שוין וועוקע באַנייט אַ פּאָר ברייטע קאַראָמיסלעס מיט הילצערנע קענדלעך, געהאָלפן זיין אָרעמער מוטער טראָגן וואַסער אין יידישע

הייזער... צו 13 יאָר שוין געווען זעלבסטשטענדיק — אַ גוטער „דאַמסקע־שוסטער", וואָס פלעגט צושטאַר געבן אין שטוב אַריין צום שבת־דיקן „פּאָטשאַי" און דערפאַר געזעסן ביים צעקרומטן טיש און ווי אַ פרנסה־געבער קאָמאַנדעוועט:

— „מאַמע, נאָך! כליאַפּע אַריין, זשאַלעווע נישט, מאַמע, — גיס!"

אויפן שוסטער־בענקל איז וועווקע געזעסן, שטאָלץ, ווי אַ פרינץ אויפן טראָן און זיך תמיד באַרימט:

— „מיינס אַ פּאָר לעטשעלעך טאַנצן, אַראָפּ פון די פיס" — און שטענדיק אונטערגעזונגען:

„אַ ייד צו זיין איז טייער,
אַ ייד צו זיין איז גיט,
שרייען וועלעך ביזן טויט אַריין..."

אַז וועווקעס עלטסטער ברודער גימפּל, האָט זיך אַמאָל פאַרפלאָנטערט מיטן חזר־קיילערס בלאָנדע שיקסל האַנקע און די פאַרשאַרטע „חציפה" איז שפּעטער געקומען מיט אַ פאַרבאַבליעט עופּהלע, געסטראַשעט:

— „אָדער אַ „שלוב" אָדער — אַ פּאָגראָם אין שטעטל..."

איז דעמאָלט וועווקע צו איר ארויס פאַר דער טיר, אַ שיבער געטאָן זיינע ברייטע פּלייצעס אין דער ליימיקער וואַנט, אַ שפּיזיקן בליק געוואָרפן אויף מאַנקעס צעצונדענע אויגן און לאַקאָניש אַרויסגעשיפּעט:

— „אַ שליוב?! אַ קרענק אין די ביינער. האָסט זיך פריער ביי עמיצן אָנגעפרעגט? געהערט אַ מעשה, אַנדערש ניט נאָר אַ שליוב?...

און אַז מאַנקע האָט אַ צישע געטאָן:

— „וועל איך עס אונטערוואַרפן אין שול..."

האָט איר וועווקע אַרויסגעכאַפּט דאָס נפש'לע פון די הענט:

— „דאַרפסט נישט וואַרפן נפקה, קענסט עס לאָזן דאָ..."

און אַ דערלאַנג געטאָן דאָס פּיצעלע צו דער מוטער אין שטוב:

— „נאַ, מאַמע, נעם צו, מ'עט אויפכאָוועו, ס'אַ יידיש קינד..."

און צו מאַנקען:

„חתונה האָבן,? אַ כוואַראַבע אויף דיר איז קאַרג?

● ●

קיין בראַזיל איז וועוקע אָנגעקומען מיט אַ שעכטעלע הילצערנע פּלעק־לעך, אַ פּעקעלע גרויען שפּאַגאַט, אַ גלאַנצנדיקע אָל און אַ גרויס שטיק וואַקס: ווי אַ זאַך מאַכט זיך האָט ער דערוויל אַ פּאַרטיקן וואַרשטאַט...

הענגט אין הימל אַ צעגליטע זון, אַ פּייער־מעדאַליאָן אויפן ברייטן האַלדז פון אַ העלן וואָלקן. ס׳מאַליען פון היץ די מידע גאַסן. לעכצן מענטשן נאָך טראָפּנס רעגן, חלומען די פאַרשמאַכטע פּאַלמעס נאָך קילע ווינטעלעך — און וועווקע שווין נאָך די 4 וואָכן „קעסט״ אין „הילפּס־פאַריין״ חלומט אויך — נאָך זיין מאַמעס רעטשינע קליסקעלעך... טשאַפּעט ער אַן אויסגעווייקטער, אין שווערע יוכטענע שיך, ס׳שווייסיקע העמד צעכראַסטעט, זיינע בלויע, אַביסל שיקל־דיקע־אויגן קוקן מיט בענקשאַפט צו אָפענע טירן, זיינע ברייטע נאַז־לעכער ניוכען די פעטע ריחות וואָס קומען פון ביליקע רעסטאָראַנדלעך... איז ער דער־וויל אַריין אין איינעם אַזאַ גאַר־קיכל, געוויזן זיינע שטאַרקע הענט, זיין מוסקולי־רטע ברוסט און באַלד געשטאַנען ביים וואַש־קאַסטן... ס׳וואַסער האָט פריילעך געשאַרוועט, די טעלערס געקלינגען אונטער זיינע הענט און ס׳הונגעריקע מויל האָט דערוויל געקייט, געזאַמזשיט מיט הנאה, פאַרשטאָפּט ס׳געשריי פון מאָגן...

נאָכן אָנזעטיקן דעם חומר, האָבן זיך וועווקעס פאַרזשמאַרעטע אויגן אַביסל ברייטער צעעפנט, זיין פאַרזאָרגט פּנים האָט זיך ליכטיק צעשמייכלט:

— „ווייזט אויס אַז פאַר הונגער עלעך שוין דאָ די „קאָפּעטים״ נישט אויסציען...״

די כלי־זין האָט ער, אַ ווינקעלע אין אַ טויער, שוין געדונגען, נו, האָט טאַקע לאַנג ניט געדויערט ביז מ׳האָט געלייענט אויף אַ שטיקל געהיבלעוועט ברעטל, די גוטע בשורה:

— „יעך פאַרעכט זוילן, קנאַפּלים, נאַסקים, שיכעלעך, לעטשעלעך, טאַנצן אַראָפּ פון די פיס...״

איז דאָס שטיקעלע פאַרשטויבטע פּאָליצע באַלד אָנגעשפּארט געוואָרן מיט אַלטן שוכוואַרג און וועווקע זיצט שוין ווידער אויפן שוסטער־בענקעלע, וועקסט דעם דינעם שפּאַגאַט, ציט לאַנגע דראַטווען, נעצט די הילצערנע פּלע־קלעך, וואַרפט זיי אין מויל, ווי פרישע וויינטרויבן און זינגט זיך ווידער אונטער:

„אַ וואָך נאָך מיין געבוירן,
שוין געוואָרן אַ ייד,
געפילט דעם טעם, וואָס הייסט אַ ייד צו זאַן...״

אַז וועווקע האָט איבערגעציילט דעם ערשטן הונדערטער אין בראַזיל, האָט ער אַ שיטערן שפּיי געטאָן אין זיין ברייטער דלאָניע אַריין:

— „אַ רוח אין דער וועלט אַריין ווו מענטשן גייען ניט, ס'אַ גאָלדן לענדאַלע בראַזיל, מ'קאָן דאָ זשיפּיען...״

און באַלד אַ זוך געטאָן צווישן די גרינע מיידן עפּעס אַ היימישע „סחורה״ וועלכע זאָל זיך לאַקאָמען אויף אַ יאָלדיש פּעטשל פון זיינע געזונטע הענט.

לאַנג צו זוכן האָט ער ניט געדאַרפט, דער „זוכה-בגורל״ איז געפאַלן אויף דער קליינער גאָלדעלע, וואָס האָט אין דער אַלטער היים געדינט ביי רייכע קרובים, געדינט אַזוי לאַנג ביז דער בן יחיד זייערער האָט איר גענומען רייסן ביים אַרבל... רייסן ביי דער ספּודניצע, רייסן אירע האָר-נאָדלען פון קאָפּ... ביז מ'האָט ניט געקענט מער צורעכט מאַכן אירע „ריסן״ און זי גלייך משלח געווען קיין בראַזיליע...

וועווקע האָט באַלד געוואָרפן אַ פריינדלעך אייגל אויף איר קנעכטיש געזונקען קעפּל, אויף אירע אַלטפרענקישע קעקסלעך, אויף אירע פולע, זיך וויגנדיקע היפטן און באַלד אַ לייג געטאָן זיין ברייטע האַנט אויף אירע שמאָלע אַקסלען:

— „גאָלדעלע קום כ'וועל דיר אויסלאַדעווען אַ גרוימע „כאַלופּע״, וועסט ביי מיר „פּאָפּן ווי אַ קייסערינע אויף ווייכע שעניקעס און האָדעווען אונדזערע קליינינקע שוועלבעלעך...״

איז טאַקע פונקט צום יאָר געבוירן געוואָרן זייער ערשטע „שוועלבעלע״ — דבורה'לע און באַלד דערנאָך, וועווקעס אַ נייע שוסטער-קראָם מיט שפּי-געלעך פון פאָרנט, שפּיגעלעך פון הינטן; אַז מ'וועט אָנמעסטן זיינס אַ פּאָר שיכעלעך, זאָלן די פיסעלעך אַרויסטאַנצן פון אַלע זייטן...״

דבורה'לע איז דערוויל געוואַקסן אַ שטילע, צאַרטע, אַ שלאַנקע, מיט אַ לייכט פאַררויטלט פּנימל, וואָס האָט אויסגעקוקט, ווי עפּעס אַ גלגול פון רביישע הויפן:...

— „אַ מויד אַ צימעס״.

האָט וועווקע גענחת'ט.

און גאָלדעלע האָט אויסגעשפּיגן אין אַ ווינקל:

— „קיין עין-הרע ניט דאָס קינד האָט „פּאָוואָדזעניע״...

און דבורה׳לע האָט טאַקע געהאַט דערפֿאָלג: איר שטיל געגגל, צניעות־דיקע האַלטונג, גוט פֿאַרטראַכטע רייד, האָט שטאַרק אויסגענומען ביי מענטשן. אַפֿילו וועוווקעס קריסטלעכער שכן, דער באַקאַנטער אַדוואָקאַט, האָט זײַטיק נאָכגעקוקט דער חנעוודיקער יידישקע... בפֿרט זיין זינדל, וואָס איז צוליב דבורה׳לען געגאַנגען אויף יידישע בעלער, געקומען אין דער „סאָסיעדאַדע” אין דער „העבראַיקאָ”, געטאַנצט מיט דבורה׳לען, געפֿלירטעוועט, געשפּילט מיט איר אין „פּינג־פּאָנג” און לסוף געקומען צו זיי אין שטוב, כלומרשט אָנציען זיין האַנט־זייגערל לויט וועוווקעס גרויסן „בודניק”... און דערווייל שוין אַביסל פֿאַרבליבן, צו טרינקען איינעם אַ שוואַרץ קאַווועלע...

ווען דבורה׳לע איז אַלט געוואָרן 16 יאָר, האָבן שוין געאַרבעט אַ פּאָר טוץ געזעלן „עקסקלוזיוו” פֿאַר וועוווקעס כסדר פֿאַרגרעסערטן שיך־געשעפֿט. שוין געהאַט אַן אויטאָמאַטישן רעכן־מאַשין, אַ געמאַליוועט שיקסל מיט לאַנגע נעגל האָט געקלאַפּט אויף די שוואַרצע ביינדלעך, גיך, גיך, דאָס שיפֿלעדל איז געשפּרונגען, ווי אַ פֿייגעלע פֿון אַן אַלטפֿרענקישער קוקאָווקע, אַריין, אַרויס, אַריין ארויס... און וועווקע האָט געוווּנקען צו זיין אויסגעסטראָיעטער גאָלדעלע:

— „אַ נו, גאָלדעשי, זעסטו כאַטש וואָס בראַזיליע איז? — ווער וואָלט זיך אינדערהיים געגלייבט אויף דער וואַסערטרעגערינס תכשיט? אָבער דאָ — אַ געלט־מילכל אויף ספּרוזשינקעס... מ׳זשאַבט”...

און כאָטש וועווקע איז שוין געווען אַ ייד א גביר, מיט גרויס פּאַרנעס, דינסטן און לאָקאַיען, האָט מען פֿונדעסטוועגן נאָך אַלץ ביי אים געגעסן אַ שבת־דיקן „פּאַטשאַי”, טשאָלנט מיט קישקע, אַ גריישל אין זויערן... און דבורה׳לען געשיקט אין דער העבּרעאישער גימנאַזיע. אין שטוב גערעדט אַ היימישן מאַמע־לשון און בכלל געפּירט דאָס נגידישע הויז מיט אַלע יידישע חנ׳ען... נאָר ווען דבורה׳לע איז אַלט געוואָרן 18 יאָר, האָט זיך דער גוט אויפגעבויטער יידישער פֿונדאַמענט פּלוצים אַ שאָקל געטאָן... דבורה׳לעס בלויע, דורכזיכטיקע אויגן זיינען פֿאַרוואָלקנט געוואָרן. איר ראָזע פּנימל, — בלאַסער. איר תמיד־שטילע האַלטונג, חוצפּה׳דיק... אירע פֿאַרלאַנגען — פֿאַרעקשנט... ביז צו וועוווקעס פֿאַרשפּיצטע אויערן האָבן זיך דערטראָגן פֿאַרדעכטיקע קלאַנגען... כלומרשט מיט א געלעכטער האָבן שכנים צעווויסן געטאָן:

— „געטראָפֿן אייער דבורה׳לען אויף די בערג פֿון אַלטאָ־באָאַ־ווישטאַ”... דעם אַדוואָקאַטס זינדל־אויך דאָרט געווען... — געזעען אייער טעכטערל אין סינעמאַ... — אייער שכנ׳ס זינדל אויך דאָרט געזעען”...

דעמאָלט האָט וועוווקעס יידישע האַרץ אַ מורא׳דיקן ציטער געטאָן... אַ ווייטיקלעכער פּחד און אַ טיפֿער אומרו האָט זיך פֿאַרגנב׳עט אין זיין געמיט.

אַזאַ מין אויסטערלישע שרעק וועלכע הויערט דאָ איבער אַלע יידישע טאַטעס וואָס האָבן דערוואַקסענע זין און טעכטער:...

— „און ווער ווייסט? — און אפשר טאַקע? און טאָמער חלילה פאַרליבט אינעם גוי?" — האָט וועווקע געקרעכצט אין דער שטיל.

געדענקט ער דאָך אַזאַ אומגליק אין דער אַלטער היים. דעם מיידלס פאָטער, אַ פשוטער קלעזמער, אַן אַפּיקורס, האָט אויסגעטאָן האַלב נאַקעט זיין פאַר־עקשנ'טע טאָכטער, געקאַטעוועט מיט אַ רוט איבערן הוילן לייב, די געוואַלדן האָבן זיך געטראָגן איבערן גאַנצן שטעטל און דער צעווייטיקטער קלעזמער האָט יאָמערליך געריטשעט:

— „בעסער דער טויט איידער אַ גוי"!!!

איצטער הערט ער, וועווקע, אין די שלאָפלאָזע נעכט, יענע מורא'דיקע געשרייען און עס חלומט זיך אים אָפט, אַז דאָס שלאָגט ער אזוי זיין איינציקע דבורה'לע...

און די זון האָט דעמאָלט געליכטיקט אין וועווקעס אָפענע פענסטער, פייגל האָבן געצוויטשערט אין זיין צעבליטן גאָרטן, דער הימל איז געווען אַזוי בלוי, ווי די לויטערע אויגן ביי דער צעשראָקענער דבורה'לען, ווען דער תמיד צערט־לעכער וועווקע האָט איר פּלוצים גענומען אויפן פאַרהער... וועווקע האָט זיך באַמיט צו געבן זיין גראָבלעכע שטימע די ווייכסטע טענער:

— „אזוי און אַזוי — דבורה'שי טייערע, שכנים שושקען זיך... מ'זאָגט אויף דיר, אַז דו... מיטן שכנ'ס בחור... כ'מיין דעם אַדוואָקאַטס תכשיט, וואָס קומט אָנשטעלן דעם זייגער וועדליק אונדזער „בודניק", כ'מיין יענעם דעם גוי...

ווי פאַרשטיינערט, מיט אויגן געזונקען, קוקט דבורה'לע צו דער ערד און שווייגט:

— „נו מילא" — זעצט וועווקע פאָר — „וואָס בייזע צינגער באַלאַגאַטשען דאָרטן... דער עיקר ביסטו, דיינס איין וואָרט און... פּטור אַן עסק... נו, האַ? דבורה'לעבן? שווייגסט?"...

דבורה'לע האָט זיך פּלוצים אויסגעגלייכט, געוואָרן אפשר מיט אַ קאָפּ העכער, איר ראָזע פּנימל, ווייסער ווי קרייד, איר דינע שטימע, הייזעריקלעך, און אַזאַ דרייסטן שאָקל געטאָן מיט איר געדיכטן קענזשער־האָר, אַז די בלאָנדע לאָקן האָבן זיך איר צעשויבערט איבערן גאַנצן פּנים:

— „יאָ! טאַטע! ס'איז אמת"!...

— אמת?!

האָבן וועווקעס בלייכגעוואָרענע ליפּן געגומען ציטערן:

— „וואָס אמת? — רעד"!

דערשראָקן פון וועווקעס פלוצים פאַרענדערטן פּנים, האָט דבורה'לע גענומען רעדן מיט קווענקלניש.

— „אָבער, טאַטעשי, מיט וואָס בין איך אַנדערש פון דער יחוס'דיקער בערטשיניאַ? און פאַר וואָס מעג ראַמאַנסירן מיט אַ קריסט די רייכע מאַרגאַרידאַ? צי גאָר די געבילדעטע סילוויניאַ? — זייערע טאַטעס זיינען אויך פיינע יידן און פונדעסטוועגן...

— „שווייג דבורה"!! — רייסט איר וועווקע איבער מיט אַ הילך אין טיש אַריין: — „שווייג, כ'וויל נישט מער קיין וואָרט פון דיין מויל...

פון וועווקעס אָנגעצונדענעם פּנים איז פאַרשוואונדן יעדער טראָפּן בלוט, אַ מת האָט זיך געוואַקלט אויף פאַרשטאַרטע פּיס, דאָס לעצטע ביסל חיות איז אים אַריין אין די הענט וואָס ער האָט צום ערשטן מאָל אין זיין לעבן אַ הויב געטאָן קעגן זיין איינציק קינד:

— „משומדת!! נאַדיר אַ גוי! נאַדיר! נאַדיר!

פון דבורה'לעס פאַרשטיינערטן פּנים האָט גענומען רינען אַ דין שנירעלע בלוט... און וועווקע מיט אַ פאַרשטיקטן אָטעם האָט געציילט די ווערטער איינציקווייז:

— „אויב דו, ביסט טאַקע נישט אַנדערש, פון יענע מיידלעך, בין איך אָבער אַנדערש פון זייערע טאַטעס... פאַרשטייסט? — אַנדערש, יעך בין אַ פּראָסטער מענטש און כוועל"...

דאָ האָט זיך וועווקע איינגעבראָכן, האַסטיק פאַרגראָבן זיין קנאָכיק פּנים צווישן די ברייטע דלאָניעס און פאַרשטיקט אַרויסגעכליפּעט:

— „אַז אַ בראָך איז צום טאַטן און אַ וויטיק דער מאַמען"...

דבורה'לע רייסט אים איבער, פאַלט אויף זיין האַלדז, העשעט:

— „ער איז אַן אָרנטלעכער מענטש, טאַטע, מיר האָבן זיך ליב — פאַרשטייסט? טאַטע? ליב!...:

— „ניין"! — האָט וועווקע אַ ווילדן ריטשע געטאָן:

— „איך פאַרשטיי גאָרנישט... גאָרנישט. איך פיל אָבער, אַז כ'וועל עס נישט אויסהאַלטן".

און גענומען זעצן מיט די פויסטן אין טיש:

— „כ'וועל שטאַרבן דבורה, געדענק, דבורה, כ'וועל אויסגיין פאַר ווייטיק"...

גאָלדעלע איז אָנגעלאָפן מיט אַ בהלה:

— „רוצח, לאָז אָפּ ס'קינד"...

שכנים האָבן זיך געשטעלט אונטער די פענסטער. דעם אַדוואָקאַטס זון, וועמען ס'איז ניט פרעמד געווען וועווקעס קעגנערשאַפט צו אים, האָט זיך באַוויזן אויף דער שוועל... אויך אַ פּאָליציאַנט איז נייגעריק געוואָרן אַ קוק צו טאָן אויפן גרויסן גערעמל און דערזעענדיק דבורה'לען אַ צעבלוטיקטע, גלייך פאַרבעטן וועווקען אין פּאָליציי־דיסטריקט. און אַז וועווקע האָט געוואָגט זיך אַקעגנצושטעלן: — „כ'וועל ניט גיין, ניט ענקער זאַך, די בראַך איז מיינע"... האָט מען זיך גענומען טאַרגין, זערגין, שטופּן ביז דער צעכעס'טער פּאָליציאַנט האָט אים אַזאַ „גלעט" געטאָן איבער דער האַנט, אַז ר'האָט זי באַלד געמוזט פאַר באַנדאַזשירן...

אַן אומעטיקע טונקלקייט האָט זיך פאַרשפּרייט איבער וועווקעס רייכן הויז. די פייגעלעך אין גאָרטן האָבן איצט טרויעריק געטרילערט. אַ קיל ווינטל האָט נאָך מער צערודערט די פאַרשאַרצטע גאַרדינען... וועווקעס טראַגעדיע, ווי אַ בלוטנדיקע ווונד, איז געלעגן — אָפן... און מיט געזונקענע קעפּ האָט מען געמוזט פאָלגן דעם „היטער פון אָרדענונג"...

● ●

אינטריגירט פון דער מאָדנער געשעעניש, האָט דאָס דינע קול פון דיקן פּאָליציי־קאָמיסאַר גענומען זידלען וועווקען:

— „גרינגאָ", „רוסאָ", שלאָגן ווייל זי האָט ליב אַ קריסט דאָס פאַרשטיי איך גאָר נישט"...

וועווקע רייסט אים איבער:

ביסט דען אַ ייד דאָס צו פאַרשטיין?

דעם קאָמיסאַרס פולע פּנים צינדט זיך אָן מיט העלער רויטקייט, זיינע

שפּיזיקע אויגן פינקלען מיט געצוימטן כעס. ער באַפּעסטיקט שטייפער זיינע טונקעלע ברילן און קלייבט זיך געווינען די „שלאַכט” צווישן מאָראַל, גערעכטי-קייט און רעליגיע:

— „ביסט אַ פרומער ייד, אַ געלערנטער, אפשר גאָר אַ ראַבינאַ?” — פרעגט ער וועווקען אין אַ חוזק-טאָן. און וועווקע גלייכט אויס זיין געבויגענע פּלייצע, הויבט אויף דעם קאָפּ שטאָלץ און ענטפערט דרייסט:

— „ניין, כ׳בין דער פּראָסטעסטער צווישן אַלע פּראָסטע, כ׳קען אפילו רעכט נישט דאַווענען, אָבער — טוט ער אַ ווייז אויף זיין צעכראַסטעטער ברוסט: — „דאָרטן אינעווייניק, טיף, טיף...

דער קאָמיסאַר שוין אַביסל געפּלעפט:

— „וועמען האָסטו ליבער, דיין קינד, אָדער, דיין רעליגיע?”

וועווקע מיט באַהערשטע טרערן אין קול:

— „מיין קינד איז מיר טייערער ווי מיין אייגן לעבן און דאָך”...

דבורה׳לע ברעכט אויס אין אַ ספּאַזמאַטיש געוויין.

דעם אַדוואָקאַטס זון שפּרינגט אויף אַ דערציטערטער:

— „איז יידישקייט ביי דיר שטאַרקער, ווי די ליבע צו דיין איינציק קינד?” — פרעגט שוין דער קאָמיסאַר מיט געשטשירעטע ציין. און וועווקע, גלייך מען וואָלט אים אַ ריץ געטאָן אויף אַן אייטערדיקער ווונד טוט אַ זשמאַרע מיט זיינע פאַרטרערטע אויגן און ענטפערט שטיל, אָן כוחות:

— „פאַרשטיין פאַרשטיי איך טאַקע ווינציק, אפשר, גאָר נישט, אָבער, איך גלויב אין דעם וואָס איך האָב איינגעזאַפּט ביי מיין אָרעמער מאַמען, די וואַסער-טרעגערין און איך פיל, אַז אויב מיין קינד וועט חתונה האָבן פאַר אַ קריסט וואָס זאָל זיך ניט מגיר זיין, וועל איך שטאַרבן פאַר צער”...

אויפן קאָמיסאַרס פּנים האָט זיך פאַרצויגן אַ טונקל וואָלקנדל. אונטער זיינע ברייטע אויגנ-גלעזער האָט אַן אומהיימלעכער בלישטש געטאָן מיט אַנגע-יאָגטן שטורם... אַ צעברויזטער, האָט ער אַזאַ ווילדן שטופּ געטאָן וועווקען, אַז זיין צעבלוטיקטער גוף איז אַ פאַל געטאָן ביי דער אָפענער טיר...

אין דעם מאָמענט, האָט אויף דער שוועל זיך באַוויזן דער באַקאַנטער אַד-וואָקאַט, וועווקעס שכן... מיט פאַרווונדעטע בליקן אַרומגענומען די אויסטערלישע

אַטמאָספּערע, אַ פּאַטערלעכן קוק געטאָן אויף זיין בלייכגעוואָרענעם זון און מיט שטוינונג אַרויסגעשטאַמלט:

— „געהערט מ׳קריגט זיך, דערגאַנגען צו בלוט, בין איך געקומען זען... אפשר געפינען אַ מיטל? — מאַכן אַ פּשרה?

דער צעטומלטער קאָמיסאַר האָט דערווייל געהאָלפן וועווקען אויפשטיין, אַ וויז געטאָן אויף זיין צעבלוטיקט פּנים און אַרויסגעוואָרטשעט:

— „אָט אַן עקשן, וויל בעסער שטאַרבן, איידער האָבן אַ קריסטלעכן איידים”...

דער אַדוואָקאַט האָט אַן ערנסטן בליק געוואָרפן אויף וועווקעס צעבראַסטעטן געשטעל, אויף דבורה׳לעס פאַרוויינטן פּנים, אויף זיין זונס געזונקענעם קאָפּ און שטיל, דרך ארץ׳דיק זיך אַ ווענד געטאָן צו וועווקען:

— „וואָסזשע, לויט אייער מיינונג, באַדאַרף מען טאָן כדי אונדזערע קינדערס לעבן זאָל ניט צעבראָכן ווערן?”

וועווקע, זיך ווישנדיק ס׳בלוט פון פּנים, מיט דער גרעסטער רואיקייט און מיט אַ זיכער קול, וואָס דערלאָזט ניט קיין צווייפל פון אַנדערש, ענטפערט:

— „אייער זון מוז זיך מגיר זיין”...

דער אַדוואָקאַט מאַכט ניט קיין לאַנגע שהיות, אין פאַרגלייך צו וועווקעס עקשנות, דריקט זיין פּנים אויס — גלייכגילטיקייט... ער ווענדט זיך גלייך צום זון וואָס איז געזעסן מיט אַראָפּגעלאָזטע אויגן:

— „נו? דו האָסט דאָס וואָרט, וואָס זאָגסטו צו דעם?

דער סימפּאַטישער בחור האָט זיך ראַפּטום אויפגעשטעלט, אַרומגענומען מיט באַהערשטע אויגן די אַנגעצויגענע שטילקייט, זיך באַגעגנט מיט די צאַרטע בליקן פון דער צנועתדיקער דבורה׳לען, איר פּלוצים אַ נעם געטאָן ביי דער האַנט און מיט פעסטע טריט און זיכערער דעציזיע גענומען מיט איר אַראָפּשפּרייזן פון די שטיגן...

● ●

אַז וועווקע איז געגאַנגען מגיר זיין דבורה׳לעס קריסטלעכן חתן און געזען דאָס ערנסטע קנייטשן פונם רב׳ס שטערן, זיין מבטל מאַכן דעם גאַנצן ענין, געהערט פון רב דעם פּאַסק מיט דינים: — „אַז מ׳קען ניט, טאָר ניט און ער וויל גאָר ניט מגיר זיין קיינעם... האָט ער זיך ערשט דעמאָלט איבערצייגט, אין דער ריכטיקייט פון זיין באַליבט לידל, אַז:

„אַ ייד צו זיין איז טאַקע זייער טייער״... אָבער אַ גוי זאָל ווערן אַ ייד — איז נאָך טייערער. בפרט ווען וועווקע האָט געהערט, ווי דער רב האָט גענומען שילדערן פאַרן גר, די שוואַרצע פאַרבן, דעם שווערן יידישן גורל... געוואָלט פאַרמיאוסן זיין גרויסן חשק... אויסגעפּרוּווט מיט נסיונות די שטאַרקייט פונם בחור׳ס ווילן צו ווערן אַ ייד... אים געסטראַשעט, אַז ניט בלויז זיין גוף, נאָר דווקא די נשמה, זיין גאַנץ לייב און לעבן וועט זיך מוזן באַקערן צום גורל פונם יידנטום... ערשט דעמאָלט האָט וועווקע באַנומען מיטן שכל, וואָס ער האָט פריער אַזוי בולט געפילט דורך בלויז אינטואיציע... און ווען דער בראַזיליאַנער בחור איז לסוף מקבל באהבה געווען דאָס אַלץ וואָס אים דערוואַרט, איז דער רב מסכים געווען צו וועווקעס פּערזענלעכן געבעט און צו זיין אויסגעוויינטער בקשה — מגיר צו זיין וועווקעס צוקונפטיקן איידים...

די גרויסע, שוואַרצע אויגן פונעם אַדוואָקאַטס זון האָבן אָפּגעשפּיגלט אָפּשיי, דרך ארץ... טיף באַהערשט פון ערנסטן צוגאַנג, וואָס אים האָט עס פריער אויסגעקוקט אַזוי פשוט און איינפאַך... דווקא די שטרענגע רייד, דווקא די טונקעלע פאַרבן, דווקא דאָס ניט יאָגן זיך אים אַריינצונעמען אין דער יידישער עדה, איז דעם אינטעליגענטן בחור אַריין אין דער נשמה... ער האָט אַ מעסט געטאָן, זיין פאָטערס לייכטע צושטימונג... מיטן רב׳ס שווערע, אַזעלכע האַרבע באַדינגונגען... און, אַריינגעצויגן געוואָרן אין דער טיפער מיסטעריע... איבער-געגאַנגען צום דאַזיקן גלויבן, ניט בלויז דורך פיזישער און זעעלישער ליבשאַפט נאָר אויך מיט גייסטיקער באַוווּנדערונג צו דבורה׳לעס פאָטער און זיין עקשנות-דיקן גלויבן...

• •

דעם ערשטן יום-כפור צו כל-נדרי. דער נייער טעמפּל באַדט זיך אין אַ ים פון ליכט. די ברייטע פענסטער, יום-טוב׳דיק צעעפנט. דער געדיכטער עולם — קאָפּ אויף קאָפּ און וועווקע, מיטן לאַנגן טלית אויף זיינע ברייטע פּלייצעס, שטופּט זיך אין דער ענגשאַפט, שטופּט זיך אַ שטאָלצער, מאַכט אַ וואַרע פאַר זיך מיטן איידים... דאָס טונקעלע פּנים פונם עכטן בראַזיליאַנער שטראַלט מיט יידישן חן און וועווקע, מיט אַ פאַרריסענעם קאָפּ שטעלט פאָר פאַר אַלעמען:

— „טאַטיץ מיין איידים, אַברהם בן אַברהם... מענטשן טייערע, באַקענטיץ ענק מיט מיין איידים — אַברהם בן אברהם״...

עולם האָט ארומגערינגלט, אָפּגעגעבן מזל טוב. טייל האָבן שטיל געזיפצט... אַנדערע — אַרויסגערעדט:

— „ביסט איינער פון טויזנט״...

און וועווקע האָט פאררוקט דאָס סאַמעטענע יאַרמלקעלע אויפן שפּיץ־קאָפּ, זיך אויסגעגלייכט אַטלעטיש און מיט עקשנות איבערגעשלאָגן:

— „ניין! איר מאכט אַ גרויסן טעות, אַזעלעכע ווי איך זיינען פאַראַן אַ סאַך און זיי וועלן זיך איינשטעלן, קעמפן, ניט דערלאָזן...

די פּראָסטע וועווקעס וועלן אויפהאלטן...

★★★

אַ גנבֿ'ל

(פֿונעם ציקל „טראָפּיש בלוט")

אַ צעגליטע דעצעמבער־זון וואַרפט איצט בלענדיקע שטראַלן אויף די גרויע ווענט פון „אויסבעסערונגס־הויז“, וואָס שטייט אויף אַן אומבאַפעלקערטער געגנט, איינזאַם, עלנט, אַזוי עלנט, ווי עס זיינען די מינדעריעריקע „פאַרברעכער“ וועלכע קומען דאָרט אָפּ זייער — שטראָף...

ביים הויכן, פעסט פאַרריגלטן טויער, שטייט אַ מאָגער, אויסגעדיייווערט סאָלדאַטל, מיט אַ פאַרראָסטער ביקס, וואָס איז אַזוי אָפּגעסמאַליעט, פונקט ווי דער צעקנאָדערטער שומר דאָרטן וועלכער דרייט זיך אַזוי פויל און שלעפעריק אַרום די פאַרקראַטעטע פענצטערלעך און היט די קליינע גנבים'לעך זאָלן חלילה ניט פּרוּוון מאַכן אַ ויברח.

פון אַ רוישנדיק־קרעכצנדיקן טראַמוויי, שטייגט אויס די דריבנענקע העלענאַ, וואָס קוקט אויס פונוויטנס, מיט איר ווייסן פּנימל, געבלימטער יופּקע און אויסגעפּאַסטן סטאַניקל, ווי אַ יונג מיידעלע וואָס דאַרף נאָך גיין אין שולע...

מיט גיכע טריט, אַ פּעקעלע נאַשעריי אין דער האַנט אײַלט זי צו איינעם פון די פאַרקראַטעטע פענצטערלעך. כאַפּט אָפּ דעם שווערן אָטעם, ווישט זיך אַרום פון געדיכטן שווייס און נעמט פּאַטשן מיט די הענט. דערטראָגט זיך פון אינעווייניק אַ טעמפּער ווידער־קול און גלייך דערהערן זיך הויכע טריט פון הילצערנע שיך, וואָס מיט זייער גרוילעכן אָפּהילך גיבן צו אַן אומהיימלעך געפיל פון טרויעריקייט און איינזאַמקייט.

אַ קליין געוויקסיק ייִנגעלע פון אַ יאָר צען, מיט אַ שמאָל ווייס פּנימל, געדיכטע שוואַרצע לאָקעלעך און טיפע ברענענדיקע אויגן, שטעקט אַרויס דורך די שמאָלע גראַטעס זיינע דינינקע פינגערלעך און מיט אַ ביסל אַ הייזעריקלעך קול'כל און טרערן וואָס שטיקן אים אין האַלדז, רופט ער פאַרווירט:

— מאַמאַ! מאַמאַזיניאַ!...

העלענאַ קען זיך ניט דערוואַרטן ביז דער שלעפעריקער וועכטער וועט אויפמאַכן דאָס גרילצנדיקע טויער, בייגט זי דערווייל אָן אירע אָנגערויטע ליפּן צו די פאַרזשאַווערטע גראַטעס, נעמט איר קינדס פינגערלעך צו זיך אין מויל, נאַגט זיי, בייסט זיי און פליסטערט צערטלעך:

— זשאַרזשי! זשאַרזשיניו! זשאַרזשאַקיניו!

* * *

אין א קרעטאַנען קליידל, הילצערנע קלאַפּשיך אויף אירע שלאַנקע פיס, א קרענצל באַנאַנעס אין די שמאָלע הענט, איז העלענאַ אַנגעקומען, מיט איר ווייסן פּנימל און קליין געוויקסיקייט, פון א גרויסן דאָרף און איז באַלד דאָ גע־וואָרן א ספּריטנע שטאָטישע דינסט־מויד.

אין א ווייס טישעפּיקל אויפן געלאָקטן קעפּל, א געפּרעסט פאַרטעכל אויפן שמאָלן גופ׳ל, א פעדערן בעזימל אין איין האַנט, א געלע פלאַנעלקע אין דער צווייטער, האָט איר שלאַנק קערפּערל זיך באַוועגן גיך, עלאַסטיש, מיט א ריט־מיש שוועבן, ווי א מאַריאָנעטן־פּופּע, וואָס ווערט רעגירט פון ערגעץ א שטריקל אויפן בוידעם. אפילו דאָס אונטערטענצלדיקע גענגל אירס האָט אויסגעזען ליאַל־קעדיק, און כאָטש העלענאַ האָט ניט פאַרשטאַנען קיין צורת־אות, ווייל זי איז קיינמאָל אין קיין שולע ניט געגאַנגען, איז אָבער געניג געווען א בליק פון אויגן, אַ באַוועג מיט דער האַנט, א שאָקל מיטן קאָפּ און — שוין, זי ווייסט שוין אַלץ וואָס מ׳וויל און מ׳דאַרף טאָן.

פון דאָרף האָט העלענאַ מיטגעבראַכט טיפע פילבאַרקייט צו ווילדער עראָטיק און שטאַרקע נייגונג נאָך ליבע־תענוגים... כאָטש דריבנע, קליין און מאָגער, פלעגט זי שוין צו דרייצן יאָר זיך אריינזעצן מיט אירע באָרוועסע פיס אין די אָפענע פענצטער, פאַרפירעריש שמייכלען צו די דאָרפישע יונגען, וואָס פלעגן זיך דרייען ארום איר, פאַרכישופטע פון איר ווייסן פּנימל, גליענדיקע אויגן און שטאַרק אַנזעעוודיקע ברוסטלעך.

געכאָוועט אונטער גליענדיקער זון, ווו בוימער זיינען תמיד גרין, דאָס טראָפּישע בלוט — קאָכעדיק און — פאַר פּרנסה זאָרגט מען ניט... באַנאַנעס וואַקסן אונטער די פענסטער... אויף שווארצע פּאַסאַליעס מיט ווייסער רייז פאַרדינט דער טאַטע מיטן פלאַסטערן די חרובע וועגן, אויף „טאַסיניאַ” (חזיר־פעסט) מיט זיסע קאַרטאָפליעס שטעלט צו די מאַמע פונעם וואַשן פרעמדע גע־וועשן. דעריבער זעען צו די נאַקעטע קינדער, אז גאָטס שיין וועלטל איז בלויז באַשאַפן פאַרן מערן־זיך און פרוכפּערן זיך...

די דאָזיקע פּרימיטיוו־דאָרפישע היציקייט, האָט ערשט רעכט זיך צע־שפּילט אין העלענאַן, ווען זי איז געקומען אין דער גרויסער שטאָט אריין.

אירע פאַרשפּיצטע אויערן, ווי צוויי קליינע מיקראָפאָנען, האָבן אויפגע־כאַפּט פון אונטער די ווענט, דעם הייסן געזאָד פונעם טראָפּישן בלוט... תמיד

האָט זי געוווּסט העלענאַ, ווען איר רייכער באַלעבאָס טראָגט זיין צעפּיעשטשעט וויבל פון שטול צום דיוואַן... אין דער וויבראַציע פון לופט, געפילט זייערע קושן, צערטלערייען, און שפּעטער, אין פאַרנע טונקעלע נעכט „נאָכקאָפּירט" מיט איר „נאַמאַראַדאָ" אין אַ ניט פאַרענדיקטן „עדיפּיסיאָ", אויף ליימיקן באָדן... פאַנטאַזירט פון ווייכן דיוואַן, זיידענע קישעלעך... און אַפילו דאָס צערטלען און פּיעשטשען זיך — נאָכגעמאַכט, פּונקט ווי זי האָט עס אויפגעכאַפּט פון אירע נגידישע באַלעבאַטים. אַזוי אַרום — ווען אין דעם קליינעם, רייכן געזינדל, איז צוגעקומען אַ פּוכקע בלאָנדע מיידעלע, וואָס איז לוקסוס־אַרטיק געשלאָפן אין אַ פּרעכטיק ראָזע בעטעלע איז אויך אין העלענאַס טונקעלן חדרל צוגעקומען אַ דריבנענקע שיין יינגעלע, וואָס איז רואיק געלעגן אויפן הוילן דיל און האָט מיט זיין ווייס פּנימל און שוואַרצע אויגענעס אַרויסגעלויכטן פון די ברודיקע שמאַטעס.

ביז דריי חדשים האָט דער קליינער זשאָרזשיניו געהאַלטן אין איין שלאָפן און מאַמטשען, אַמאָל אַ פּולס, ס'רוב אַ ליידיק סאָסקעלע. נאָר ווען זיינע גלאַנציקע אייגעלעך האָבן זיך גענומען פאַרקוקן אויף די ערשטע שטראַלן וואָס זיינען אַזוי קאַרג אַריינגעדרונגען דורכן פּיצינקע פענצטערל, האָט העלענאַ דעמאָלט אויפגעהאַנגען, פּונקט קעגנאיבער זיינע פאַרחידושטע אויגן, אַן אַלט געבלומט קליידל וואָס האָט זיך געוויגט אין דער לופטן, ווי אַ פאַרביקער באַלאָן, געוויגט און געדרייט זיך, עלעהיי אַ קאַרוסעליע...

פאַרכישופט פון דערדאָזיקער וויגעניש, האָט דער קליינער זשאָרזשיניו גענומען וואָרקען, ווי אַ שטילע טויב. גליקלעך געווען מיטן ערשטן גרוס פון עפּעס אַ קאָלירפולער וועלט וואָס שאָקלט זיך דערוויל אין דער לופטן. אַ ביסעלע שפּעטער האָט ער דערפילט, אַז מען קען זיך איבערדרייען אויך... און ווען מען דרייט זיך איבער, זעט מען שוין גאָר אַנדערע זאַכן. אָט קען ער קריכן אויף די הענט, גלייך איז ער ביי אַ שמאָלער טיר, באַלד אויף יענער זייט שוועל און — לופט — הימל — אַ דרויסן... איז אויב אַזוי — קען ער זיך שוין אַליין זיין שטעטל באַשטיין: — מיט גלאָמבן פון עפּל, שאָלעכץ פון באַרן, צעקוועטשטע באַנאַנעס — דאָס מיסטקעסטל פאַרמאָגט פון אַלעם בשפע...

צוזאַמען מיט זשאָרזשיניוס „זעלבסטשטענדיקייט", האָט זיך אויך פאַר העלענאַן געעפנט אַ נייע וועלט — אַ מיידל מיט אַ קינד? — דער שוואַרצער יונג וואָס ברענגט די מילך, דערלאַנגט איר דאָס פלעשל מיט אַ גלעט איבער די פינגער. דער ברוינער טרעגער פונעם שפּייז־געוועלבל, בליצט אויף איר בוזים מיט אָנגעצונדענע אויגן. אַפילו דאָס ווייסע, רייכע בעל־בית'ל מיטן שטילן געננגל אין ווייכע שטעק־לעטשלעך, איז אָפט געקומען נאָך אַ פרישן טרונק צו העלענאַן אין קיך אַריין. און הגם העלענאַס זוניקע טעג זיינען געווען אויסגע־

פּילט מיט שווערע אַרבעטן, זיינען אָבער די הייסע, טראָפּישע נעכט אינגאַנצן געווען — אירע.

אין די פּאַרוואָרפנסטע קוואַרטאַלן, אין פּוסטע סאַלאָנדלעך, ווו עס וויקלען זיך שלאַנגיש, אויף ברודיקע סופיטן, פּאַפּירענע קייטן. ווו האַלב-נאַקעטע נעגער-מוזיקאַנטן, מיט פּייקל, קלאַרנעטן גלעקלדיקע טאַמבורינען דזשאַמדזשען אויס די ווילדסטע ניגונים... א געמיש פון שווארצע, ברוינע, העל-ראַסיקע, וואָס לענקען זייערע אָנגעהיצטע קערפּערס לויטן ריטם פון טיף-ליידנשאַפטלעכע „סאַמבאַס”, און דערמאַנען מיט זייערע עקזאָטישע באַוועגונגען ריטועלע טענץ, פון די אור-אבות — אפריקאַנער שבטים — דאָ האָט העלענאַ פאַרבראַכט אירע נעכט.

העלענאַס ווייס פּנימל איז האַלב פאַרדעקט פון אירע שוואַרצע לאָקן. מיט געשלאָסענע אויגן ליגט איר שמאָל קעפּל אויף טונקעלע אַקסלען פון הויכגעוויקסיקע נעגער-יונגען. וויגן זיי זיך פאַרשיכורט. וויגן שעהנ׳וויז זייערע ליידנשאַפטלעכע קערפּערס צום טאַקט פון פוויזנדיקער מוזיק...

דורך אָפענע טירן פינצטערט א שוואַרצער הימל, אינעם האַלב-טונקעלן סאַלאָן ליכטיקט פון פּאַפּירענע אַבאַזשורקעס א רויטער רעפלעקס און פאַררוקט אין א זייטיקן ווינקעלע, אַפּגעצוימט מיט איינגעלייגטע שטולן, ליגט זיך רואיק אויפן הוילן דיל דער קליינער זשאַרזשיניו, זיין ווייס קערפּערל איז איינגעוויקלט אין העלענאַס א שוואַרצער יופּקע. זיין דריבנע פּנימל, אין א טיפן קינדישן שלאָף פאַרזונקען און אין דערדאָזיקער פאַרזונקענקייט שלינגט ער שטיקער מעלאָדיע, נעגער-הוליאַנקע, טראָפּישע מוזיק... ערשט ווען ס׳ווערט טיף שטיל, עפנט ער פאַרחידושט זיינע גלאַנציקע אויגן, די אָנגעשפּיצטע אויערן זיינע זוכן מיט נייגער די סיבה פון די איינגעשטילטע ניגונים...

העלענאַ נעמט אים דאַן אויף אירע פאַרחלומט-טענצלדיקע הענט, וואַקלט זיך א באַטויבטע פון גלוסטיקע מענער-אָרעמס, שלייכט שוין אין האַלבן דרימל צו איר קליינעם צימערל, חלומ׳ענדיק באַצייטנס פון דער קומענדיקער נאַכט...

* * *

אַז זשאַרזשיניו איז אונטערגעוואַקסן האָבן זיך העלענאַס פּיזישע ליידנשאַפטן פאַרוואַנדלט אין אַנדערע שטרעבונגען: דערציען איר מוזיקאַליש תכשיט׳ל ניט ערגער, ווי דאָס צעפּיעשטשעטע מיידעלע, פון אירע רייכע באַלעבאַטים. דאָס איז געוואָרן איר חלום. נאָר ווען ביידע קינדערלעך האָבן זיך געשפּילט אויפן גרויסן הויף, האָט א שוואַרצע גאָווערנאַנטן גוט אַכטונג געגעבן,

אַז העלענאַס רירעוודיקער „ממזר׳ל” זאָל חלילה ניט כאַפּן זוזינקאַס א פּייפערל
אין זיין מוילכל אריין. און אַז דאָס פּוכקע מיידעלע מיט די העלע, קאַסאָקע איי-
געלעך האָט געטאַנצט מיט אירע ליאַלקעלעך, האָט דער שיינער זשאָרזשיניו
מיט די גלאַנציקע אייגעלעך געמוזט זיך האַלטן א ביסעלע אָפּגערוקט.

זשאָרזשיניוס גרעסטע ליידנשאַפט איז אָבער געווען מוזיק. דאָס דאָזיקע
געפיל וואָס ער האָט אין זיך איינגעזאַפּט אין די נאַכט-לאָקאַלן, האָט אים שפּע-
טער כסדר פאַרפאָלגט. טאָמער האָט ער ניט געהאַט קיין פייפערל, קלעפּערל
אָדער האַרמאָשקע, פלעגט ער איינגעצן דינע פּאַפּירן און בלאָזן אין זיי, ווי אויף
טראָמפּייטן. געקלאַפּט מיט דראָטן אין בלעכענע פּושקעס, געריבן שטיינדלעך
אויף זאַמדיקע ווענט, געריטשט שטולן אויף שטיינערנעם באָדן, געטאָן אַלץ
כדי ארויסצובאַקומען טענער... זוזינקאַ אָבער איז צו מוזיק געווען גאַנץ גלייכ-
גילטיק. און דוקא איר האָט מען גענומען לערנען שפּילן אויף א פידל. דעמאָלט
האָט זיך העלענאַ געכאַפּט, אַז: „נאַכקאָפּירן” אין די ליבעס-תענוגים, איז איר
פיל גרינגער געווען, ווי נאָכטאָן ביים דערציען איר טייער יינגעלע. און בעת
זשאָרזשיניו איז געזעסן א פאַרבענקטער הינטער זוזינקאַס טיר און זיך איינגע-
הערט מיט נייגער אין די פאַלשע טענער וואָס זיינען געקומען פון דעם ניט-מו-
זיקאַלישן מיידעלע, האָבן זיינע גליענדיקע אייגעלעך מיט פייער געשפּריצט, זיין
ווייס פּנימל — הוילער חלום און די פאַרשפּיצטע אויערן האָבן זיך געהויבן און
אַראָפּגעלאָזט, געהויבן און אַראָפּגעלאָזט, פּונקט ווי ביי א צע׳כעס׳ט הינטל...

העלענאַ האָט דאָס צוגעקוקט פונוויטנס, געטראַכט מיט פאַרביסענע ליפּן:
וואָס זאָל זי טאָן? — אַז פאַרן דערלויבן צו האַלטן איר קינד מיט זיך, גיט זי
דאָך אַוועק איר גאַנצע פיזישע ענערגיע און איר קליינער געהאַלט קלעקט דאָך
קוים צו פאַרדעקן זייערע נאַקעטע גופים... ווי-זשע זאָל זי נעמען אויף צו קויפן
אים א פידל?... געזען פונוויטנס איר קינדס צער און גענומען זוכן מיטלען ווי
אַזוי צו לינדערן זיין גרויסע בענקשאַפט, העלפן פאַרווירקלעכן זיינע מוזיקאַ-
לישע חלומות... און אָט — זי האָט שוין — אויף גיך איינגעהאַנדלט א קליין
הילצערן קעסטעלע, א פּאָר פאַרזשאַווערטע רעדלעך, א קליין קיילעכדיק קווי-
שעלע און ס׳איז פאַרטיק געוואָרן אַן „ארבעטס-ווארשטאַט” פאַר איר אכט-
יאָריקן זונעלע...

—— * * * ——

מיט זשאָרזשיניוס גוט געבויטן קערפּערל, ווייסן פּנימל און שוואַרצע לע-
קעלעך, איז צוגעקומען א פרישע טרעגערל אויף די טעגלעכע מערק. זיינע דינע,
דעליקאַטע הענטלעך האָבן שווער געשטופּט דאָס אָנגעפילטע וועגעלע. אויף

זיין שפּיץ־קעפּל איז אים געלעגן דאָס שטרויענע קיישעלע. א געדיכטער שוויס איז אים גערונען פון שטערן אין מויל אריין, אָבער, דער אַכט־יאָריקער סוחר, האָט געשפּרייזט, א האַלב־נאַקעטער, געברוינט זיין ווייס גופ׳ל אונטער די גליענדיקסטע שטראַלן און א זיכערער געחלומט: פאַרן ערשטן געלט וואָס ער וועט פאַרדינען, וועט זיין א פידעלע. ער וועט מער ניט ליגן הינטער זוזינקאס טיר, נאָר אַליין זיך לערנען שפּילן... שפּילן... אָה וועט ער שפּילן!...

נאָר דערווייל האָט די קליינע זוזינקאַ שוין געלייענט נאָטן, פּעסטער געהאַלטן דעם לאנגן סמיטשיק און זשאָרזשיניו איז נאָך אלץ געלעגן הינטער איר טיר, מיט זיינע גוטע חושים געהערט דאָס שלעכטע שפּילן און די געציילטע גראָשנס פון זיין קליינעם פאַרדינסט האָבן בלויז געגעבן אויף „סאָרוועטע״ (אייזקרעם)... א צוקער־לעקעכל אָדער גאָר קינסטלעכע פייער־ווערק, וואָס ער האָט אויך זייער ליב געהאט.

א פאַרבענקטער און פאַרחלומטער האָט זשאָרזשיניו גענומען בלאָנדזשען צווישן יענע געשעפטן ווו מען פאַרקויפט מוזיקאַלישע אינסטרומענטן. אָפּגעשטאַנען שעה׳ן ביי די בלישטשענדיקע שוי־פענצטער, געזעטיקט זיינע תאווה־בליקן אין די ברוינע, אין טוך־איינגעהילטע פידעלעך, געקוויקט זיך מיט דער בלויזער מחשבה אז אָט, באלד, א ליאדע טאָג, וועט ער ארויפלייגן זיינע קליינע פינגערלעך אויף די שטייפע סטרונעס, אין דער צווייטער האַנט וועט ער האַלטן גרינג דעם אָנגעצויגענעם בויגן און טענער, אַזעלכע צאַרטע, שטיל־פּליסנדיקע האָבן שוין באַציימונס געקוויקט זיין קינדערישן אויער... און דער קליינער זוזינקאַ מיט די פלאַקסענע האָר וועט ער ווייזן, ווי אזוי מען שפּילט... אָה וועט ער איר ווייזן...

* * *

שיכור פון שטענדיקן חלומען, אָפּגענאַרט פון ניט מקוים־געוואָרענע פאַרלאַנגען, באַליידיקט פון זוזינקאַס ניט לאָזן אים אַפילו גלעטן איר געטאָקט פידעלע, האָט דער קליינגעוויקסיקער זשאָרזשיניו ניט אויסגעהאַלטן אַזאַ שווערן נסיון, און איינמאָל בעתן קוקן פארבענקט אין א בלישטשענדיקן שוי־פענצטער, א זעץ געטאָן מיטן קליינעם פיסל אין דער גרויסער שויב און איר צעטראַסקעט אויף פּיץ־פּיצלעך...

* * *

אן אנדערש מאָל, האָט אים שוין דער יצר־הרע געשלעפּט א ביסעלע טיפער אין געשעפט אריין. זיינע נייגעריקע הענטעלעך האָבן שוין געפרוווט צו

גלעטן די גלאַנציקע הויט פון אַן אויפגעדעקט פידעלע. זיינע דריבנע פינגערלעך האָבן שטיל אַ גרימפּל געטאָן אויף די שטייפע סטרונעס און בעת די אָנגעשטעל־טע זיינען גראַד געווען פאַרנומען, האָט זשאַרזשיניו בליציק אַ כאַפּ געטאָן דאָס ערשטע בעסטע פידעלע, פאַרשטעקט עס אונטערן צעלאָזטן העמדל, אַ דריק גע־טאָן צום האַרץ זיין אויסגעטרוימטן אוצר און — היידאַ... אָבער... אין דער לעצטער מינוט דערהערט ער אַ הילכיק פייפן, טומלען, שרייען:

— גנבֿ! גנבֿ׳ל! — כאַפּט אים, דעם גנבֿ׳ל!

און ער אַ בלייכער, ציטערדיקער האָט געקוקט אויפן אָנגעלאָפענעם עולם, מיט אַ פּאָר גלעזערנע אויגן, ווי דורך אַ נעפּל. געקוקט און גאָרניט פאַרשטאַנען, גאָרניט געזען, נאָר טונקלקייט — שוואַרץ... ניט באַנומען זייער שפּאָטישן געלעכטער. זיינע בלאַסע ליפּעלעך האָבן זיך ווייטיקלעך געקרומט. פון זיינע טיפע שוואַרצע אויגן האָבן זיך געגאָסן אויף זיין ווייסן פנימל שמאָלע ריטשקע־לעך, ווי פון אַ קליין קוועלכל....

העלענאַ איז אָנגעלאָפן אַ צעשויבערטע, געקלאָגט אויפן קול, די הענט זיך געבראָכן און געשוווירן:

— טאָמער וואָגט ער נאָך אַ דריט מאָל צו וועלן גנבֿ׳ענען, וועט זי אַליין אים אָפּגעבן אין אויסבעסערונגס־הויז...

* * *

ס׳איז געווען ערבֿ נאַכט. אין העלענאַס קליינעם צימערל, שטאָק פינצטער. פאַרשוויצט, האַלב נאַקעט און טרויעריק־פאַרבענקט, האָט דער קליינער זשאַר־זשיניו זיך געקאַטשעט אַ רעזיגנירטער, אויפן שטרויענעם דיוואַנדל.

פון די אינעווייניקסטע צימערן האָבן זיך געטראָגן גראָבע טענער פון זו־זינקאַס געצוווּנגענעם שפּילן. פון יעדן פאַלשן טאָן, האָט זיין שמאָל גופֿ׳ל נערווע־איש אויפגעצאַפּלט. אין זיין קינדערישן קעפּל האָט זיך געפּלאָנטערט דער סך־הכל פון זיינע אָפּגענאַרטע האָפענונגען, פון די פאַלשע חשבונות נאָכן שלעפן שווערע קוישן, נאָכן ריטשקען דאָס פאַרזשאַווערטע וועגעלע, נאָכן באַקומען בלויז, אויף נאַשערייַ... און אַ ריכטיק פידעלע וועט ער, מיט אַזעלכע פאַרדינסטן, קיינמאָל ניט דערגרייכן... קיינמאָל ניט!...

ער זעט אין דרויסן טונקלט שוין. דאָס מוזיק־געשעפט איז ליבטיק. אויף ברייטע פּאָליצעס ליגן אויסגעלייגט ברוינע פידעלעך. ליגן איינגעוויקלטע אין

פּאַרביקע מענטשלעך. ליגן זיך אַזוי שטיל, אַזוי רואיק... אַ קיל ווינטעלע באַוועגט זייער אויבערשטע הלבשה.

ביי דער אָפֿענער טיר שטייט ער, דער קליינער זשאָרזשיניו, זיין ווייס פּנימל — קרייד. די גלאַנציקע אייגעלעך — גליענדיקע פּונקען, ברענען, קוקן מיט גלוסטונג, ווי דאָס שאַרפֿע ווינטעלע דעקט אויף טיילן פֿון די ברוינע פּידל־שע־גופֿימלעך וואָס רעגן אַזוי און כּישופֿן... כּישופֿן...

ס׳איז פֿאַרן שליסן. געציילטע קונים שטופּן זיך שוין דורך די הינטער־טירן. פֿון אַלע זייטן — שטיל. אינעווייניק, דאַכט זיך אים, שוין אויך שטיל. בלויז זיין יונג הערצעלע הערט ער — קלאַפּט, האַמערט: טיוק, טיוק, טיוק...

אומדרייסט, ציטעריק, מיט געלאַשענעם באַוווסטזיין, אָבער פֿלינק ווי אַ קעצל, איז ער גיך אַריין, זיך שנעל ארומגעקוקט — קיינער זעט דאַכט זיך ניט? — ניין! גיך אַ כאַפּ געטאָן דאָס ערשטע פּידעלע, פֿאַרשטופּט אין אַ לייוונטענעם פּעקעלע... און — פֿאַרטיק...

דער ווינט האָט אַ ווייע געטאָן אויף זיין שווייסיק־אויסגעווייקט פּנימל און — געראַטעוועט. ער איז שוין אויף יענער זייט שוועל...

מער געדענקט ער גאַרניט זשאָרזשיניו... בלויז ווען ר׳האָט געעפֿנט זיינע פֿאַרחלשטע אויגן, האָט ער געזען אַ סך מענטשן... געהערט חוזק, שפּאָטישע געלעכטערן און לסוף — קלעפּ... קלעפּ... קלעפּ...

* * *

צען יאָר איז ער דעמאָלט אַלט געווען, ווען די פּאָליציי האָט אים אַ צע־שלאָגענעם אַרויסגעריסן פֿון העלענאַס צוזאַמענגעפּרעסטע אָרעמס... ס׳האָט מער ניט געהאָלפֿן איר וויינען, בעטן, שווערן...

פֿאַר דריי מאָל פּרוּוון גנב׳ענען האָט מען אים איבערגעגעבן צום „זשואיז דע מענאָרעס״ (אויסבעסערונגס־הויז) פֿון וואַנען ער וועט ערשט קענען אַרויס צו אַכצן יאָר...

* * *

זינט דעמאָלט גייט העלענאַ יעדן זונטיק אין „קרימינאַל פֿאַר מינדער־יעריקע״ לייגט זיך אויף דער ערד נעבן פֿאַרפֿאַנצערטן פֿענצטערל און זשאָר־זשיניו לעבן איר. ביידע אויסגעצויגן, האָבן פֿינקטלעך איין גרויס. אויך זייערע דריבנע פּנימער זיינען אַזוי ענלעך, ווי איינער וואָס קוקט אין שפּיגל און זעט זיין אייגן געשטאַלט.

זשאַרזשיני: שמעקט זיינע פינגערלעך צו דער מוטער אין מויל... העלענאַ נאַגט זיי, וואַרעמט, קושט און מורמלט: זשאַרזשיניו, זשאַרזשאַקיניו... נאָכדעם שמעקט זי אירע פינגער צו אים אין מויל, האַלט ער זיי אַזוי לאַנג און אַזוי שטום ביז ער צעוויינט זיך אויפן קול: מאַמאַי... מאַמאַיזיניאַ....

אַזוי יעדע וואָך... יעדע וואָך...

★ ★ ★

„געבראַכט“

ס'איז דער 24-טער דעצעמבער.

אינעם גערוימען קאָרידאָר פון דעם „עדיפיסיאָ מיראמאר", שטייען איצטער פינקלדיקע ניטל-ביימער, וועלכע בלישטשען מיט פארשידנפארביקע לעמפלעך, רויטע און גרינע באקאלן און אלע מינים קינדערישע שפילצייג, וואָס די געשליפענע שפיגלען פארטאָפלען צענפאכיק און מאַכן דעם איינדרוק ווי א לייכטנדיקער וואלד וואָלט זיך געצויגן מי יודע ווי ווייט.

סעניאָר מארסיליאָ, דער אָרעמער באדינער פון דער רייכער געביידע, וועמענס איינצימערדיק שטיבעלע געפינט זיך אין פראָנט, האָט שטרענג פארזאָגט זיין איינציק טעכטערל סאָניא, אז היינט טאָר זי ניט ארומבלאָנקען אַיבערן אויסגעפוצטן קאָרידאָר, היינט דארף זי ניט נאָכיאָגן די קינדערלעך וועלכע קומען מיט שפילצייג אין די הענט... היינט זאָל זי ביי קיינעם ניט בעטן קיין שפילעכל, ניט פארלאַנגען אפילו א קוק צו טון אויף די אלע „ברינקעדאָס" וואָס די איינוווינער טראָגן פולע פעק פאר זייערע קינדערלעך... היינט דארף זי זיצן שטיל, ווארטן געדולדיק אויפן „פאפאי-נאָעל", וואָס פארגעסט ניט אין קיין שום קינדעלע... און ער וועט אויך פאר איר ברענגען דאָס וואָס איר איז באשערט...

זיצט זי טאַקע, די 4-יאָריקע סאָניא אויף איר נידעריקן פוסבענקעלע, אירע פוכקע הענטעלעך זיינען אונטערגעשפארט אונטערן קיילעכדיקן גאָמבאלע, די בלויע, פארחלומ'טע אייגעלעך — שטאַרק פארטרויערט... אירע דינע וויעס בלישטשען מיט פערלדיקע טרערנדלעך.

א גאַנצן טאָג איז אין הויז געווען א טומל, א גערודער. די ווינדע האָט ניט גערוט. הערלעכע ניטל-ביימער, בוקעטן בלומען, קוישן וויין, באָמבאָניערעס און קינדערישע שפילצייג — פערדלעך, בריטשקעס, אויטאָמאָבילן, ראָווערן, ביקסן, שווערדן, ליאלקעס אָן שיעור, אָן אן ערך — אלץ נאָר ארויפגעפירט... ארויפגעפירט...

די קליינע סאָניא האָט זיך צוגעקוקט מיט נייגער, מיט בלישטשנדיקע אויגעלעך אָבער רואיק — דער טאַטע האָט אָנגעזאָגט, די מאַמע האָט פארזיכערט, אז — אירס איז קוראנט...

די נאַכט איז שוין צוגעפאַלן. אין די גרויסע קאָרידאָר־שפּיגלען האָבן די צוויי קיילעכדיקע קרישטאַל־לאָמפּן זיך יום־טוב׳דיק צעפינקלט. פון דרויסן שיינט אַריין אַ לויטער בלויער הימל דורכגעהאַפטן מיט גאָלד און זילבער־שטערן. פון שטיל שאָרכנדיקן־ים זעט מען דעם שפּיל פון כוואַליעס, די קליינע קעמפן, זשומען, רוישן און ווערן לסוף פאַרשלונגען פון די גרויסע בייכיקע וואַסער־זיילן...

די אויסגעפּוצטע אײַנוווינער פונם עלעגאַנטן „עדיפּיסיאָ״, אײַלן שנעל דורכן ליכטיקן קאָרידאָר, מאַכן די לעצטע הכנות צו דער קומענדיקער ווייַנאַכט־סעודה.

די קליינע סאָניאַ זיצט נאָך אַליין און קוקט, און קוקט... וואַרט געדולדיק אויף איר מתנה... נאָר אָט באַווייזט זיך די בלאָנדע בערטשיניאַ — ווענעמ־נס עלטערן עס פאַרנעמען אַ לוקסוס־וווינונג אין פּאַרטער. זי איז פּונקט אין זעלבן עלטער וואָס סאָניאַ. זי איז אַ בת־יחידקע, נאָר בערטשיניאַ איז אַביסעלע דיקער, אירע גראָבע פיסעלעך קאַטשען זיך בעתן גיין. איצטער טראָגט זי אין ביידע הענטלעך צוויי גרויסע ליאַלקעס — אַ פּאָרל — די „זי״ אין אַ ווייסן שפּיצקלייד, דער „ער״ אין לאַנגע אַטלאַסענע הויזן מיט אַ סאַטינענעם צילינדער אויפן קאָפּ...

די קליינע סאָניאַ איז אויפגעשפּרונגען מיט קינדערישן עקסטאַז — אַלע אירע באַהאַלטענע פאַרלאַנגען צו שפּילצייגן וואָס זי האָט אַ גאַנצן טאָג אין זיך דערשטיקט, האָבן ביים איצטיקן אָנבליק אויסגעבראָכן... פאַרגעסן דער מוטערס בעטן, דעם פאָטערס אָנזאָג — גענומען נאָכיאָגן בערטשיניאַן מיט די אויסטערליש־שיינע ליאַלקעס... געוועזן איבער אירע קינדערשע כחות — זי וויל בלויז פון נאָענט אַ קוק טון, אַ גלעט טון, ניט מער, גאָר ניט מער, בלויז קוקן...

מיט גרויס פּחד האָט סעניאָר מאַרסיליאָ, דער דינער, אַ כאַפּ געטון זײַן טעכטערל אויף די הענט, איר גענומען גלעטן, פאַרוויגן, אײַנשטילן... אויך סאָניאַס מוטער איז אַרויס געקומען מיט פאַרקאַשערטע אַרבל, נאַסע הענט, אַוועק פונעם וואַש־קאַסטן... אַ שטילער טרויער איז אויסגעגאָסן אויף ביידנס פּנימער... סאָניאַ האָט זיך געריסן פון פאָטערס הענט, געוואָרפן מיט די פיסלעך און געמאַכט געוואַלדן: זי וויל אויך אַ „באָנעקע״... און טאַקע אַ גרויסע! וואָס איז זי ניט קיין קינד? און „פּאַפּאַי־נאָעל״ זוימט זיך אַזוי... ווען וועט ער שוין קומען?

מאַן און ווייב האָבן מיט שטומען צער זיך איבערגעקוקט... ביידע האָבן גענומען שטיל אַרײַנרעדן אין דער קליינער סאָניאַלען: וואַרט אָפּ אַביסעלע,

דערווייל איז נאָך פרי, „פּאפּאי־נאָעל" קומט ערשט שפּעט ביינאַכט, ווען אלע קינדערלעך שלאָפן שוין, דעמאָלט, לייגט ער אריין אין זייערע שיכלעך די שענסטע מתנות... איז דאריבער, אויב דו, סאָניאלע וועסט זיין א גוט קינדעלע, וועסט ניט וויינען, ניט שרייען, נאָר גיין שלאָפן, וועט דער „פּאפּאי־נאָעל" דיר זיכער ברענגען דאָס, וואָס נאָר דיין הערצעלע באַגערט...

און סאָניא האָט זיך בארואיקט. זי גלויבט אירע טאַטע־מאַמע, זיי וועלן איר זיכער ניט אָפּנארן... נאָר שלאָפן גיין — דאָס ניט, זי וועט ווארטן אויף „פּאפּאי־נאָעל" טאַקע דאָ־אָ ביי זייער טיר...

זעצט זי זיך צוריק אויף איר קליינעם בענקעלע און נעמט ווידער קוקן צו די אַנדערע קינדערלעך וואָס לויפן פארביי לוסטיקע, פריילעכע, מיט פולע פּעק שפּילעכלעך אין די הענט און — אויך סאָניאלען צוגעוואָרפן — ווער א פּייפערל ווער א פּילקע, א קאָלירט סטענגעלע, א צוקערקע... אָבער, סאָניאס הערצעלע לעכצט נאָר נאָך א גרויסער שיינער ליאלקע...

לעבן סאָניאס פּיסלעך, שפּילט זיך איר קליין פריינטעלע, דאָס ברוינע הינטעלע קאסיקי, טוליעט זיך צו איר, לעקט אירע ווייסע הענטעלעך, קוקט געטריי אין סאָניאס אייגעלעך, פילט איר שטילן טרויער... קאסיקי דערקענט עס אין איר פאסיווער האַלטונג — אנדערש וואָלט זי אים איצטער געגלעט, געצערטלט, אוועקגעגעבן די העלפט פון איר עסן וואָס זי אליין וויל איצטער ניט אָנרירן... גיט צו אים קיין שמייכל ניט, זיצט פארטרויערט, מיד, מאַכט גאָר צו אירע בלויע אייגעלעך און אָט זעט זי — „פּאפּאי־נאָעל"...

סאָניא דערקענט אים אין זיין רויטן קאפּטן מיט דער ווייסער באָרד... ער דערנענטערט זיך צו איר, טראָגט א פולן זאק מיט בלויז „באָנעקאס"... אויך אין זיינע הענט, אונטער די אָרעמס און פון אומעטום שמייכלען ארויס אזעלכע גרויסע פרעכטיק־געשלייערטע טעקעלעך... ניט מער, ער ווייזט זיי איר פון־ווייטנס... ווינקט צו איר, לאַכט צו איר, נאָר ווען סאָניא שטרעקט צו אים אירע ציטערדיקע הענטלעך, דערווייטערט זיך „פּאפּאי־נאָעל"... ער טראָגט גאָר די פּרעזענטער צו בערטשיניאן אין שטוב אריין...

סאָניאלע שרייט אוים פון שלאָף: —„זי האָט דאָך שוין — זי האָט דאָך שוין"... און עפנט האַסטיק אירע אייגעלעך — קיינער איז ניטאָ... אויך קאסיקי איז אוועק. ער שטייט גאָר אויף יענער זייט קאָרידאָר, קוקט אריין אין בערטשיניאס אָפענער טיר, זעט ווי די קליינע שפּילט זיך, טאַנצט מיט אירע צענדליקער ליאלקעס, ווארפט מיט זיי, ווי מיט א פּילקע, שלײדערט זיי אין אלע ווינקלעך פון שטוב... און אָט פאלט גאָר איינס אויף דער זייט שוועל... קאסיקי

טוט א ווילדן שפּרונג, כאַפּט די „באַנעקע" צווישן זיינע ציין און הענדום פּענדום, ער איז שוין לעבן סאַניאס פּיסעלעך, טוט א פריידיקן ווארף דאָס טעקעלע גלייך צו איר אין שוים אריין, סאַניא כאַפּט עס, טוליעט עס מיט אזא גדולה, גלייך עס וואָלט טאַקע אראָפּגעפּאלן פון הימל... זי פארכליניעט זיך אזש פאר שמחה: אָט לאכט זי, אָט וויינט זי און אָט לויפט זי מיט אימפּעט צום פאָטער אין שטוב, טענצלט אונטער, הוידעט עס אויף אירע הענטלעך, ווי מען צערטלט א קליין קינד און סאַניאלע שרייט א באגייסטערטע:

— „געבראכט! „פּאפּאי־נאָעל" האָט מיר געבראכט א פּופּעלע!"

האָט געבראכט! געבראכט!...

★ ★ ★

געוויסן

בראַזיל האָט שמחה׳ן אויפגענומען מיט צעגליטער היץ, שפּיזנדיקע זונענשטראַלן, טרויעריקע פּרעמדיקייט און מיט אַזאַ קאַלטן אומעט וואָס האָט אים געפּרעסטלט אין די ביינער.

וואו אַ קער, הויכע ווילדע בערג. וואו אַ בליק, נידעריקע, אַלטפרענקישע הייזער. פאַרהאַמערטע לאָדן, אַראָפּגעלאָזטע ראָליעטן — שאַ — ריאָ דע זשאַנעיראָ כאַפּט אינמיטן טאָג אַ געשמאַקן דרימל...

דעמאָלט האָט ער נאָך געהייסן, שמחה׳לע גראָס. אונטערן פאַרקנעפּלטן וועסטל, איז נאָך געווען פאַרשטעקט א ווייסער טלית-קטן. אין קליינעם רענצעלע, איז נאָך, יחוס׳דיק געלעגן אַ סאַמעטן תפילין-זעקל, אַ ניי חומשל, אַ געבונדן תהילים׳ל און מיט גרויסע אותיות — אַ קליין בענטשערל...

— אַ נו, שמחה, שטיי ניט ווי אַ גולם! —

האָט צו אים אַ געשריי געטאָן דער טונקל-באַברילטער אויפזעער פונם ערשט געשאַפענעם עמיגראַנטן-הויז: — לייג אַוועק דיין צידה לדרך, שלעפּ אַראָפּ די פאַרשוויצטע בגדים, כאַפּ אַ קאַלטן טוש, אַ וואַרעם קאַוועלע, צי דיך אוים אויפן טאַפּטשן און האָב גוטע חלומות״...

אָבער שמחה׳לע האָט ניט געפאָלגט, געבליבן שטיין מטושטש, פאַרטראַכט... אָט דאָ, אונטערן וואַרעמען לעמפּעלע איז אים אַזוי קאַלט, אַזוי הויל און פוסט. אַזאַ טיפע בענקשאַפט דריקט אים אין האַלדז. זיינע גרויסע, בלויע אויגן זענען, ווי מיט אַ נעפּל פאַרצויגן. זעען ניט דאָס אָפּגעהומר׳טע צימער, די צעפּאָרענע שעניקעס, די אויסגעמאַטערטע מענטשן — די חלומות-וועלט פון יידישע וואַנדערער, וועלכע וואַרטן דאָ אויף א הילף... שפּינען אַ געשפּין... האָפן אויף אַ מאָרגן, אַן איבערמאָרגן...

שמחה׳לע האָט נאָך דערווייל ניט קיין היינט, טראַכט ער ניט וועגן מאָרגן. ער זעט נאָך אַלץ דעם נעכטן...

נעכטן איז ער נאָך געזעסן ביי אַן אָפענער גמרא... נעכטן אַנטרונען פון פוילנס — הענט... נעכטן געהאַט אַ כלה גוטשע מיט שוואַרצע צעפּ — און איצטער? — נאָך וואָגלען אויף פוסטע וועגן, גנבנען באַוואַכטע גרעניצן, זיך הוידען

אויף שלעפּ־שיפן, פּילט ער דאָ אַזוי טרויעריק... אַזאַ שווערער אומעט יאָגט דאָ פון די קליינע פענסטערלעך, אַזאַ דערדריקנדיקער טרויער קוקט אַראָפּ פון די עמיגראַנטנס פאַרחושכ׳טע פּנימער... ברירה — שוין טאַקע גלייכער צו גיין דער־וויל — שלאָפן...

* *
*

שמחה׳לעס אָנהייב, ווי אַלע אָנהייבער — אַ טרעגערל ביים אויסגעגרינטן „קלאַפּער". גענומען „לעקציעס", ווי אַזוי אויסצוקלאַפּן אַ גוטן קונה ביים דאָזיקן פאַך...

זיין לערער, אַ פּוילישער ייד, מיט אַ פאַרברוינט, אָפּגעסמאַליעט פּנים, וואָס, גייענדיק האָט ער געהושקעט מיט זיינע קלעצנדיקע הענט, ווי מעשענע טאַצן אויף אַ וואָג־שאָל. יעדער ווילע, געסטאַרקעט שמחה׳לען, אים געמונטערט:

— „העי דו, „האַליעדראַגע", גאַפּיע דעך נישט, קוק פון וואַנעט דו לעבסט"...

אויף שמחה׳לעס שמאָלער פּלייצע זענען געלעגן: טישטעכער, האַנטוכער, בינדים, שקאַרפּעטן. פון זיין חסידיש־אויסגעבליכט פּנימל, האָט זיך געגאָסן ריטשקעס שווייס...

געפּאַטשט מיט די הענט, האָט שוין דער לערער זיינער. יעדער הילך האָט צוריקגעקלאַפּט מיט טעמפּן ווידער־קול פון די הויכע בערג. און שמחה האָט זיך בלויז אַ נייג געטאָן פאַרן שפּעלטעלע, ווען אַ קאָקעטישע בראַזיליאַנקע האָט באַוויליקט צו כאַפּן אַ בליק דורך איר קליין ליפּטשיקל... געדערעדט האָט אויך דער „לערער":

— סטענגים! בראָשקים! זייגערלעך! פינגערלעך! שלאָף־צימערן! עס־צי־מערן!...

שמחה האָט אים אָנגעקוקט, ווי צעחושט:

— וואָס פּלוידערט ער וואָס? — וואו האָט ער דאָ צירונג? וואו שלאָפּצי־מערן?... משוגע?

דער פּוילישער ייד האָט שמחה׳ן אַ זעץ געטאָן איבער דער פּלייצע:

— „שוטה בן פּיק האַלץ! — באַדאַרפסט דען צו האָבן? — דאָס וואָס דו טראָגסט אויף זיך, זעט זי דאָך — מען דאַרף בלויז קענען אינטריגירן, אריינציען...

זי זאָל אונדז לאָזן איבער דער שוועל... און — אַבי וועסט נאָר זײַן אינעווייניק, וועט זי שוין אפילו אַ נאָז-טיכל אויך קויפן... מען דאַרף נאָר קענען איינרעדן — איינרעדן! — הערסטו „שמויגער"...

שמחה זעט אָבער, אַז דערווייל, ענטפערן אַלע: — „נאָן פּרעסיזאַ נאַדאַ"... (זיי באַדאַרפן גאָרניט)

ווידער דאָס זעלבע און אָבער דאָס זעלבע:

— „נאַדאַ! — נאַדאַ!...

שמחה, וואָס איז באַלאָדן מיט פּעק, ווי אַן אייזל מיט קוישן, קוקט מיט אַ פּאָר גליענדיקע אויגן אויפן קאַלטבלוטיקן „לערער" זײַנעם, ווישט זיך דעם געדי-כטן שווייס און קוקט מיט גלעזערנעם בליק צום שרפנדיקן הימל וואָס שפּיזט מיט פייער-נאָדלען אויף זײַן דערהיצטן קאָפּ. די הענט שוויצן אים, די פיס ברענען, אין די אויערן רוישט און זיי דאָ:

— „נאָן פּרעסיזאַ נאַדאַ"... !

— „וואָס זשע איז דאָ פאַראַן צו לערנען וואָס? — איך דאַרף האַלטן אין איין בעטן — קויפט עפּעס... און זיי וועלן כסדר ענטפערן — מ׳דאַרף גאָרנישט... נו, איז געענדיקט די לעקציע, שוין אויסגעלערנט די תורה"...

— „יאָלד"! — האָט דער פּוילישער ייד אַ בריטן קלאַפּ געטאָן אין שמחה׳-לעס שמאָלער פּלייצע און זיך הויך צעלאַכט:

— „האָסט געזען די אָנגעשטאָפּטע סקלאַדעס אויף „גאַמעס פּריירע"? — געזען די עלעגאַנטע געשעפטן אויף „אווענידאַ ריאָ בראַנקאָ"? — טאָ זיי זשע ווײסן, „בניאָק" — אַז דאָס אַלץ איז דאָרט אויסגעוואַקסן פון די דאָזיקע: „נאָן פּרעסיזאַ נאַדאַס"... האָב זשע אויכעט אַביסעלע געדולד — „יאַק ניע פּאָוועל, טאָ גאָוועל" — זיי וועלן קויפן - - - אַ וועלן זיי קויפן — קוקסט אָן די „פּאַניענ-קעס", ווען נישט מיר, גייען זיי נאַקעט און באָרוועס...

* *
*

בלויז מיט איין יאָר שפּעטער, האָט שוין שמחה׳לע געלערנט אַ צווייטן, דאָס זעלבע, וואָס ער האָט איצט געקענט פון אויסנווייניק... און ניט בלויז באַלעבאָס פון אַן אייגענער קליענטעלע איז ער שוין געווען, נאָר אויך פון אַ קלייטל, ווו אַ הויכער „שרייער" האָט אַריינגעליאַרמעט אין אַ בלעכענער טרובע אַריין:

— „ליקווידאציאַ טאָטאַל!...

— „ליילעכער, טישטעכער, פּאַרהאַנגען, באַד־קאָסטיומען!

— „ליקווידאציאַ טאָטאַל״!...

יעדן טאָג האָט ער „ליקווידירט״... און יעדן אָוונט צוריק אָנגעפילט די פּאָלי־צעס... געפּאַקט דעם סוד, שמחה.

אַזוי ארום זענען פארשלינגען געוואָרן שמחה׳לעס ערשטע וואָכן. שפּעטער, חדשים, לסוף — זיין גאַנץ לייב און לעבן... אריינגעשלעפּט געוואָרן אין ווערן א „מענטש״... זיך אַרויפאַרבעטן, — מאַכן די קלינגערס...

אין די שיינע כישופדיקע־בראַזיליאַנער־נעכט, איז שמחה׳לע געלעגן אין זיין איינזאַם צימערל, מיד, פארמאַטערט. זיין פאַרנומענער קאָפּ — האָט נאָר געחשבונ׳ט... געחיבור׳ט און געחיסור׳ט... נישט געווען קיין צייט צו בענקען... טראַכטן וועגן אַנדערע זאַכן — נאָר — געלט און — געלט... ערשט ווען א מידער שלאָף האָט פאַרוויגט דעם געלט־יצר־הרע׳ניק, האָבן ס׳רוב אין זיינע צעפלאָנ־דערטע חלומות זיך אויך אריינגעשפּונען זיין כלה׳ס שווארצע, סאַמעטענע צעפּ, וואָס האָבן אַמאָל אַזוי צערטלעך געלאַשטשעט זיין פרום פּנים... דאָס דאָזיקע זיסע געפיל פון זיין כלה׳ס לאַנגע צעפּ, האָט ניט געוואָלט שלום מאַכן מיט דער בראַזי־ליאַנער געלט מאַכערייקע... פאַרפּאָלגט אין די חלומות... דערמאָנט אין יענעם זומערדיקן שקיעה־אָוונט, ווען די שמעקנדיקע לאָנקעס זענען פול געווען מיט פרי־שע היי, מיט בלויע „פאַרגעס־מיך נישט״ און מיט פייכטן טוי אויף הויכע גראָזן... די אונטערגייענדיקע זון האָט דעמאָלט אויסגעשפּרייט אַ רויטן טוניק — עלעהיי אַ חופּה־נעסט... און אונטער דער דאָזיקער שקיעה־חופּה, איז שמחה׳לע געזעסן באַהאַלטן מיט זיין געליבטער גוטשען... אירע לאַנגע צעפּ, ארומגעוויקלט זיין דינעם האַלדז... דעמאָלט טאַקע האָט ער איר פאַרטרויט: — „אַז די גמרא קען ער שוין אינגאַנצן פון אויסנווייניק... און סמיכה אויף רבנות, דערוואַרט אים אַ ליאַדע טאָג... אָבער, ער וועט מסתמא ניט ווערן קיין רב... גיכער, א תבואה־סוחר... און אפשר גאָר א שניט־קרעמער? — אַלץ איינס, קיין ברויט וועט איר ביי אים ניט פעלן״... דערווייל דאַרף זיין — שאַ...

ערשט ווען שמחה האָט געדאַרפט אָנטאָן אַ פוילישן שינעל, אַ ביקס און אַ שווערדל — האָט געפּלאַצט דער אָנגעצויגענער בלאָטער... גוטשעלעס גראָבע צעפּ זיינען אַראָפּגעהאָנגען איבער איר בעט, ווי פאַר׳יתומט... איר פאַרפלאַמט פּנים האָט געהעשעט אין די ווייסע קישנס אַריין... איר חסידישער טאַטע האָט אַריינגעשטעקט זיין דינע נאָז טיף אינם זילבערנעם טאַבאַק־שקעטעלע און געשוויגן... אָבער די מוטער, איז אהין געלאָפן, אַרויפגעקוקט צו שמחה׳ס הויכן טאַטן, גערעדט סודות׳דיק:

„געזעסן אויף די לאַנקעס... שפּאַצירט איבער פעלדער, זאָל מען איצטער מקבל־קנין זיין — נאָך איידער ער שווארצט די קירה׳שע־גרעניץ...

* *
*

אָבער דאָס אלץ האָט שמחה איצט געזען בלויז אין שלאָף... ווען ס׳קרעמל זיינס מיטן „שרייער" זיינען אויך געווען פארזונקען אין שוואַרצער נאַכט... טאָמער האָט גענומען שאַרעיען אויף טאָג, איז באלד געווען — אוים חלום...

דער געיעג נאָך מאַכן געלט, האָט פארשלונגען חלום און וואָר... ניט געהאָלפן גוטשעס בעטן, קלאָגן, סטראַשען: — זי מוז ניט, זי קען ניט — און וועט נישט וואַרטן...

— זי וועט יאָ וואַרטן — איז שמחה זיכער געווען — זי מוז וואַרטן...

ערשט ווען גוטשעס בריוו זיינען געוואָרן קילער, זעלטענער און לסוף — אויפגעהערט... האָט שוין שמחה מער צייט געקראָגן — אַפילו אינמיטן טאָג, אַ טראַכט צו טאָן — אַז — ווערליק זי שווייגט, איז, ווייזט אוים — אַ ברוגז... נו, האָט ער גענומען איבערטראַכטן פארשידנס... בלויז איין זאַך האָט ער פאַר־געסן צו טראַכטן שמחה: אַז זיין כלה גוטשע, מיטן ווייסן פּנים, ווי אַלבאַסטער און גרויסע קיילעכדיקע אויגן, ווי וויינשלען אויף פּאָרצעליי — ווען די דאַזיקע ליאלקע שטעלט זיך אריין אין דער אָפענער טיר, איז עס פּונקט ווי אַ שטיק צעלוי־כטענע זון וואָלט זיך דאַרטן איינגערעמט... און בחורים אין שטעטל זענען חלילה נישט בלינד... בפרט ווען פון איר פארטרויערטן פּנים איז פארשוואונדן יעדער סימן פון בענקשאַפט... האָט שוין בכלל נישט לאַנג געדויערט... און ווען שמחה האָט זיך געכאַפּט; אַז נאָך אלעם, בענקט ער טאַקע... און וואָלט שוין געוואָלט צוריק ארומוויקלען זיין ווייסן האלדז מיט גוטשעלעס שוואַרצע צעפּ... האָבן אירע שוואַרצע צעפּ שוין געצערטלט אַן אנדער פּנים...

ס׳האָט אַביסל געדויערט, ביז שמחה האָט שלום געמאכט מיטן געדאנק, אַז — אוים גוטשע... דער הויכער „שרייער" פון זיין „ליקווידאַציע" האָט אויך געהאָלפן „ליקווידירן" זיינע יוגנט־חלומות...

מילא — אויף אַ רייכן חתן פעלן ניט קיין בעלנים בפרט ווען שמחה האָט זיך נאָך אויסגעלערנט טאַנצן אויך, און דער יידישער ישוב האָט שוין אַן אייגענעם פורים־באַל, מיט אַן אסתר המלכה... האָט טאַקע שמחה אָפּגעקלאָפּט ביים טאַנצן דווקא די „אסתר־המלכה" וואָס האָט זיך געדרייט אין אַ ווינער־וואלס... איר ראָזע־טאַפטענע קליידל, האָט זיך מיטגעדרייט, ווי אַ פּאַרביקע קאַרו־זעליע אויף אַ שמעקנדיק פעלד... אירע בלאָנדע קרויזן האָבן צוגעגלעקלט צום טאַקט... און ס׳איז געווען אין אַ מזלדיקער שעה...

שפּעטער האָט זיך שוין אַלץ געדרייט אַזוי נאַטירלעך, ווי דער גרויער רויך פון שמחה׳ס אַ נײַ פאַבריקל... אַלץ אַרויף... און אַרויף...

פון שמחה׳ן, איז געוואָרן — „סעניאָר סאַמסאָן״. פון „אסתר-המלכה״ —אַן אויסגעפּאַשעטע דאָנאַ מאַרגאַרידאַ... און קינדערלעך זיינען געקומען — קלעצל׳דיקע-ברייטע... און ברייט איז אויך געווען דאָס רחבות׳דיקע לעבן זייערס...

נאָר אַמאָל, אַמאָל, אַז סעניאָר סאַמסאָן האָט געכאַפּט אַ קרומען בליק אין אַ אויסגעפּוצטן שפּיגל און דאָרטן געזען זיין ראָזע פּנים, פול און גלאַטיק, זיינע בלויע אויגן, מיט אַ סך יונגט פייערלעך און זיין שלאַנקער האַלדז — גלייך ער וואָלט נאָך עפּעס געבענקט... איז אים באַלד געקומען אויפן רעיון, זיין געוועזענער כלה׳ס שוואַרצע צעפּ — אַזעלכע גלאַנציקע, דיקע געדיכטע צוויי צעפּ, וואָס זענען אַמאָל געלעגן אַרום זיין ווייסן האַלדז, ווי אויסגעבעט מיט זיידענע קישעלעך... און צווישן די דאָזיקע קישעלעך, איז אויך געלעגן גוטשעלעס צאַרטע פּנים, צוגעדריקט צו זיינעם:...

גאַטעניו געטרייער, וואָס איז טאַקע געוואָרן פון גוטשעלעס לאַנגע, שוואַרצע צעפּ? — געווען אַזאַ וויסטע מלחמה דאָרט — געשענדט, פאַרגאַזט, פאַרברענט; איז ווו זענען אַהינגעקומען גוטשעלעס סאַמעטענע צעפּ?...

שוין אַזוי פיל יאָרן אַוועק און אים קוקט עס נאָך אַלץ אויס — ווי נעכטן... טיילמאָל דאַכט זיך אים אין שלאָף, אַז עפּעס אַזאַ ווייכס, צאַרטס, גלאַטיקס איז געוויקלט אַרום זיין דינעם האַלדז... גלעט און צערטלט זיין וואַרעמע הויט... און טיילמאָל ווערט גאָר די דאָזיקע ווייכקייט, ווי אַ פּעטליע... ציט זיך איין... נעמט דריקן... שטיקן... ווערגן...

כאַפּט ער זיך אויף, סעניאָר סאַמסאָן, מיט אַ ציטערניש און מורמלט פאַרשלאָפן:

— „גוטשעלע געטרייע — גוטשעניו קרוין״...

לעצטנס האָט ער זיך גאָר גענומען טשעפּען צו זיין געוועזענער „אסתר המלכה״, למאי זי טראָגט אַזאַ קורצע „פּאָלקע״, וואָס מאַכט איר צו קליין... נידעריק און — גראָב... לאַנגע האָר וואָלטן איר מער געפּאַסט... ס׳פּנים אירס, גלויבט ער, וואָלט געוואָרן אביסל דינער, דעליקאַטער און פון לאַנגע האָר קען מען אַ מאָל פאַרפלעכטן צעפּלעך... אַרומוויקלען אונטער די אויערן און — אַ דאגה וואָס מען קען אַלץ מאַכן פון לאַנגע האָר?

* *

*

און ס׳לעבן שטייט ניט — גייט זיך דערוויל זיין אַנגעצייכנטן גאַנג.

פון זיין פאַבריקל, איז געוואָרן — אַ פאַבריק... פון זיין פאַלאַסעט — אַן „עדיפיסיאָ”... פון זיינע קינדער, זענען געוואָרן מענטשן און פון מענטשן קומען — ווידער קינדער...

— זיצט ער זיך אַזוי, סעניאָר סאַמסאָן אין זיין מאַרמאָרנער וואַראַנדע, קוקט אין דער ווייטקייט צו די שטראָמענדיקע וואַסערפאַלדן, וואָס קאָלערן זיך אַזוי נאָענט פונם אויסגעשפרייטן אַטלאַנטיק. זיינע, שוין מידע פיס רוען אין אויסגעבעטע לעטשלעך. זיין פולער גוף הוידעט זיך נגידיש אין אַ ברייטער וויג-שטול און אויף זיין וואָרעמען שוים וויגט זיך מיט זיינס אַ פוכקע אייניקל, וואָס האָט אַ ווייס-געסקליאָרוועט פנימל, מיט גערדיכטע, שוואַרצע האָר׳עלעך... שפילט זיך דער זיידע מיט איר שיין קעפעלע, פלעכט אירע לאַנגע הערעלעך און דיקע צעפּלעך... בינדט זיי אַרום זיין הויכן האַלדז, מאַכט צו די שלעפעריקע אויגן און — חלומט:

— אַזעלכע צעפּ... אַזוינע וואַזשנע צעפּ... ווען מען האָט גוטשען אַריינגעוואָרפן אין גאַז-אויוון, האָבן זיך זיכער צוערשט אָנגעכאַפּט אירע לאַנגע צעפּ... ברר — וואָס פאַר אַ שרעק ווענן דעם צו טראַכטן... בפרט ווען עס דאַכט זיך אים, אַז ער האָט זי געקענט ראַטעווען... אַז ער האָט אַ שטיקל שולד אין דעם:...

— „ניין! — ניין! שרייט עס אין אים — נישט אַ שטיקל — נאָר די גאַנצע... די גאַנצע שולד”!...

— „אָבער, צוריק געשמועסט, האָט זי דאָך מיך פריער אָוועקגעוואָרפן... איז זי דאָך פריער געגאַנגען צו דער חופה... און דאָך — ווען ער זאָל אפשר ניט געווען אַזוי פאַרטשאַדעט ווערן פונם הויכן „שרייער”, וואָס האָט געהאָלפן דרעשען געלט, ווי זאַנגען אין אַ מילכל וואָלט ער מסתמא אַזאַ לעכטיקע גוטשע ניט געלאָזט אַזוי לאַנג אויף — הפקר...

און איצטער? — ער איז שוין איבער די זעכציק סעניאָר סאַמסאָן און פילט זיך פונדעסטוועגן נאָך גענוג יונג, קרעפטיק און האָט נאָך אַ געוואַלדיקע הנאה ווען די צעשטראַלטן זון טוט זיך אַזאַ שפּע׳דיקן צעשפרייט איבערן ברייטן טעפּיך. דאָס גאָלד-האָריקע שפּיל-פייגעלע טרילערט מיט אַזאַ דין לירישע קולכ׳ל... דורך די קרישטאָלענע שויבן זעט ער דאָס פייכטע זאמד, וואָס שימערט רעגנ-בויגנ׳דיק איבער דער גאַנצער לענג פון דער ברייטער פּליאַזשע. ער זעט ווי די בייכיקע כוואַליעס עסן זיך איין מיט שטורם אינם ערדישן גוף, קילן דאָס צעגליטע זאמד... כאַפּט אים אָן אַ ווילדער חשק-אַריינצו-קריכן אין זיינע באָד-הויזן, אַריבערלויפן צום גלעטנדיקן-ים, זיך אויסמישן מיט

די ברויזנדיקע כוואַליעס און — צוריק ווערן יונג, אַ צעבאַלעוועט לאַבוז'ל, אַ שמחה'לע בית-מדרשניק... וואָס גנב'עט זיך אוועק פון דער גמרא... לויפט אויף די גרינע לאַנקעס, הילט זיך אַרום מיט שוואַרצע צעפּ...

אָבער איצטער וואָלט ער זיך בלויז אויסגעצויגן אויפן וואַרעמען זאַמד, געלאָזט זיך גלעטן פון די הייסע זונען-שטראַלן און אַזוי אַ ליגנדיק, וואָלט ער נאָכאַמאָל איבערגעטראַכט, דאָס, וואָס ער טראַכט לעצטנס אַזוי אָפט:

— אויב ס'האָט זיך טאַקע געלוינט דאָס גאַנצע עסק? — יאָגעניש נאָך עשירות... פאַרגעסן אין אַלע הבטחות... און — אומגעבראַכט אַ לעבן!...

—„אָבער, מחשבות'ן — פאַר וואָס מאַטערן זיי אים אַזוי שטאַרק דווקא אין די לעצטע חדשים? — זאָל דאָס זיין די פּלוצלינגע קרענק פון זיין דאָנאַ מאַרגאַרידאַ, וואָס ליגט צו בעט מיט אַ געלער מראה, איינגעפאַלענער ברוסט, קוים וואָס זי אָטעמט?... נו, וועט ער זיך איצטער גיין פליעסקען אין ים?"...

— „כאַטש, צוריק געשמועסט — וואָס העלפט דען זיין זיצן און קוקן אין אירע אויסגעלאָשענע אויגן? — נאָך ערגער — זיי קוקן אויף אים מיט פאַר־גלייזטן צער... ס'נעמען זיך באַלד גיסן אירע שטילע טרערן... צינדן אָן אויסגייענ־דיקן פונק אין אירע שוואַרץ-אַפּלען... וואָרעם, באמת, האָט זי דען, איבער דער גאַנצער צייט געאַנט, אַז טיף אין זיין נשמה, אויף דער דנאָ פון זיין געוויסן טליעט אַ געפיל פון חרטה? — אַ בענקשאַפט צו שוואַרצע צעפּ?...

— אַ גאָט! — וואָס האָבן זיי זיך דווקא צוגעטשעפּעט צו מיר איצטער — פונקט איצטער?...

אין שטוב ליגט אַ קראַנקער מענטש — ס'איז זיין פרוי — די מאַמע פון זיינע קינדער און ער — עס ציט אים צום ים... און אפשר, ווייל ער זעט, אַז מיט זיין גאַנצן עשירות קען ער איר גאַר ניט העלפן... טאָ וואָס זשע איז באמת געלט? אַ שפּילעכל נאַר — אַ פאַרבלענדעניש — טיילמאָל — אַן אומגליק...

פון שטוב הערט זיך אַ שטיל קרעכצן. שאַרפע ריחות פון ספּעציפישע רפואות פאַרשפּרייטן אַ שפּיטאָל-אַראָמאַט... און ער סעניאָר סאַמסאָן, לעכצט פאַרט נאָך אַ קילן גלעט פון די שאַרכנדיקע ים-כוואַליעס... אים שיינט, אַז נאָר דאָס הייסע זאַמד קען שטאַרקן זיינע אָפּגעשוואַכטע נערוון.

— יאָ — באַשליסט ער לסוף — ער וועט זיך יאָ אַרויסשלייכן צום ים... ער

איז דאָך אַזוי נאָענט — מיט דער האַנט צו דערגרייכן און ער וועט אַרויס אויף איין רגע׳לע בלויז, אַ מינוט׳קעלע נאָר... און:

איידער סעניאָר סאַמסאָן האָט נאָך באַוויזן איינצונעצן דעם ערשטן פוס, האָט אים שוין זיין עלטסטע טאָכטער אַ רוף געטאָן:

— פּאַפּאַ! גיכער! גיכער! די מאַמאַ! די מאַמאַ!!!...

אויס „אסתּר המלכה"...

נאָכדעם איז דאָס גאַנצע רייכע הויז פון סעניאָר סאַמסאָן פול געוואָרן מיט גוטשען... אין אַלע ווינקלעך האָט ער זי געזען, פון די געשליפענע שפּיגלען האָט זי אַרויסגעלויכטן און פון דאָנאַ מאַרגאַרידאַס קליידער-שאַנק, האָט זי זיך גאָר ניט געוואָלט אָפּטאָן... געגוג געווען ער זאָל עפענען די מאַסיווע טיר און שוין — אין אַלע מלבושים, פון יעדן קעלנערל, פון די דעקאָלטן, בלאַנקט אַרויס גוטשעס ווייסער האַלדז, אירע קיילעכדיקע היפטן... און אויגן האָט זי איצטער, דורכזיכטיקע, ווי גלאָז... טיילמאָל זעט ער גאָר-לעכער, נישט קיין אויגן...

— דאָס האָט מען איר, אין דער מלחמה, אַזוי אויסגעגראַבלט די אויגן"... תּמיד קומט זי צו אים ווען ער הוידעט זיך אין דער וויג-שטול, זעצט זיך אַוועק אויף זיין שויס און וויגט זיך מיט...

אויף וויפיל ער געדענקט, איז גוטשע תּמיד געווען אַ שווייגערין, זי האָט נישט ליב געהאַט קיין איבעריקע רייד און איצטער — נאָר זי רעדט, נאָר זי פּלאַפּלט...

* *
*

לעצטנס האָט גענומען טליען אַ גרויסע האָפענונג אין זיין פאַרווונדעט האַרץ — „פּליטים" — „אויסגעוואָרצלטע" — „היימלאָזע" — אין די הונדערטער, בלאָנדזשען איבער ימים, יבשות — פאָרן אַדורך בראַזיל... אַ סך פאַרהאַלטן זיך בלייבן דאָ...

איז אפשר? — אַלץ איז מעגלעך — גוטשע האָט זיך געקענט ראַטעווען, פּונקט ווי אַנדערע האָבן זיך געראַטעוועט...

* *
*

גאַנצע 24 שעה האָט אינדרויסן געציבערט. קיין הימל, קיין זון, קיין לבנה, קיין שטערן. חושך מצרים... אַ דיקע טונקל-גרויע פּלאַכטע האָט איינגעהילט

אַלע הויכע בערג. דורך דער דאָזיקער אויסגעשפּרייטער פלאַכטע האָבן זיך געזיפּט, ווי דורך אַ שיטערן „פּשעטיק" — בייטשנדיקע ריטשקעס. אַ מבול האָט פאַרשווענקט אַלע צוגענג צום פּאָרט פון ריאָ דע זשאַנעירא. פונוויטנס האָט מען געזען דאָס פלאַטערן פון אויסלענדישע פענער אויף אַ קליינער שיף, וואָס האָט געפירט קרבנות פון היטלערס גהינום...

סעניאָר סאַמסאָן, וואָס האָט תמיד געחלום'ט און געהאָפט — אפשר אַ צופאַל, אַ נס? — האָט יעדער נייע שיף מיט פליטים אים ארויסגעבראכט פון געדולד... ער וויל שוין זיין דאָרטן... זען, הערן, פאָרשן און דאָ גיסט און גיסט... דאַריבער האָט דער ערשטער סימן פון אַ צוריק אויפלייכטנדיקן הימל, אים דעם ערשטן ארויסגעשלעפּט פון שטוב...

אינדרויסן שאָרוועט נאָך דאָס וואַסער. דער צעבורויזטער ים — גלייך א פּייער-קעסל וואָלט אויפגעקאָכט די כוואַליעס וואָס האָבן זיך געשלאָגן קאָפּ אין וואַנט... געליאַרעמט, געקעמפט אויף לעבן און טויט...

און ער, סעניאָר סאַמסאָן, איבער ריטשקעס און יעזשערים, העצקעט זיך אין זיין אויטאָ. אָט פאַרזינקט ער גאָר אין אַ בלאָטיקן-טייך און אָט פאַרקריכן די רעדער אין א טיפן גרוב... אָבער אים קען גאָר ניט צוריק האַלטן... ער מוז דער ערשטער זיין אויפן שיף...

אינעווייניק — א יאַריד. הונדערטער פאַרטרויערטע, רעזיגנירטע, קוקן אים אין פּנים, לעכצן נאָך אַ קרובֿ אַ פריינט, שרייען אויפן קול, רופן אָן נעמען. טייל וויינען שטיל, אַנדערע כליפּען הויך...

סעניאָר סאַמסאָנס דורשטיקע בליקן עסן זיך איין אין יעדן פרויען געשטאַלט — אָט דאַכט זיך אים — יענע, מיט די שוואַרצע האָר... און אָט גאָר די, מיטן ווייסן פּנים... גוטשען געדענקט ער דאָך אַזוי יונג און שיין, מיט אַזעלכע לאַנגע-דיקע צעפּ... די עטלעכע דרייסיק יאָר וואָס זענען זינט דעמאָלט פאַרפלאָסן-ליגן ערגיץ אין אַ וויסטן תהום... ער קוקט אויף די אַלע פרעמדע פּנימער און ביסלעכווייז רינט אויס יעדער פּיצל האָפענונג וואָס האָט אים אין אַזאַ וועטער דאָ אַהער געבראַכט... און — קיין יונגערמאַנטשיק איז ער שוין אויך ניט... אים דאַכט זיך פּלוצים, אַז דער בלויער האָריזאָנט, די שיף מיטן רוישנדיקן ים הוידען זיך מיט אים אינאיינעם... פאַרשלעפּערן אים, מאַכן מיד, שוואַך... וואָסזשע וועט ער דאָ שטיין? — וואָס האָט ער נאָך דאָ צו זוכן-... אוים גוטשע...

ביים אויסשטייגן האָט זיך געדרייט מיט אים די לייטער, דער קאָפּ... דער הימל איז געוואָרן אַ קאַרוזעליע... און אָט איז ער שוין אויפן לעצטן טרעפּל, אָבער, ער פילט אַז ער גייט ניט מער אויף די פיס, נאָר מען טראָגט אים אויף

הענט... און די טרעגערין איז ניט קײן אַנדערע, נאָר זי גוטשע — מיט אַ צעקנײטשט פּנים, גלעזערנע אויגן אַ װײסן קאָפּ האָר, מיט דיקע װײסע צעפּ אַרומגעלײגט...

— שמחה! — האָט זי אים געהאַלטן אין אײן מונטערן — שמחה, דערבאַרים זיך! — שמחה!... עפֿן דײנע אויגן... אָבער אים איז דאָס לשון אָפּגענומען — ער קוקט אויף איר צעקנײטשטן פּנים און פֿרעגט זיך אין געדאַנק: — דאָס איז גוטשע? — זײן שײנע כּלה גוטשע?...

נאָר װען זײנע גלעטנדיקע הענט האָבן צאַרט באַרירט אירע אויפֿגעהיטענע צעפּ, האָבן זײנע קוים באַװעגלעכע ליפּן גענומען שעפּטשען: — יאָ, ס׳איז זי גוטשע, זײן גוטשע...

פּלוצים הערט ער װי גוטשע ברעכט אויס אין אַ פֿאַרשטיקטן געװײן: — טאַטעניו — רופֿט זי אים, טאַטע לעבן!...

— זע, נאָר, זע — ס׳לשון, פּונקט װי פֿון זײן עלטסטער טאָכטער, אָבער ס׳פּנים — אינגאַנצן גוטשע...

— גוטשעניו — האָבן זײנע ציטערנדיקע ליפּן קוים זיך באַװױגן — גוטשע לעבן — האָט ער זיך אָנגעשטרענגט צו זײן צערטלעך, װי דעמאָלט, אויף די גרינע לאָנקעס, װען ער האָט זיך אָװעקגעגנבעט פֿון דער אָפֿענער גמרא...

ער װיל איר אַרומנעמען אָבער עס איז אים אַזוי ענג, ער קען מיט קײן אבר ניט רירן, עס פֿעלט אים לופֿט... ער קען אָבער ניט פֿאַרטראָגן איר יאָמער־לעך געװײן... שטרענגט ער זיך אָן און ציטערט אַרויס: צו װאָס איז דאָס כּליפּען — נאָך װאָס דאָס װײנען? —

— כ׳בין דאָך שוין דאָ לעבן דיר, גוטשע, כ׳װעל שוין מער נישט אַװעק גײן, נישט איבערלאָזן אַלײן... קײנמאָל נישט מער... קײנמאָל נישט...

* * *

צו נעילה

פראגמענט

פאַן קענדרע איז דער ערשטער סעקרעטאר פון שטעטלשן מאגיסטראט. זיין פאַטערס אויסגעפוצטע שטיבעלע שטייט אויף א ליימיקן בארג, פונקט קעגנאיבער דעם רבינס גרויסן פאַלוואַרג. קענדרעס קליינע פענצטערלעך זיינען תמיד פול באשטעלט מיט אַליאַנדרעס, רויטע קווייטן און פארשידענע בלומען-טעפלעך. דורך די צעצווייגטע בלעטער קוקן קענדרעס בלויע, פאַרליבטע אויגן צום רבינס אראָפּגעלאָזטע גארדינען. דאָרטן, אונטערן ווייסן טיול, כאַפּט ער אויף דעם טונקעלן שאָטן פון מרימל'ס שוועבן איבער דער גרויסער סאַלע... און אז קענדרע האָט א מזל'דיקן טאָג, שטעלט זיך דער שאָטן אָפּ, צערוקן זיך די זיידענע פאָרהאַנגען, עפנט זיך ס'קליינע לופטשיקל און — א שטיק בלענדיקע זון טוט אַ באַשטראַל די אויסגעצירטע פענצטער... ס'נעמט באלד ליכטיקן אין אלע ווינקעלעך פון רבינס צעזונגענעם גארטן...

— „יעזוס מאריאַ"...

מורמלען דעמאָלט קענדרעס ליפּן ווי פארכישופט — „טאַקאַ שליטשנא — טאַקאַ לאַדנאַ" — (אַזאַ הערלעכע, אַזאַ שיינע) רעדט ער צו זיך אין שטוינונג.

מרימ'ל ווייסט, אז דער אויסגעפּראַנטעוועטער פאַן קענדרע, מיט די שטייפע בלאָנדע וואָנצעלעך און גלאַנציק-מאַנוקירטע נעגל, גייט אום נאָך איר מינדסטן טריט... זי פילט די שפּיזן פון זיינע גליענדיקע אויגן בעת זיי גלאָצן אויף איר פּנוויטנס. זיינע פייערדיקע אויגן בויערן אדורך די אראָפּגעלאָזטע גארדינען... און ווי מרימל זאָל זיך ניט געפינען שיסן אדורך זיינע פארבענקטע בליקן — אפילו די גראָבע ווענט — מרימל דערפילט זיי, שווידערט אויף — א געהיימער כח ציט איר דעמאָלט צום פענצטער... און קיינמאָל איז זיך מרימל ניט טועה — ער שטייט, קענדרע, ציט עלעגאנט דעם הוט, פארנייגט זיך טיף:

„גוט מאָרגן קראַסאַוויצע"...

מרימל ענטפערט קוים. א פּורפּור רויטקייט שווימט איר אָן פון הויכן האלדז, פון אירע געטאָקטע אויגן, צעלייגט זיך איבער איר אלבאַסטער פּנים, לעשט אירע געציילטע פּאָר קלייענדלעך, וואָס גיבן צו איר ווייסן פּנים דעם הונדערטסטן חן.

מרימל ווייסט, אז ניט בלויז דער שייגעץ, קענדרע, איז פארשיכורט פון איר פארבליפנדיקער געשטאַלט, נאָר אויך די בחורים'לעך, וועלכע לערנען

גאַנצע טעג אין רבינס בית המדרש, זוכן ס׳רוב ביי די אָפענע פענצטער איר אָנצוקוקן כאָטש פונוויטנס... ניט זעלטן, באַווייזט זיך אויף איר שוועל א פאַרבענקטער בחור, אין א קורץ כאַלאַטל, צעפלאָשעטע פאות, א יאַרמולקע אינמיטן קאָפּ — טוט א גיכן בליץ אויף מרימל׳ס בלאַנקנדיקן פּנים, לאָזט אַראָפּ די פאַרשעמטע אויגן און פרעגט נאַיוו:

— „ווי שפּעט איז איצטער אויפן רבינס וועקזייגער״?...

און בעת מרימל, מיט אירע פולע היפטן און עלאַסטישן גענגל טענצלט אוועק, מיט א קלוג שמייכעלע, כדי צו כאַפּן א קוק אויפן זייגער, דערפילט ער, דער פאַרליבטער בחור, אין מרימל׳ס זייטיקן קוקעלע, אַז זי פאַרשטייט זייער גוט די סיבה פון זיין כלומרשטן אויסרייד... און ס׳רוב, פאַרשווינדט ער, נאָך איידער מרימל ברענגט אים די תשובה...

יאָ, מרימל ווייסט, אַז זי איז דער ליכטיקסטער חלום פון די שענסטע בחורים אין שטעטל, אַז אירס איין וואַרעמער בליק, נערט זייערע טיפסטע פאַנטאַזיעס... אַלע, ווייסט זי — חלומען וועגן איר... בענקען צו איר... און דאָך — זי קען עס זיך אַליין ניט דערקלערן, פאַרוואָס קיינער ברענגט איר אַזוי ניט אַרויס פון גלייכגעוויכט, ווי דער דאָזיקער, אויסגעליאַלקעוועטער שכן, קענדרע... וואָס תמיד ווייעט פון אים מיט שמעקנדיקן זייף, פּאַרפום און אַנדערע רייצנדיקע געווירצן... דאָס שטייפע, גומענע קעלנערל זיינס, טיילט אויס א ראָזע פעטקייט וואָס גלאַנצט פון זיין געזונטן קאַרק... זיינע הויכע שטיוועלעך בלישטשען תמיד, ווי א גוט געפּוצטער שפּיגל. דאָס אויסגעפּאַסטע ספּאָרט-רעקל, מיט א שנאָל פון הינטן, ליגט אויף זיין שלאַנקער פיגור, ווי אויסגעגאָסן. און תמיד שטעקט א רויטע בלום אין זיין אויסגעפּרעסטער לאַץ. אויף זיין גוט געכאָליעטער-האַנט מיט די געפּוצטע נעגל הענגט שטענדיק א ברוינע שפּיץ-רוט, וואָס ער גיט מיט איר א פּאָכע אין לופטן, טוט עס אַזאַ הויכן סוויסטש, אַז מרימל דערהערט עס אַזש ביי זיך אין צימער... און זי ווייסט שוין, אַז קענדרע גייט איצט צו די צוויי איינגעבויגענע קזשאַקעס, וואָס זייערע ברייטע צווייגן טובלען זיך אינם דורכזיכטיקן טייכל, וואָס ליגט אָפּגערוקט אויף א מהלך פון רבינס פּאָלוואַרג... אַרום טייכל איז תמיד שטיל... פונוויטנס זעט מען בלויז האַלב נאַקעטע פּאַסטוכער, וועלכע ליגן דאָרטן אויסגעצויגן אויפן פייכטן גראָז, דרעמלען, אָדער פייפן אויס פאַרבענקטע נגונים אויף הילצערנע, אַליין געשניצטע פייפערלעך...

ווען קענדרע האָט דאָס ערשטע מאָל געטראָפן מרימלען דאָרטן זיצן אויפן איינגעלייגטן בוים, מיט אַן אָפן בוך, פאַרחלומטע אויגן, וואָס האָבן פאַרטראַכט געבליקט ערגעץ ווייט אין דער וועלט אַריין, איז ער געבליבן שטיין, ווי פאַר-

כישופּט, געהאַט אַ פּאַרכטיק געפיל זיך אַראָפּצולאָזן אויף די קני און תפילה טון, ווי צו אַ הייליקער... מרימל האָט דערשראָקן אויפגעציטערט — אין אַ ווילדן העק אַ רבינס אַ קינד, אָן אַ שומר — מיט אַ צאַפּלענדיקן שייגעץ?...

איר ערשטער געדאַנק איז געווען — אַנטלויפן...

קענדרע האָט איר אָבער פאַרשטעלט דעם וועג:

— כ׳שווער ביי קריסטוס, אַז כ׳וועל דיך ניט טשעפּען... ביסט אַ ווונדער־לעכע... אַ הייליקע...

מרימל איז געבליבן זיצן אין איר וויים־באַטיסטן בלוזקעלע, פאַרשפּילעט ביזן האַלדז. אויך אירע שמאָלע אַרבל זיינען געווען לאַנגע, ביז צו דער האַנט־פּלאַך. בלויז דער דינער שטאָף האָט בולט געצייכנט דעם מאַסיוון געבוי פון איר קליינער ברוסט און רונדע צאַרטקייט פון אירע פאַרקיילעכיקטע אַקסלען...

פון קענדרען האָט געשמעקט מיט פרישן יאַשמין, מיט פּולס־זייף און אַנדערע רייצנדיקע געווירצן... די שמאָלע ספּאָרט־הויזן — איינגעצויגן ביז איבער די קניען, זיין ווייסע קעלנערל — אויסגעלייגט איבער דער בלויער מאַרינאַרקע און מיט דער שפּיץ־רוט האָט ער וואויל־יונגעריש געפּאָכעט אין לופטן, אַדורכגעשפּיזט מיט זיינע ברענענדיקע אויגן מרימלס פאַרויטלטן פּנים און ס׳איז געווען — צוויי יונגע, שיינע מענטשן, צווישן בליענדיקע ביימער... אַ לויטער טייכעלע האָט געמורמלט טיפע סודות פון וועלט־באַשאַף... ניט מער — זי איז דעם רבינס טאָכטער, מרימל... און ער — אַ גוי — דער שרייבער פון מאַגיסטראַט... הגם דאָ, צווישן די שמעקנדיקע גראָזן, פרישן היי און לויטערן הימל, איז עס — צוויי וואַרעם־קלאַפּנדיקע הערצער... צוויי חלומות וועלטן... ווייטער גאָרניט...

מרימל איז קלוג, אינטעליגענט און איבער אַלעם — אַ צויבערנדיקע שיינקייט... אירע צוגעקליבענע געדאַנקען — רבנישער פּלפּול. איר איידעלע האַלטונג — צניעותדיק. איר לירישע שטימע — מוזיק... קענדרע האָט זיך איינגעהערט מיט אַלע חושים אין דער דאָזיקער שטיל־פליסנדיקער לשון־סימ־פּאַניע:

— „רעד מרימל — פאַרטייטש מיט דיין זיס קול רבנישע געדאַנקען... גאַנצע וואָכן, חדשים האָב איך געחלומט, געהאָפט, געוואַרט אויף אַזאַ שעה... אַנטלויף זשע ניט איצטער, קום מאָרגן — איבערמאָרגן, קום שטענדיק דאָ אַהער... קום, זעץ זיך אַוועק — מעגסט זיצן פונוויטנס... אָפּגערוקט פון מיר... איך וויל בלויז קוקן אויף דיר... הערן דיין מעלאָדיש קול... ווייטער גאָר ניט — לחלוטין גאָרניט...

אָבער די בית-המדרשניקעס, וואָס האָבן ניט ווינציקער, ווי קענדרע ליב געהאַט צו הערן מרימל׳ס זיסע קול, האָבן געגומען נאָכקוקן, ווזהין דאָס דאָזיקע צויבערנדיקע קול ווערט יעדן טאָג פאַרשוווּנדן פון שטוב...

און די בית-המדרש׳ניקעס האָבן דאָך געלערנט —

אז — „יגעתי מצאתי״...

קיין שלעכטס האָבן זיי חלילה ניט געטראָפן דאָרטן — ער אויף איין זייט בוים, זי אויף דער צווייטער זייט; צווישן ביידע — א געגוגנדיקע מחיצה... ניט מער — א רבינס א קינד...

— „מעגסט זיך שעמען! מרימל — גיי אהיים! די מינוט! אַנדערש — דער טאַטעשי וועט וויסן״...

זינט דעמאָלט איז מרימל׳ס לירישע קול פאַרשווּנדן פון צווישן די ביימער און האָט זיך מער ניט אָפּגעטון פון רבינס חדרים... און די פאַרחלומטע בחורים זיינען ווידער געקומען קוקן ווי שפּעט עס איז אויפן רבינס וועק-זייגער...

אָבער קענדרע האָט געבליצט מיט זיינע גליענדיקע אויגן פונוויטנס... געפייפט ראָמאַנטישע מעלאָדיעס און געשיקט צו מרימלען ראָזע בריוועלעך:

ער וויל בלויז נאָך איינמאָל הערן איר זיסע קול — זי וועט מעגן שטיין פונוויטנס, אים זידלען, באַווארפן מיט שטיינער... נאָר זאָל זי קומען... ער וויל איר בלויז — זען... ער שווערט ביי דער הייליקער מאַריאַ — וועמענס אָפּבילד עס איז אין מרימלען פאַרקערפּערט, אז ער וועט זיך צו איר ניט צורירן, נאָר פאַלן אויף די קני און שיקן פונוויטנס זיין תפילה צו איר״...

און מרימל איז ווייכער געוואָרן — נאָך אלעם, קלאַפּט איר דאָס הארץ ווען זי זעט אים אַ פאַרטרויערטן ביים פענצטער... ווען זי הערט זיין פאַרבענקטן פייפן, ווען ער פאָכעט מיט דער שפּיץ-רוט פונוויטנס... און — א לעצט מאָל מעג זי, דאכט זיך, איינשטעלן... זי וועט אים טאקע דערקלערן דייטלעך: „אזוי און אזוי — זי א יידישקע, א רבינס א טאָכטער... ער — א גוי — שרייבער פון מאגיסטראַט — איז גלייכער — פונוויטנס... זי ווייסט, ער איז ערלעך, מיינט ניט קיין שלעכטס — חלילה... אָבער — איר טאַטעשי, די מאַמעשי — זי וויל ניט קיין נסיון״.

איז דאריבער די פּאַסיקסטע צייט, יום-כיפּור צו נעילה... ווען אלע וועלן זיין אין שול, וועט זי דעמאָלט ארויסקומען... אים אלץ דערקלערן, זיך געזעגענען אויף שטענדיק״...

אויפֿן רבינס צעגרינטן פּאָלוואַרג, גנבֿנען זיך שוין שטיקער זון אַראָפּ פֿון די ביימער, דראַפּען זיך געלאַסן אויף ווענט, טירן און אָט ליגן שוין האַלב פֿאַרחלשטע ברעקלעך זון אויף יענער זייט פּלויט...

אין רבינס אָנגעפּילטן בית-המדרש, שטייען איצט יידן אין ווייסע זאָקן, קיטלען און טליתים. זייערע פּיס שוין שוואַך, די גופֿים — מיד, אָבער אין די הערצער — פֿול בטחון... באַלד וועלן זיך צעעפֿענען אַלע שערי-רחמים, די הימלישע טויערן פֿון צדק און משפּט, וועלן אַריינעמען זייערע הייליקע תּפֿילות... זייער פּרום געבעט וועט אַ שפּאַר טאָן ביז צום כּסא הכּבֿוד... זייערע אויסגע-כליפּעטע בקשות וועלן דערלאַנגען עד לבֿ השמים און ס׳וועט זיכער זיין — אַ גמר חתימה טובֿה... זיכער... ס׳קען דאָך אַנדערש ניט געמאָלט זיין...

אויף דער ווייבערשער גאַלעריע האָבן נשים צדקניות פּריי געלאָזט זייער אָנגעזאַמלטן געוויין... פּונקט ווי מען וואָלט געעפֿנט אַ ברייטן שפּונט פֿון אַ געצוימטן טייך... די פֿאַרשטיקטע טרערן האָבן איצט באַקומען אַ פֿרייען אויספֿלוס — ניטאָ מער קיין צוים... ס׳איז ניט קיין שפּילעכל — ס׳איז פֿאַר נעילה. די צעעפֿנטע קוואַלן פֿליסן דורך זייערע אויגן, נאַז און האַלדז... עס דערנענטערט זיך די לעצטע מינוט... באַלד וועט אַלץ אין הימל געשלאָסן ווערן...

אויפֿן רבינס הויף — שטיל. די מאָגערע ציג שטייט ביי דער צעעפֿנטער קאַמער-טיר, איר פֿאַרקאַלטנטע בערדל איז פֿאַריסן אַרויף. אירע אָנגעשפּיזטע אויערן, גלייך זיי וואָלטן זיך איינגעהערט צו די יאָמערלעכע תּפֿילות וואָס טראָגן זיך פֿון אָפֿענעם בית-המדרש. די גראָבע קאָץ כאַפּט נאָך אַ לעצטן גלעט פֿון דער אונטערגייענדיקער זון, וואָס געזעגנט זיך שוין אַפֿילו מיטן טונקל געוואָרע-נעם הימל...

מרימל טראָגט איצט אַ ווייס קליידל, פֿאַרשפּיליעט ביז צום האַלדז. אירע שוואַרצע האָר זיינען געהילט אין אַ שפּיצענעם שאַליק, בלויז איר ווייסע פּנים מיט די גליענדיקע אויגן שטראַלן אין שקיעה-שיין, ווי אַן אויפֿלייכטנדיקער שטערן... איר דריבנע גענגל איז וואַקלדיק, ווי שיכּור — ניט פֿון פֿאַסטן — נאָר פֿון דער עבֿירה, מיט וועלכער זי האָט געקעמפֿט אַ גאַנצן טאָג...

ווייל — טאַקע באמת — וואָס עפּעס דווקא נאָר היינט? קען זי דען ניט אין אַנדערן טאָג זיך אויך אַרויסגנבֿענען פֿון שטובֿ? און פֿאַרוואָס זאָל זי טאַקע אינגאַנצן ניט האָבן אָפּגעזאָגט זיין לעצטע בקשה?... וואָס זשע, זי איז אים עפּעס שולדיק אַ דערקלערונג? זי פֿילט דען עפּעס צו אים? — אסור... עס קלאַפּט איר טאַקע דאָס האַרץ ווען זי הערט זיין פֿייפֿן פֿונוויטנס, זי ווייסט דאָך אָבער, אַז — אַ גוי איז — טריפֿה... נאָר צוריקגעשמועסט: ווו ליגט דאָ די

זינד? — ער איז דאָך אַ מענטש און דער טאַטעשי האָט איר געלערנט, אַז אַלע מענטשן זענען גאָטס באַשעפענישן... און ער, דער גוי, קענדרע, איז דווקא דווקא אַ סימפּאַטיש באַשעפעניש... און האָט נאָך קיינמאָל אויף איר די האַנט ניט אַרויפגעלייגט... אַפילו מיט קיין פינגער ניט באַרירט... וואָלט זי טאַקע געוואָלט וויסן — וווּ ליגט דאָ דאָס גרויסע פאַרברעכן קעגן וועלכן זי ווערט זיך אַזוי דעם גאַנצן טאָג?...

מרימל שלייכט זיך ביי די ווענט. פון די אָנגעפילטע שפּייכלערס שמעקט אַרויס פריש-געקאָסעטע היי, צייטיקע פרוכטן און עפּעס אַ ריח פון זיסער קי-מילך. דרעמלנדיקע עופות אין פאַרמאַכטע שטייגן דערשרעקן זיך פּלוצים פאַר אירע טריט... צערייסן די שטילקייט מיט זייער פּלוצלינגער קוואַקעריי... מרימל צאַ-פּלט אויף פון דער דאָזיקער בהלה: — זיינען דאָס טאַקע בלויז הינערשע קולות? הינער דאַכט זיך, קוואָקען בלויז... און דאָ — זי הערט בפירוש — יללות גאַנצע... און אפשר איז עס גאָר, ווי דער טאַטעשי זאָגט: שטנס? — שטנס וועלכע פאַר-שטעלן זיך ס׳רוב אין אַלע מינים חיות און עופות? — עט — נאַרישקייטן...

די ברייטע סטעזשקע צום שמאָלן טייכל איז ליימיק. די שאַרפע זון האָט זי פאַרטריקנט, געמאַכט גרוטקעלעך... שפּרייזט מרימל ווי אויף האַרטע שטיינד-לעך... פון ביידע זייטן שטייען געדיכטע קאַשטאַנען-ביימער, זייערע אויסגע-טריקנטע בלעטער זיינען שוין געלבלעך, טייל פאַלן שוין אַראָפּ, שאָרשן אונטער די פיס...

— איז עס טאַקע בלויז אַ שאָרשען פון די בלעטער? עס דאַכט זיך איר, אַז עפּעס וואָס וויינט אונטער אירע טריט — און בלעטער — וויינען ניט...

— אהא — שוין ווידער מחשבותן... גאָטעניו דערבאַרמדיקער האָב רחמנות...

אין דער נאָז טוט איר אַ שלאָג מיטן ריח פון קענדרעס פערפום... עס דאַכט זיך איר, אַז זי הערט שוין דעם שניידיקן פאָך פון זיין עלעגאַנטער שפּיץ-רוט.. און ס׳קול זיינס — אַזאַ שטילס, אַזאַ גלעטנדיקס:

— „כ׳וויל דאָך גאָרניט פון דיר — זאָגט דאָס קול — גאָרניט — בלויז קוקן אין דיינע יידישע אויגן און הערן די חכמה וואָס זינגט אַרויס פון דיין צאַרטער שטימע"...

— ווו-זשע ליגן דאָ טאַקע די זינד?...

איר דאַכט זיך, אַז ס׳ענטפערט אָפּ דער ווינט אין פעלד: ס׳איז נעילה-צייט, נעילה! און דו ביסט — אַ רבינס אַ קינד... אַ רבינס אַ קינד...

דער האָריזאָנט איז שוין איינגעטונקען אין בלוט... עס טונקלט שוין אויך דער ברייטער וועג. פון אלע זייטן יאָגן זיך אויפן גרויען הימל שעפּעלעך. לאַנגע, שמאָלע, גראָבע, ברייטע — זיי ציִען זיך אלע צום כסא הכבוד... דאָרטן גייט איצט אָן דער געפּעקטש: „מי במים — ומי באש — מי בחנק און מי בחרב”... די וואָג-שאָל וואקלט זיך — אַט ארויף, אַט אראָפּ און אַט — ווידער אראָפּ...

מרימל ציטערט אויף: אַך גאָט, ווען איר וואָג-שאָל זאָל אפילו גרייכן ביזן זיבעטן הימל, וועט דאָך געננוג זיין, אז דער קטיגור זאָל בלויז ארויפליִיגן איר איצטיק גענגל... און דאָס צינגל וועט זיכער באלד א שלעפּ טון אויף צוריק, צוריק ביזן שאול תחתיה אריין — — — —

פונוויטנס זעט זי שוין דאָס שטילע טייכעלע, א קליין פּיצעלע זון האָט זיך פארהאלטן אויף די צוויי איינגעלייגטעביימער... אויף איינעם שאָטנט זיך דאָס שלאנקע געשטאלט פונעם ווארטענדיקן פאָן קענדרע... און מרימל האָט בלויז נאָך געדארפט אריבערשפּרייזן דאָס קליינע בריקעלע... אָבער — זי ווייסט אליין ניט וואָס מיט איר האָט פּאסירט... ווייזט אויס, אז עפּעס א געהיימער כח האָט איר אויסגעדרייט אויף — צוריק... פּלוצים האָט זי זיך דערזען לויפנדיק איבער שטאָק און שטיין — צוריק — און צוריק... און אָט איז זי שוין צוריק צווישן אלע שלוכצנדיקע ווייבער אין שול... איר זיידענער שאליק איז אראָפּגע-רוקט טיף איבער שטערן... אירע אָנגעפּילטע אויגן קוקן אין א צעעפנטן מחזור, אָבער זעען ניט קיין אותיות, נאָר פלאטערנדיקע שאָטנדלעך... א פייערדיקע לאַנגע פארשטעלט איר די שיין פון די אויגן... אָבער ס'הארץ אירס, פילט זי איז ריין... ריין — א ווייסע טויב, וואָס פלאטערט, פלאטערט, דאנקט גאָט פאר דעם נס וואָס איז איר איצט געשען און בעט מיט גרוים כונה:

רבונו של עולם:

„סלח לנו, מחל לנו, כפר לנו”...

★ ★ ★

צוריק אויף די פּאָוועלאַ-בערג

פּרעמירט מיט דער „פישל בימקאָ"-פּרעמיע דורכן
אַלוועלטלעכן יידישן קולטור-קאָנגרעס אין ניו יאָרק

געבוירן איז זשואַן אויף איינעם פון די גרויע, נאַקעטע פּאווועלאַ-בערג, אין א קליין הילצערן כאַטקעלע, א טיף איינגעגנאַגלטם אין דער סאַמע געדיכטעניש צווישן אַנדערע ענלעכע הייזקעלעך. שווער געווען אונטערצושיידן, צי זשואַנס כאַטקעלע ליגט אינם בויך פון ליימיקן באַרג, צי ס׳טוליעט זיך דער באַרג־אַראָפּהאַנג צו זשואַנס איינגעקאָפּעט שטיבעלע.

מיט זיינע ברייטע פּלייצעס, מוסקולירטע הענט, קנאַכיקע פּיס און שטאַרק צעוואַקסענעם גוף האָט ער אויף די מערק געטראָגן די שווערסטע קוישן אויפן קאָפּ. אין ביידע לאַנגע הענט — זעק מיט קאַרטאָפּלעס, מערן, ציבעלעס. א באַלאָדענער איז ער געגאַנגען אַזוי אויסגעסטראַיעט, גלייך ער וואָלט אינם שענסטן טראַכט ביים ראַנד פון ים שפּאַצירט.

נאָר אויף די גרויע פּאַווועלאַ-בערג האָבן די באַרג-מענטשן ווינציק געשאַ־נעוועט זשואַנס באַזונדערע שטאַרקייט, ניט געהאַלטן פון זיין גבורה. בעת אַלע דאָרטן זיינען שוואַכע באַשעפענישן, גייען אין שמאַטעס, דרייט ער זיך אַרום אין לייטישע הויזן, נאָשט זיסע גאַיאַבאַדאַ (בראַזילישע פּרוכט) פון די קעשענעס און פאַרשטייט אפילו ניט, אַז דאָס רייצט דעם הונגעריקן עולם. די באַרוועסע ווייבער דאָרטן, אין צעריסענע קליידער, ווילד צעפּאַטלטע האָר, האַלב נאַקעטע בריסט, האָבן זיך געשראָקן פאַר זשואַנס ברייטע פּלייצעס, פאַר זיינע שטאַרקע הענט און געדיכט-באַוואַקסענער ברוסט.

אין די אויסגעשטערנטע נעכט שטעקן אַרויס באָרוועסע פּאַוועלאַ-ווייבער זייערע מגושמדיקע קעפּ פון די בערג-טיפענישן און קוקן מיט ווילדע בליקן אויף די הונדערטער פייערלעך, וואָס בלישטשען אַרויס פון די אויסגעשפּרייטע הויכענישן, ווו איטלעך פינקלדיק ליכטל באַדייט א ליימיק אָדער הילצערן שטי־בעלע. אין יעדער שוואַרצער עפּענונג — א שטרויען געלעגער. אין יעדן אויס־געהוילטן גריבל — נאַקעטע נפשות, צו וועלכע די היציקע ווייבער לויפן, סודן זיך און ליבן זיך. בלויז זשואַנס שטיבעלע איז אויסגעמיטן. זיי האָבן ניט באַנומען אַז זיין אַנדערשקייט ליגט אין זיין כח; זיין שכל אָבער, זיין לעבנס-באַנעם איז פּונקט ווי זייערער. ער איז געקומען אויף דער וועלט פון די זעלביקע אַרומבלאָנדז־שעדיקע ליבענישן. ער האָט זיך געפילט, ווי א כשר קינד פון דער אָרעמער פּאַוועלאַ, געבענקט נאָך דער וואַרעמקייט פון יענע ווייבער, ניט געוואָלט זיך אָפּרייסן פון זייער שטאַם. אָבער פאַר זיי האָט ער אויסגעקוקט אַנדערש.

אין זיינע קינדער־יאָרן פּלעגט זשואַן נישטערן אין די צוזאַמענגעשאַרטע קו־פּעם מיסט, געקליבן אין זיין טאָרבע געפּליישטע ביינער, פאַרפוילטע ציבעלעס, קאַרטאָפּליעס, — און ביינאַכט, פּונקט ווי אַלע, גערויכערט און געווענדזלט די מאכלים, וועלכע האָבן מיט זייערע ריחות פאַרטשאַדעט די בערג ביז צו דער שטאָט.

זשואַן האָט זיך געכאַוועט גלייך מיט אַלע. געגאַנגען אין שמאַטעס, געריסן זיך איבער אביסל שווארצע פאַסאָליעס און צוזאַמען מיט אלע גֿעוויינט און גע־קלאָגט, ווען די בראַזיליאַנער רעגירונג האָט באַשלאָסן צו וואַרפן אין ים אַריין אַ פּאָר פאַוועלאַ־בערג, כדי לעבן די זאַמדיקע ברעגעס צו פאַרברייטערן די שמאָלע וועגן. און ווען עלעקטרישע מאַשינען האָבן צעלעכערט, צעגראָבן דעם באַרג, האָט זשואַן מיט הונדערטער נאַקעטע נפשות זיך געזאַרגעט אויף דער איינגענעם־טיקטער ערד ווי א געשלאָגענער הונט. מיט ציין און נעגל האָט ער זיך געקלאַ־מערט אין דעם ביסל צעפּוילטער ווירטשאַפט, מיט בעטנדיקע אויגן צוגעקוקט, ווי די שאַרפע מעסערס שניידן זיך אַריין אינם לאַך, וואָס איז געווען זיין פענצטערל און ער איז גרייט געווען אריינצושפּרינגען צווישן די שניידיקע מעסערס, מיטגיין מיטן באַרג אין ים אַריין, ווייל דער פאַוועלאַ־מענטש, דער באַרג און דאָס שטיבעלע זיינען דאָך איין זאַך. דערפאַר, ווען ס'איז געקומען דאָס „גרויסע געשאַנק" — אַ פּאָר נייע בערג פאַר די היימלאָזע פאַוועלאַ־תושבים — האָט דער קליינער זשואַן, צוזאַמען מיט אַלע, גענומען מאַרשירן מיטן ביסל האָב און גוטס אויפן קאָפּ צו די נייע הויכקייטן. אין געציילטע שעהן, האָט מען אויפגעשטעלט נייע היימען, און דאָס טעגלעכע לעבן איז זיך ווייטער געגאַנגען זיין שטענדיקן גאַנג.

ווען זשואַן איז עלטער געוואָרן און האָט דערפילט אין זיין ברייט צעוואַקסע־נעם גוף אַ זעלטענע גבורה, האָט ער ניט געוווּסט וואָס צו טון מיט דעם. פון ספּאָרטשולן האָט ער ניט געהערט, אַטלעטן־קאַמפן ניט געזען, — איז געבליבן דער טעגלעכער מאַרק מיט די הונדערט טרעגער, פאַר וועמען ער האָט געוויזן זיין כח.

אַן אויטאָ האָט זיך פאַרעקשנט, האָט זשואַן אים געריקט פון אָרט, אַ שיפל ביים ים האָט זיך איבערגעקערט, האָט זשואַן עס אַרויסגעשלעפּט מיט איין צי; אַ שטורעם־ווינט האָט אויסגעקרימט די טעלעגראַפן־בעכערס, איז זשואַן אַרויף גיך ווי א וועווערקע און זיי אויסגעגלייכט. ניט געווען קיין צו שווערע משא פאַר זיינע שטאַרקע הענט. אַזוי אַרום האָט ער זיך באַקענט מיט דער צורה פון א מטבע. אַנגעטון לייטישע הויזן, אַ מענטשלעך רעקל, אָבער ווייטער געבליבן דאָס זעלבע קינד, מיטן זעלבן שכל און טראָפּישן בלוט פון דער אָרעמער פאַוועלאַ.

נאָר די נאַקעטע ווייבער דאָרטן האָט ער אויסגעקוקט פרעמד און דאַריבער האָבן זיי ניט געוואָלט — אָדער מורא געהאַט — צו טון זיין רצון...

אין די אויסגעשטערנטע לבנה-נעכט, ווען די פּאַוועלאַ-בערג קוקן אויס אַזוי בלוי, ווי מיט אַ פרישער פאַרב געמאָלן, די געהויקערטע שטיבעלעך, ווי שטיקער ראַקאָקאָ אויף אַלטן זילבער, שוועבן דורך טונקעלע עפענונגען האַלב נאַקעטע גופים, יאָגן זיך צו אַ גרויסן, ווייטן פּלאַס, וואָס די פּאַוועלאַ-מענטשן צינדן אין די ווייסע נעכט איבער דער בערגיקער געגנט, וואָס קוקט אויס פון דער ווייטנס ווי אַ פלאַקערנדיקער מזבח צו וועלכן אַ נאַקעטער עולם ציט, ווער מיט אַ הילצערן פייפל, ווער מיט אַ מויל-פידעלע, מיט צינערנע טעלערס, אָדער בלעכענע פּושקעס. זיי שפּילן אויס אויף די דאָזיקע אינסטרומענטן אַזעלכע ווילדע ניגונים, וואָס נאָר די פּאַוועלאַ קאָן באַשאַפן און נאָר אירע איינוווינער זיינען זי מסוגל צו פאַרשטיין. פאַרשיכורטע פון געזאַנג, מוזיק און עקסטאַז, טאַנצן זיי אַרום צעפלאַקערטן פייער, ליבן זיך אונטערן פרייען הימל... בלויז דעם גיבור זשואַן לאָזט מען זעלטן ווען אַריין אין רעדל... ס'רוב שטייט ער פון דער ווייטנס, אַ פאַרחלומטער, אַ פאַרבענקטער, קוקט אויף די רויטע צונגען פון הודזשענדיקן פייער, באַטראַכט זיך פאַר זינדיק און פאַרשאָלטן.

ווען בראַזיל איז אַריין אין קריג און גענומען זוכן צווישן אירע ווילדע געגנטן די ברוינע, שטאַרקע יונגען, איז זשואַן געווען איינער צווישן די געציילטע פּאַוועלאַ-לייט, וואָס זיין מוסקולירטער קערפּער איז גלייך אָנגענומען געוואָרן. פון אים האָט געשמעקט מיט ליים, שטויב און ריח פון פוילעכץ, האָט מען אים באַלד געגעבן אַ גוטן „דוש", אַ זעלנערישן מונדיר און אַ ביקס אין האַנט. — איז פון אים באַלד געוואָרן אַ ליכטיקער סאָלדאַט, מיט ראָזע באַקן, גלאַנציקע אויגן און צום ערשטן מאָל אין זיין לעבן האָט ער פאַרלאָזט די פּאַוועלאַ-בערג. מיט געזונטע שטאַרקע טריט האָט ער אָראָפּגעשפּרייזט פון די הויכענישן און אַ מאָדנע ענגשאַפט האָט ער דערפילט אין האַלדז.

זשואַן האָט דערזען פאַר זיך אַ נייע וועלט. טרערן האָבן געקאַפּעט פון זיינע אויגן: לויפן! שיסן! פאַלן! אויפשטיין!...

ער דאַרף ניט מער שטיין פון דער ווייטנס, קוקן ווי אַנדערע אַמוזירן זיך. דאָ איז ער אַ גלייכער מיט גלייכע. אָבער לאַנג איז אים דאָס דאָזיקע „גוטס" ניט באַשערט געווען... ס'איז געווען פאַרטאָג, דורך טיפע אָקאָפּעס האָט ער געקוקט מיט איין אייגל, ערגעץ ווייט, גאָר ווייט, געזען ווי דער טונקעלער הימל האָט זיך גענומען הויבן ווי אַ פאָרהאַנג און אונטערן פאָרהאַנג איז געוואָרן העלער, קלערער, דורכזעעוודיקער... און ווען די טונקעלע בלויקייט האָט גענומען ווערן

ראָז, האָבן פּלוצים הילכיקע קנאַלן פּאַרטויבט זיין געהער. ס'איז אים געוואָרן שטאַרק קאַלט און באַלד גאָר ווארעם. און אין דער דאַזיקער ווארעמקייט האָט ער זיך ווידער דערזען אויף די נאַקעטע פּאַוועלע-בערג. נאָר אויפן אָרט פון די שטיבע-לעך — שטראַלנדיקע נאָדלען וואָס שטעכן אים אין לייב, בויערן זיינע שטאַרקע פיס. אויך א פייער פלאַקערט, נאָר מ'טאַנצט ניט ארום אים, מען וואַרפט זיך גאָר אריין אין זיינע פלאַמען און אים, זשואַנען, לאָזט מען שוין צו. נאַקעטע ווייבער יאָגן אים ניט אוועק. אדרבה זיי טוליען זיך צו זיין הייסן גוף, גלעטן און קושן אים... אָבער ער קאָן זיך קיין ריר ניט געבן... ווי געליימט...

* *

*

מיר דריי חדשים שפּעטער האָט מען זשואַנען צוריק געבראַכט אין א שווארץ וועגעלע, אויף דריי גומענע רעדלעך, א מעשן הענטל ביי דער זייט, און ער אליין — האַלב געזעסן, האַלב געלעגן... האָט מער קיין לאַנגע הויזן ניט באַדאַרפט. דער אויבערשטער קערפּער-טייל פארדעקט. אינם שווארצן וועגעלע איז אלץ צו דער האַנט: א וואַטענע קישעלע, א גרויע סאָלדאַטסקע קאָלדרע, א פּאַק אַלטע צייטונגען אויף נאַכטלעגער. א שטיקל דאַך איבערן קאָפּ האָט ער שוין אויך געפונען אונטער א פענצטער פון א גרויסן פארבן-געשעפט, וואָס איז דורך א ברייטן באַלקאָן געשיצט געווארן פון רעגנס און ווינטן. אז מ'האָט אין אָוונט די טירן צוגעשלאָסן, האָט דער יונגער קאַליקע זשואַן דאָרטן אַנטדעקט א פּאַלאַץ ממש. אויך דער באַלעבאָס פון געשעפט איז צופרידן געווען צו האָבן א בחינמ-דיקן שומר און אַזוי האָט זיך זשואַן איינגעאָרדנט: בייטאָג ארומגעפארן אינם שווארצן וועגעלע מיט לאָטעריע-צעטעלעך אין איין האַנט, די מעשענע קאָרבע אין דער צווייטער, און ס'מויל האָט געמסחרט: פינף מיליאָן!... יעדן פארבייגייער אריינגעקוקט אין די אויגן. פינף מיליאָן! פינף מיליאָן!...

אין די אָוונטן, ווען דאָס ברייטע אויסשטעל-פענצטער מיט די צוויי גרויסע טירן האָט זיך פארשלאָסן, איז דאָרט באַלד אויסגעוואַקסן דאָס שווארצע וועגעלע. זשואַן האָט גענומען ארויסווארפן די אלטע צייטונגען, די סאָלדאַטסקע קאָלדרע, דאָס וואַטענע קישעלע און צו לעצט אליין זיך אַנגעשפּאַרט אויף צוויי ווייכע קוליעס און געגעבן א וואָרף ארויס דאָס ביסל ביינערדיקע איבערבליי-בעכץ פון זיין אמאָליק-אטלעטישן גוף. ער האָט אויסגעשפּרייט די קאָלדרע אויפן טראָטואַר, זיך צוגעדעקט ביז זיין גאָמבע, געלעגן נאַזדניק, געציילט די שטערן, איינס, צוויי, דריי... נאָר איידער ער האָט אָפּגעציילט ביז צוואַנציק, האָבן זיך אלע שטערן מיט איינמאָל אויסגעלאָשן. ער איז אויפגעשטאַנען קאַיאָר, צוריק אריינגעווארפן דאָס פּאַפּירענע געלעגער אין שווארצן וועגעלע, א

הויב געטון ס׳שטיקל ברודיקע גוף אויף די אויסגערוטע קוליעס — און אַט איז ער שוין צוריק אין זיין בייטאָגיקער היים. קיינמאָל אויף קיינעם ניט אין כעס געוואָרן, ניט געהאַט קיין טענות צו קיינעם, בלויז זיין שלעכטן מזל צו ווייבער ניט געקאָנט פאַרגעסן. און אפילו איצטער, שוין זייענדיק א וויסטע קאַליקע נאָך אַלץ ניט געקאָנט מוחל זיין פאר זיינע באַליידיקטע מענער-געפילן. דעריבער איז פאר זשואַנען געווען א גרויסע איבעראַשונג דאָס נאָכקריכן אים פון דער האַלב-בלינדער מאַריא.

מאַריא, וואָס איז מיט אַ צייט צוריק נאָך געווען א געזונטע, שיינע דינסט-מויד, מיט דיקע הענט און הויכן בוזעם, האָט זיך, אין א פאַרנאַכט, שטאַרק געיאָגט צו באַגעגענען איר שוואַרצן „נאַמאָראַדאָ״ און פונקט אין דער מינוט האָט זיך אויך שטאַרק געיאָגט א יונגער בחור אין זיין לוקסוס-אויטאָ. איז טאַקע דער בחור אָנגעקומען צו דער צייט, נאָר מאַריא איז שוין קיינמאָל צו איר געליבטן ניט דערלאָפן. ס׳האָט איר נאָך געקאָסט א האַלבער אָרעם וואָס מ׳האָט געמוזט אָפּשניידן און איין אויג, וואָס איז פון שווערן קלאַפּ אויס-געראָנען. קיין דינסט האָט זי אויך ניט געקאָנט מער זיין. איז זי תמיד געשטאַנען אויפן ראָג פון „אַטלאַנטיקא״, אָנגעבלויזט דעם האַלבן אָרעם, געפינטלט מיט איר געזונט אויג און די האַנט איז געווען אויסגעשטרעקט צום רחמנות פון גוטהאַר-ציקע פאַרבייגייער.

אַז מאַריאס איינציק אויג האָט זיך אַמאָל פאַרהאַלטן אויף זשואַנס וועגעלע, האָט דער לאָטעריע-סוחר גלייך דערפילט עפּעס א וואַרעמען גלעט אויף זיין פּלייצע, אויסגעדרייט זיין צעפּאַטלטן קאָפּ און דריי אויגן האָבן זיך טיף אָנגע-קוקט. א רגע האָט זיך זשואַן געיישובט — אָפּשטעלן? פאָרן? לסוף גענומען דרייען דאָס מעשענע הענטל נאָך שנעלער, נאָך שטאַרקער. אָבער מאַריאס וואַרעמער בליק איז נאָך גיכער געלאָפן פון זיין וועגעלע. ס׳האָט אים שוין נאָכאַנאַנד נאָכגעיאָגט...

אויפן צווייטן טאָג איז אים מאַריא שוין נאָכגעגאַנגען, שטום געקוקט אין זיינע אומעטיקע אויגן. א שטיל געבעט איז געווען אויסגעגאָסן אויף איר פריי-פאַרוועלקטן פנים. און ווען זשואַן האָט באַמערקט אין איר איינציק איינגע-שרומפּטן אייגל א גרויסע פערלדיקע טרער, איז זיין פאַרשטיינערט האַרץ ווייכער געוואָרן, אויף זיין ברויך-צעקנייטשט פנים האָט זיך באַוויזן א שמייכל און באַלד האָט ער איר שטום אָנגעטייט אויף זיין „עשירות״ אינם וועגעלע. ס׳האָט געהייסן: דאָס איז אַלץ וואָס איך קאָן מיט דיר טיילן. געפעלט דיר — קום״.

בלויז אין די נעכט האָט זי געמוזט וואַרטן ביז די אַרומיקע געסלעך שטילן זיך איין, ביז די באַלייכטונג אינם שויפענצטער ווערט פאַרלאָשן, ערשט דאַמאָלט

האָט מאַריאַ שטיל ווי א שאָטן, זיך אַראָפּגעלאָזט אויף זשואַנס פּאַפּירענעם געלעגער.

אין די פרימאָרגנס רוקט זיך דאָס שוואַרצע וועגעלע רואיק און געלאַסן. זשואַן אינעווייניק, מאַריאַ ביי דער זייט. אין ביידנס הענט — לאָטעריע צעטלען אויסגעלייגטע ווי קאָרטן. זשואַן רופט: — פינף מיליאָן! פינף מיליאָן! מאַריאַ העלפט אונטער — א זיכערער געווינס! א זיכערער געווינס...

פאַרהאַלט זיך צופעליק דער באַלעבאָס פון זייער נאַכטווינונג.

— א זיכערער געווינס? — פרעגט ער שפּאַסיק. — שרייבסט מיר אונטער? זשואַן כאַפּט אים ביים אָרבל, טוט א שמייכל:

— כ׳שרייב אונטער.

דער באַלעבאָס פון פאַרבן־געשעפט האָט א וואָרף געטון אינס וועגעלע אַריין דעם באַטרעף פון א לאָטעריע־צעטל און איז אַוועק מיט א געלעכטער.

— אויב כ׳וועל געווינען די פינף מיליאָן, קריגסטו ביי מיר א הונדערטער.

צו מאָרגנס איז זשואַן מיט מאַריאַן אויפגעשטאַנען פאַרטאָג, אויפגערוימט דאָס געלעגער, איבערגעכאַפּט א פּאָר באַנאַנעס פון דער גרויער טאָרבע און ווען די טראָפּישע זון האָט גענומען אויפגיין איבערן אַטלאַנטיק האָט זשואַן שוין געדרייט דאָס מעשענע הענטל און מאַריאַ האָט שוין צו וויסן געטון די ערשטע פאַרבייגייער: היינט איז די ציונג פינף מיליאָן!

מיטאָג־שעהן. די ברייטע ווענט זיינען באַקלעפּט מיט שמאָלע פּלאַקאַטן... מענטשן שטייען מיט פאַריסענע קעפּ, קלאַפּנדיקע הערצער, פינטלען מיט די אויגן, זוכן. די זון באַלייכט שאַרפער די הונדערטער ציפערן. מענטשלעכע פּנימער קרימען זיך, ציטערן.

עס דערהערט זיך דאָס גרילצן פון זשואַנס פאַרזשאַווערט וועגעלע. ער שטופּט זיך אַריין אין דער נייגעריקער מאַסע, גראָבט איין זיינע אויגן אינם רויטן נומער, וואָס ווייזט דאָס גרויסע געווינס. אַן אויגנבליק... מער געפילט ווי געזען און פאַר זיינע משונהדיק אויפגעפּראַלטע אויגן דערשרעקט מען זיך. מאַריאַ כאַפּט אים אָן פאַר זיין צעוויגטער האַנט:

— זשואַן! זשואַנעלע! וואָס איז געשען? זשואַנעלע?

זשואַן האָט ניט געהערט. א צעטומלטער האָט ער געדרייט דאָס מעשענע הענטל. גיך, גיכער. ערשט ביי דער טיר פון פאַרבן־געשעפט האָט זשואַן אָפּגעכאַפּט דעם אָטעם און מיט אלע כוחות אַריינגעשריגן:

— א הונדערטער! אהער מיין הונדערטער!

באַלד זיינען אויסגעוואַקסן רעפּאָרטערן, זשורנאַליסטן, פאָטאָגראַפן און אין אַ וונט האָבן אַלע צייטונגען געוויזן די בילדער פון פאַרבן־געשעפט, פון גליקלעכן געווינער און פון עפּעס א שווארץ וועגעלע מיט א קאַליקע אינעווייניק.

* *

*

צוויי וואָכן שפּעטער.

פאַרטאָג. דער פרימאָרגן־הימל פאַרוואָלקנט. דער אויסגעשפּרייטער ים, גלייך א ווינטל וואָלט זיך פאַרגנבעט אונטער זיין גרינלעכן טישטעך, קנייטשט זיך און שורשעט. נאָר פון דער טיפעניש קומט אַן אן אומהיימלעך זשומען, רוישן און קאָכן — א שטורם.

זשואַן און מאריא האָבן שוין אויפגערוימט זייער געלעגער. זיי קייען מיט די אויסגעשטערבעטע ציין פרישע ברויטלעך.

— כאַ־כאַ־כאַ — לאַכט זשואַן און ווישט צופרידן דעם שטערן. — עס, מאַמעלע, זשאַלעווע ניט — גלעט ער מאריאַן מיט זיין ניט אויסגעלאָדענער צערטלעכקייט. — עס, עס, פאַראַן נאָך גענוג פונעם געווונענעם הונדערטער...

א שווערער לאַסטוואָגן פול מיט בוי־מאַשינען האָט מיט גערויש זיך פּלו־צים אָפּגעשטעלט פונקט לעבן זייער נעסט. א פייכטער ווינט האָט א יאָג געטון פון צעשטורעמטן ים. פון א זייטיק געסל האָט זיך שטיל ארויסגעגליטשט א בלוי־ער קאַדילאַק. דער ווינט האָט א הויב געטון די פּאָלעס פונעם אויסשטייגנדיקן באַלעבאָס. א ליכטיק שמייכעלע האָט געגאָלדיקט אויף זיין בלאַנד פּנים.

— באָן דיא זשואַן, באָן דיא מאריאַ, — באַגריסט ער פריילעך דאָס גליק־לעכע פּאָרל.

— וואָס עפּעס אזוי פרי? — פרעגט זשואַן פאַרחידושט און הויבט זיך אויף אויף די קוליעס איינצושטייגן אין וועגעלע.

— מ׳גייט צעלייגן מיין פאַרבן געשעפט — האָט דער פרישער מיליאָנער געענטפערט און אַוועקגעקוקט אַביסל אין אַ זייט... ער האָט נישט געוואַגט זיך צו באַגעגענען מיט זשואַנס צעטומלטע אויגן... יאָ, אַראָפּוואַרפן דעם בוטעקין (קרעטשמע) און אויפשטעלן אַן עדיפיסיאָ אין איר וועט מוזן — האָט ער צוגע־געבן מיט א שטימע וואָס איז געקומען ווי פון א פאַרמאַכטן פאַס — זוכן אַן אַנדער געלעגער...

דאָס שווארצע וועגעלע האָט א גרילץ געטון. זשואַן האָט דערפילט די זעלביקע דריקעניש ווי אמאָל בעת מ׳האָט גענומען דרילווען זיין פאַרמשפּטן

בארג. מאריאס איינציק אויג איז נעפּלדיק פארלאָפן מיט אַזאַ פינצטערניש, גלייך ס׳וואָלט געקומען אויף איר א פלוצימדיקע בלינדקייט.

זשואן איז דער ערשטער געקומען צו זיך, א ברייטן שפּיי געטון אויף זיין אויסגעוואָרעמטער נחלה און גענומען דרייען די קאָרבע גיך, ווי דעמאָלט בעת ער איז געלאָפן אַנזאָגן די גוטע בשורה פון גרויסן געווינס...

מאַריאַ, מיט דער טאָרבע אין איינציקן הענטל, האָט אים קוים געקאָנט נאָכיאָגן. ערשט נאָענט צו די פאַוועלא-בערג, האָט זשואן, פרייער אָפּגעאָטעמט און גענומען פאָרן פאַמעלעך, און אַז דאָס וועגעלע האָט גענומען אונטערקרע־כצן, זיך הויבנדיק בארג ארויף, האָט די האַלב-בלינדע מאַריאַ, מיט איר צעבראָ־כענעם אָרעם אונטערגעשטופּט: — העפּ, העפּ, נאָך אביסעלע, נאָך א קאַפּיטשקע העפּ, העפּ.

זשואן האָט לייכטער אָפּגעאָטעמט. זיינע טריבע אויגן האָבן ארומגענומען די אַלע גרויע הויכענישן. עס האָט זיך דאָ גאָרניט געביטן. ערשט נעכטן, דוכט זיך, האָט ער אראָפּגעשפּרייזט פון דאַנען מיט זיינע געזונטע פיס. און איצט איז ער צוריק אין דער היים.

★ ★ ★

די פֿאַרקריפּלטע

געווען איז רחל׳ע די מיטלסטע און ביז אין 8-טן לעבנס-יאָר געהייסן — „דאָס שיינע טעקעלע״. טאַטע מאַמע האָבן זיך געשפּיגלט אין איר. די פרומע באָבע האָט איר ס׳רוב אריינגעשאָטן אַביסעלע זאַלץ אינם קליינעם קעשענקעלע — אַ סגולה קעגן עין-הרע...

די עלטסטע שוועסטער, גיטעלע, האָט באַלד נאָכן געבורט פון רחלען געהאַט קנאה-געפילן צום באַחנ׳טן שוועסטערל, וואָס סיי מיט איר שיינקייט און סיי גוטסקייט, האָט אַביסל פאַרמינערט איר חשיבות. ערשט נאָכן געבורט פון דבורה׳לען וואָס איז שוין געווען די מוזינקע אין שטוב, איז איינגעטרעטן האַרמאָניע צווישן אַלע דריי שוועסטערלעך.

אַזוי האָבן זיך לייטיש געכאָוועט דריי ווילע מיידעלעך אין אַ פאַרמעג-לעכער שטוב.

רחל׳ע, מיט איר ליכטיק-ווייס-פּנימל און שוואַרצע, זיידענע הערעלעך, איז תמיד געזעסן לעבן טאַטע׳שים רעכטער זייט. גיטעלע, אַ דאַרע און אַביסל איבערגעוואַקסענע, איז געזעסן לעבן טאַטע׳שים לינקער זייט און די קיילעכדיק-גראָביטשקע מוזינקע, דבורה׳לע איז בכלל ניט איינגעזעסן אויף קיין אָרט.

ווען רחל׳ע איז אַריין אין איר צענטען יאָר, האָט זיך שוין בולט גענומען פאַרמירן איר מיידלשקייט, ווי אויף אַ פרישער בייט וואָס איבער נאַכט האָט דער פרילינגס-רעגן ארויסגערופן די ערשטע קנאָספּן פון יונגער צעבליאונג. ניט איינמאָל האָט איר גליקלעכע מוטער דיסקרעט געגלעט די אויפבליענדיקע גלידער פון רחלעס צאַרטן לייב, וואָס האָט נאָך אויסגעזען, ווי אַ פאַרמאַכטע בלום אין פאַרטאָגיקער דעמערונג. און ניט זעלטן איר געקיבעצט מיט אַ שפּאַסיק פּעטשלען איבער דער פּלייצע:

— „העי, דו כלה-מויד, מעגסט זיך שוין אויפהערן צו שפּילן מיט ליאַלקעס...

אָבער רחל׳ע האָט אליין אויסגעזען ווי אַ געטאָקטע ליאַלקע. מיט איר צאַרטן פּנימל, חן-גריבעלעך און גרויסע שוואַרצע אויגן, מיט לאַנגע וויעס באַזוימטע, ווען דער טאַטעשי האָט איר געהאַלטן אויף זיין וואַרעמען שויס, האָט עס אויסגעקוקט גענוי, ווי ער וואָלט זיך געשפּילט מיט אַ קינסטלעך פּופּעלע...

און אין דער גליקלעכער שטוב איז תמיד געווען לוסטיק, לעבעדיק, און פריילעך. די זון האָט דאָרט תמיד געשטראַלט דורך אַלע טירן־פענסטער. אַ מזל׳דיקע פאַמיליע אויף גאַנץ שיינע וועלטל... ביז...

געווען איז דאָס אין אַ זומערדיקן פרייטיק פאַרנאַכט. אין דער נגידישער שטוב האָבן די פריש געקאָכטע קאַרפּן פאַרשמעקט מיט זייער געפּעפּערט־זיסן־טעם דעם גאַנצן הויף. דער ראַשלעכער קידוש־ווייַן, האָט שוין געבלאַנקט אין דער קרישטאָלענער קאַראַפינקע. די ברוינע קוילעטשן שוין איבערגעדעקט אויפן ווייסן טישטוך. און דאָס פעטע טשאָלנט האָט שוין פריילעך געקלעקטשעט אינעם פאַרמאַכטן אויוון.

גיטעלע מיט דבורה׳לען האָבן שוין אָרומשפּאַצירט אין זייערע שבת־דיקע קליידעלעך אויף די פאַרנאַכטיקע טראָטואַרן. בלויז מיט רחלען האָט זיך די מוטער עפּעס לענגער ווי תמיד געפּאָרעט אין באָד־צימער... און היינט, עפּעס מער ווי שטענדיק, זי געגלעט, באַטאַפּט, געוואַשן אַלע קינדערעשע אברים און — עפּעס אויף איין אָרט, אונטער דער רעכטער לאָפּעטקע, זענען דער מאַמעס פינגער נישט אַדורך אינגאַנצן גלאַטיק... עפּעס אַ פאַרדעכטיק בערגעלע ווי אַן אָנוווּקס אויף אַ גלאַטיקן אַספאַלט, האָט זיך קרום געבערגלט אויף רחל׳עס געטאָקטער פלייצע... אָבער די מאַמע איז נאָך ניט אינגאַנצן זיכער געווען, צי דאַכט זיך איר בלויז אָדער — ווייל רחל׳ע זיצט נישט איין אויף קיין אָרט, וואָרפט זיך און דרייט זיך — אָבער — „ניין, זי וויל עס אפילו נישט טראַכטן — בחינם די גאַנצע שרעק, זי זעט דאָך, אַז רחל׳עס ווייסע צאַרטע פלייצעס זענען אַזוי גלאַטיק, ווי געפּוצטער סאַמעט... אָבער אין דער מאַמעס געטרייע פינגער האָט דער אומרו שוין געציטערט און דאָס מאַמע־האַרץ האָט מורא׳דיק געפּלאָ־טערט און איר צערודערטער קאָפּ האָט אפילו פאַרגעסן, אַז מען דאַרף שוין באַלד ליכט צינדן... מיט אירע ציטערדיקע הענט האָט זי ווידער אַ גלעט געטאָן איבער רחלעס פלייצע און וויטער אַ טאַפּ געטאָן איר לינקן אָרעם, אַדורכגעפּאָרן איבערן פאַרדעכטיקן בערגעלע מיט די פינגער, ביז זי האָט לסוף אַ רוף געטאָן מיט אַן איבערגעשראָקן קול:

— לייביש׳ל! קום נאָר אַריין, לייביש׳ל!...

די קליינע רחלע האָט זיך פאַרשעמט פאַרן טאַטע, און אַ פאַרדעק געטאָן מיט אירע הענטעלעך דאָס נאַקעטע לייב... ניט געאַנט די שרעק אין דער מאַמעס אויגן, ניט באַגריפן פאַר וואָס דער טאַטע באַטאַפּט אַזוי שטאַרק איר נאַקעטע פלייצע...

— וואָס זוכט ער דאָרטן, דער טאַטע? פאַרוואָס שווייגט אַזוי פאַרדעכטיק די מאַמע? און וואָס האָט מען זיך בכלל אָנגעזעצט אויף איר לעבן היינט?

אַלע קינדערלעך טאַנצן שוין אויפן הויף, זייערע פריילעכע געלעכטערן גרייכן שוין לאַנג צו אירע אויערן, נאָר זי אַליין ליגט נאָך אַלץ אינעם וואַנעלע, איר ראָזע קליידעלע הענגט שוין לאַנג גרייט אויפן שטעקעלע, אָבער טאַטע-מאַמע לאָזן זי היינט נישט אַרויס פון זייערע הענט: נאָר מ'זוכט, נאָר מ'טאַפּט און מ'סודעט זיך...

— וואָס האָבן זיי צו איר? וואָס האָט מען זיך אָנגעזעצט אויף איר לעבן?...

— ניין! — האָט רחלע לסוף זיך הילכיק צעשריגן — כ'וויל נישט מער בלייבן אין וואַנעלע! לאָזט מיך אַרויס פון דער קלעם! כ'וויל מיך אויך שפּילן!... שפּילן!...

אָבער יענעם שבת, האָט זיך שוין רחלע ניט געשפּילט... ביים צינדן די ליכט איז שוין דער מאַמעס שבת'דיקע פּנים געווען פאַרוואָלקנט, ביים דאַווענען האָט שוין דער טאַטע ניט אונטערגעזונגען און די שבת-סעודה האָט מען דאָס מאָל געגעסן אָן זמירות, שטיל און סודות'דיק ווי נאָך אַ לויה...

דער אַרויסגערופענער דאָקטאָר האָט באַלד געמאַכט אַן ערנסטע מינע, געפּרוווט נאָך געבן האָפענונגען, עצות, נאָר לסוף געמוזט מודה זיין, אַז וועדליק דעם אָנגעהאַרבעטן בערגעלע פאַרמירט זיך ווייזט אויס ביים קינד אַ — הויקער...

* *
*

זינט דעמאָלט איז אין דער נגידיש-פריילעכער שטוב געוואָרן — טרויעריק — שטיל און טרויעריק... רחל'עס ליכטיקע קערפּערל איז קודם איינגעפּרעסט געוואָרן אין שווערן גיפּס און אַז ס'האָט נישט געהאָלפן, האָט מען איר געפּרענ-געט אין גאָרסעטן, אין גומענע בענדער, אָבער, דאָקטוירים זענען געבליבן ביים צוזאָגן און רחלע — ביים אָנוווקס.... און וואָס מער איר דעפאָרמירטע פּלייצע איז געוואַקסן, אַלץ מער האָט איר קינדעריש גופל זיך איינגעשרומפּן. ביז איר פיזישע אַנטוויקלונג איז לחלוטין אָפּגעשטעלט געוואָרן, געבליבן אינמיטן — נישט אַהין, נישט אַהער — רחלס קערפּערל איז מער נישט געוואַקסן... דערפאַר איז אָבער איר גייסטיקע אַנטוויקלונג געוואַקסן מיט אַ ריזיקער שנעלקייט... ווי איבער נאַכט, איז פון דער פאַרקריפּלטער רחלען געוואָרן אַן אַלטער קאָפּ... אַ זקנה ממש... וואָס האָט זעלטן ווען אַ לאַך געטאָן און טאָמער האָט זי יאָ אַמאָל געשמייכלט, האָט פון איר שיין פּנימל אַרויסגעוואָלקנט איר גרויס אומגליק... צוזאַמען דערמיט האָט זיך אויך באַוויזן צו רחלען אַזאַ פאַרביטערונג, וואָס האָט געמאַכט וואַקסן אין איר באַעולה'טן גוף אַ העכערע נשמה... אַ געלייטערטן גייסט...

אין אָנהויב האָבן אַלע אין שטוב מיטגעליטן מיט רחל׳עס פאַרשעמונג, איר מער געצערטלט, געגלעט און געקושט... אָבער מיט דער צייט האָבן זיך אַלע צוגעוווינט צו רחלעס געהאָרבעטער פלייצע... אַפילו טאַטע מאַמע האָבן זיך גענומען טרייסטן מיט דער געראָטנקייט פון די אַנדערע קינדער... אַנדערש איז אָבער געווען מיט רחלען גופא; ניט געווען מיט וואָס צו מאַכן פשרות, צו שליסן אַ שלום... באַזונדערס ווען זי איז אַריינגעקומען אין יענעם עלטער, ווען אַלע אירע געזונטע אברים האָבן זיך ניט געוואָלט צופאַסן צו דער פאַרגליווערונג פון אַן אויסגעלענקטן ביין, וואָס אויף דער לינקער זייט פלייצע... אירע אַנדערע גלידער זענען דאָך אין בעסטער אָרדענונג, געזונטע, און דאָס געזונטע — וויל לעבן... באַזונדערס ווען אין שטוב זענען נאָך פאַראַן צוויי אַנדערע, אונטער־וואַקסנדיקע מיידלעך, וואָס ווערן מיט יעדן טאָג העכער און שענער... וואָס רייפער זייערע יונגע קערפערס זענען געוואָרן, אַלץ קלענער און איינגעשרומפענער האָט גענומען אויסקוקן רחלעס פאַרקריפּלטער גוף... אין שטוב האָבן גענומען אַריינקומען יונגע בחורים... מיידלעך... עס איז צוריק געוואָרן פריילעך, און לעבעדיק... אויך רחלע האָט געפרוווט אַנטייל צו נעמען אין זייערע יוגנט־שפילן, געזאַנגען און טענץ... אָבער ס׳האָט זיך איר באַלד געדאַכט, אַז אירע שוועסטערן שעמען זיך מיט איר, קוקן מיט בעטנדיקע אויגן צו איר אין ווינקל אַריין... זי האָט זיך אויסגעלערנט פאַרשטיין זייערע בעטנדיקע בליקן און ס׳רוב, ניט געלאָזט זיי לאַנג פייניקן... סיי ווי איז בעסער געווען צו בלייבן מיט זיך אַליין, מיט אירע אייגענע געדאַנקען... דאָרטן אין איר איינזאַמן צימערל האָט זי צו זיך אַריינגענומען די גאַנצע וועלט און געפירט מיט איר אויסטערלישע וכוחים, וואָס נאָר אירע שטומע ווענט האָבן דערפון געוווסט...

גערעגט דורך נייגער פון איר יונגן לייב, געטריבן דורך מאָראַלישע יסורים פון איר באַליידיקטן גוף, פלעגט רחלע זיך אָפט פאַרגנבענען צו אַ שפעלטעלע פון דער טיר און לאַנג זיך איינקוקן צום פלירט צווישן די בחורים מיט די מיידלעך... יעדער וואַרעמער בליק, יעדער צאַרטער גלעט, וואָס זי האָט אויפגעכאַפט, האָט רחלע אַזוי אינטים מיטגעלעבט, גלייך זי וואָלט עס געפילט אויף אייגענער הויט... דאָס פאַרוואָלקנטע פנים אירס פלעגט אויף אַ וויילע אויפשיינען. אין אירע פאַרטרויערטע אויגן האָבן זיך געצונדן פייערלעך... אָבער לאַנג האָט דאָס דאָזיקע געפיל ניט אָנגעהאַלטן, די ווירקלעכקייט האָט איר גיך אויפגעוועקט פון די חלומות... און נאָך אַזעלכע פאַרבאָרגענע גלוסטעניש, פלעגט זי זיך שפעטער אַ וואָרף טאָן אויף איר מיידלשן געלעגער און דאָרטן שוין צום טויזנטסטן מאָל אַריינכליפען איר אייביקע פאַרשעמונג...

דערווייל האָט די עלטסטע שוועסטער גיטעלע, זיך פאַרליבט, חתונה געהאַט, געוואָרן אַ מאַמע און פטור.

איצטער האָלט עס בײַ איר, רחלען... אָבער, די בחורים האָבן זיך גאָר גענו־מען שדכ׳נען צו דבורה׳לען... און אין איר האָט מען אײַנגעגאַנצן װי פאַרגעסן... גלײַך זי װאָלט גאָר בכלל אויף דער װעלט ניט געװען... און ניט בלויז די בחורים, נאָר עס דאַכט זיך איר, אַז אַפילו די שװעסטער — דער טאַטע מיט די מאַמען — געדענקען גאָר ניט אַז נאָך אַן עלטער מײדל דרייט זיך אַרום אין שטוב?...

בײַ רחלען איז איר װײס־קײלעכדיק פּנים געבליבן מיט אַלע זיבן חנ׳ען. אין אירע גרויסע מאַנדל־אויגן — דער גלי פון עפּעס אַ יענע װעלטיקן חלום... אירע געדיכטע שװאַרצע האָר, האָט זי בכיון ניט געשוירן, נאָר געלאָזט אַריבער־װאַקסן איבער דער לענג פון איר ניט ענטװיקלטן גוף... און װען זי האָט אירע האָר פונאַנדערגעלאָזט אין געדיכטע כװאַליעס, האָבן זײ אײַנגעגאַנצן פאַרדעקט איר פאַרקריפּלטע פּלײצע... אין אַזעלכע פּאָזעס, פלעגט רחלע לאַנג בלײַבן בײַם שפּיגל — קוקן... קוקן — אַלץ אין איר איז שײן... טײלמאָל — אַפילו צױבערנדיק שײן — װען נישט דאָס שטיקל פּלײצע אונטער די כװאַליעס האָר...

און אָט האָט זיך צו דבורהלען גענומען שדכ׳נען אַ לײַטישער בחור, מיט אַ פּאָר טיפע קלוגע אויגן, אַריסטאָקראַטיש פּנים און זײער אײדעלע מאַניערן. דער דאָזיקער בחור האָט אויפגעשטורעמט אין רחלען אירע אינטימסטע פאַרלאַנגען...

איצטער האלט עס דאָך בײַ איר? נאָר צוליב דער פאַרקריפּלונג איז איר זיװוג איבערגעגאַנגען צו דער ייִנגערער שװעסטער — אַזוי האָט רחלע געטראַכט:

— יאָ — דער דאָזיקער לײַטישער בחור, איז איר באַשערטער... זי דערקענט עס אַפילו אין זײַן װאַרעמער באַציאונג און ציטערנדיקן האַנט־דרוק...

איר רײַכע פאַנטאַזיע האָט שוין אויסגעחלומט: פאַרדעכטיקע בליקן, זײַטיקע שמײכעלעך, װאַרעמע באַרירונגען פון זײַנע פינגער...

— בקיצור — ליב האָט ער זי, רחלען... און דאַריבער איז נאָך בכלל נישט קלאָר מיט װאָס עס װעט זיך ענדיקן...

רחלע האָט אָנגעהויבן צו פאַרבלײַבן לענגער אין סאַלאָן... זיך אויפגעהערט רעכענען מיט דער אומצופרידנקײט פון אירע עלטערן. מיט די קרומע בליקן פון דבורהלען... זיך אַפילו ניט באַהאַלטן מער אין װינקל אַרײַן, נאָר דוקא געזעסן אין פראָנט. איר קײלעכדיק פּנים האָט געלויכטן מיט צעבליטער יוגנטלעכקײט. אירע גלאַנציקע אויגן — הבדלה׳דיק־צעפינקלט און אירע אַרויסגעזאָגטע געדאַנקען זענען געװען, װי געלײטערט גאָלד... און אַז אירע ברענענדיקע אויגן

האָבן זיך באַגעגנט מיט די וואַרעמע בליקן פון דבורה׳לס חתן, האָט ער תמיד געמוזט אַראָפּלאָזן זיין פאַרשעמט פּנים — וואָס האָט ניט אויסגעהאַלטן איר סודות׳פולן בליאַסק... עס האָט אים אַדורכגעבויערט...

אין רחלעס שלאָפלאָזע נעכט, איז דעם חתנ׳ס פאַרשעמטע פּנים ניט אָפּגעטרעטן פון איר בעט. אַ גאַנצע וועלט מיט שולד-געפילן, האָט איר פיבערנ-דיקע פאַנטאַזיע איר אויסגעמאָלן... זי האָט דעם בחור געזען אַ פאַרשולדיקטן, אַ באַצער׳טן, אַן אומגליקלעכן — פונקט ווי זי — גלייך ער וואָלט אויך געצוווּנגען געוואָרן צו טראָגן איר שווערן גורל, גלייך מיט איר... צוויי פאַרלוירענע, פאַרבלאָנדזשעטע נשמות, וואָס — זי קען אים ניט האָבן, ווייל ער איז געצווּנגען צו זיין דער שוועסטערס חתן... און ער קען זי ניט נעמען, ווייל עפּעס אַ ביין האָט זיך אויסגעלענקט אין איר לינקער פּלייצע... אָבער זי ווייסט עס, זי איז כמעט ווי זיכער, אַז דער דאָזיקער בחור איז איר זיווג...

שפּעטער איז רחלע שוין זיכער געווען, אַז דאָס קומט ער אַזוי יעדער נאַכט, נאָר צוליב איר... אמת טאַקע, אַז ער קושט זיך מיט דבורהלען, ער גלעט און צערטלט דבורה׳לען, אָבער ליב, האָט ער זי, רחלען... תמיד פילט זי ביים געזעגענען, דעם הייסן ברי פון זיינע פינגער, נאָך וועלכן זי פאַרנעמט שפּעטער, גלייך עלעקטרישע שטראָמען וואָלטן זיך געגאָסן איבער איר לייב...

מיט דער גאַנצער סובטעלקייט פון רחלעס צעפיינינקטער נשמה, און מיט דער גאַנצער קלוגשאַפט פון איר אויסגעשמידטן שכל, האָט רחלע באַין אופן ניט געקענט שלום מאַכן מיט דערווירקלעכקייט... און ווי יעדער בלינד-פאַרליבטער, געגומען גלויבן אין אַ פאַלשער האָפענונג, אין אַן אויסגעטרוימטן — אפשר...

צוזאַמען אָבער מיטן באַשטימטן טערמין פון דבורה׳לעס חתונה, האָט איר פאַלש אויפגעבויטער טורעם זיך גענומען וואַקלען... אירע אויסגעחלומ׳טע האָפענונגען האָבן זיך צוביסלעך גענומען לעשן...

צוערשט האָט זיך רחלע אויפגעהערט ווייזן אין גאַסט-צימער. הגם, דאָס איז אויך נאָך אַלץ געווען אַ מין קאָמבינאַציע פון אירע פאַנטאַזיעס, — זי וויל אים נאָך אויספּרוּוון — זען אויב ער וועט רעאַגירן אויף איר באַהאַלטן זיך, אויף איר פאַרשווונדן ווערן... אפשר וועט ער זיך נאָכפרעגן, זי וועלן אויפזוכן — אַנדערש קען דאָך, דאַכט זיך איר, ניט געמאָלט זיין?...

* *

*

ס׳איז דער לעצטער וואָנט פאַר דבורה׳לעס חתונה.

ביי רחלען אין צימער איז דאָס עלעקטרישע ליכט פאַרשטעלט מיט אַ טונקעלן אַבאַזשור. גרינע רעפלעקסן פאַלן אויפן געשליפענעם שפּיגל אין וועלכן אירע ברענענדיקע אויגן קוקן מיט אַזאַ משוגע־פייערל, וואָס דערשרעקט אפילו זי אַליין... ציטערנדיק נערוועאיש מיט איר גאַנצן גוף, האָט רחלע פּלוצים געגומען רייסן די קליידער פון זיך. איבעראַשט פון דער פולקייט און שטראַלנדיקער ווייסקייט פון איר רייפן לייב, האָט זי באַשובכט גענומען באַטראַכטן איר יעדער גליד באַזונדער... און פּלוצים זיך איינגעגעסן מיט די ציין אין איר פאַרקיילעכדיקט־מיידלשער ברוסט און מיט פאַרמאַכטע אויגן אַליין זיך גענומען גלעטן, צערטלען, קושן... און געבלאַנדזשעט מיט אירע פינגער אַזוי שטיל, אַזוי צאַרט און ליידנשאַפטלעך ביז — אַ יאָמערלעכער קרעכץ האָט אַ סוף געמאַכט צו אירע אילוזיעס. איר האַנט האָט בעת גלעטן זיך אָנגעשלאָגן אויף דעם שטיק פאַרקריפּלטן פלייש און — אויס חלום... נאָכן אויפרייסן אירע אויגן, האָט זי ווילד אריינגעשטאָכן אירע שפּיציקע נעגל אין דעם געהאָרבעטן בערגעלע און דאָרטן געשטאָכן... ביז בלוט געשטאָכן... דאַן האָט זי מיט פאַר־צווייפלונג זיך גענומען רייסן די האָר פון קאָפּ, געשלאָגן זיך מיט די פויסטן, ווו נאָר זי האָט געטראָפן און ווי אַ געפּייניקטע חיה, ארויסגעוואָיעט פון זיך דעם אָנגעזאַמלטן פּיין פון איר שוואַרצן גורל...

נאָך דעם האָט זיך רחלע אַביסל באַרויקט און אַז זי איז שוין אינגאַנצן געקומען צו זיך, האָט זי פּלוצים גרויס רחמנות באַקומען אויף איר לעבן און גלייך דאָס וואָלט גאָר ניט געווען זי אַליין, נאָר עפּעס אַ פרעמדע, אומגליקלעך־מיידל, וואָס קוקט איצט צו איר פון שפּיגל אַרויס... און אָט שטעלט זי זיך אויף, דאָס מיידל אין שפּיגל, צעכוואַליעט אירע לאַנגע האָר און פאַרדעקט מיט זיי די געהאָרבעטע פּלייצע... און איצט איז זי דאָך שיין — גאַטעניו, צויבערנדיק שיין... און אַלע אירע אברים זענען דאָך אין בעסטער אָרדענונג... און ווער זאָגט עס, אַז זי מוז טאַקע אַפּקומען צוליב דאָרט אַ זייטיקער „פּלאָג" פון אַן איינציקן אבר?...

—„מאָרגן וועט ער חתונה האָבן מיט דבורה'לען" — רעדט דאָס מיידל פון שפּיגל אַרויס:

— „נו, וועט ער היינט חתונה האָבן מיט רחלען" — ענטפערט דאָס מיידל צוריק אין שפּיגל אַריין...

— דער לאָמפּ ברענט אַביסל צו העל — יאָ, מען דאַרף אים אַריינדרייען... זי וועט זיך שטעלן ביים שפּאַלט פון דער טיר, און ווען דער חתן וועט ארויסגיין פון דבורהלען, וועט זי אויסלעשן דאָס ליכט אין קאָרידאָר, וועט אים שטיל פאַרהאַלטן און נאָך שטילער אים אַריינציען צו זיך אין צימער — קודם וועט

זי זיך אָפּרעכענען מיט אים פֿאַר אַלע צייטן, וואָס זי האָט געשטיקט אין זיך אים צו זאָגן — יאָ, ער האָט איר ליב, זי ווייסט עס, און ער ווייסט עס אויך... נישט מער ער שעמט זיך מיט איר הויקער... מעג ער זיך טאַקע שעמען, אָבער נישט מיט איר הויקער, נאָר מיט זיינעם... יאָ, מיט זיין הויקער, וואָס ער האָט אין קאָפּ... אין די נאַרישע געדאַנקען... זיין האַרץ אָבער ווייסט זי, באַלאַנגט סיי ווי צו איר... איז דאַריבער — אין אַלע אופנים, באַדאַרף זי צו זיין די ערשטע... אזוי צי אזוי — איר קומט די בכורה"...

אַ שטילער גרילץ פון דבורהלעס צימער האָט איבערגעריסן רחלעס מחשבות:

— אָט גייט ער טאַקע אַרויס — ס'איז זיין לעצטע חתן־נאַכט — מאָרגן וועט זיין נאָך אַלעמען...

אָבער ס'האַרץ האַמערט אין איר גזלניש און — גזלניש איז אויך דאָס וואָס זי פּלאַנירט איצטער צו טאָן...

אַ שניידיק געדאַנקעלע, ווי אַ פייערדיקער אויפבליץ, האָט אַ באַלייכט געטאָן איר פאַרנעפּלט געוויסן און זי האָט קלאָר דערזען דעם אָפּגרונט אין וועלכן זי וויל זיך אַליין אַריינוואַרפן...

— ניין! — האָט אַ דעצידירטער באַשלוס אין איר אַריינגעשריגן — כ'וועל עס נישט טאָן און דאַרף עס נישט טאָן... כ'בין אַן אויסוואורף, און אויך אַ גייסטיקער קריפּל... און קיינער איז מיר גאָר ניט מחיב, גאָר ניט שולדיק... יעדער מענטש דאַרף טראָגן זיין גורל מוטיק, אים אויפנעמען שטאַרק, מיט אַביסעלע קוראַזש...

אין קאָרידאָר איז שוין אינגאַנצן שטיל, שטיל און פינסטער... דאָס ליכט אין אַלע צימערן, שוין אויך פאַרלאָשן.

דורכן אָפענעם פענסטער קוקט צו איר אַריין אַ שטיק פינסטערער הימל, ענלעך, ווי דאָס שוואַרצע דעקטוך וואָס מען פאַרדעקט אַ בר־מינן... די עלעק־טרישע לאַמטערנעס פון דרויסן, קוים וואָס זיי שמינקלען זיך, וואַרפן שוואַרצע שאָטנס אויף אומבאַוועגלעכע ביימער. אַ פאַרבאַבליעטער נאַכט־וועכטער דרייט זיך איבערן פוסטן געסל, זיינע באַטשוועקעטע זוילן קלאַפּן אומהיימלעך אויפן ברוקירטן שאָסיי. וויטער זעט מען גאָרנישט — בלויז זי, און דער איינזאַמער וועכטער.

פאַרמאַכט רחל'ע גיך דאָס פענסטער. לאָזט אַראָפּ די טונקעלע ראָליעטן — שאַ — איצטער איז זי אינגאַנצן אַליין, בלויז די שוואַרצע נאַכט, און זי און איר לעצטער — באַשלוס...

קיין שטריק האָט זי נישט, רחל׳ע און זי וועט איצטער נישט גיין זוכן... ס׳האַנטוך איז צו קליין און גראָב. שאַ — וואַרט — דאָס ווייסע קליידל וואָס מען האָט איר געמאַכט צו דבורהלעס חתונה? — טאַקע יאָ, געטראָפן...

אינעם טונקעלן חדר דערהערט זיך אַ שטיל זשוזשען, שאַרשען, אַ רייסן שטיקער פון נייעם קלייד...

— זאָל זיין נאָך אַ פּאַלבאַנקע, נאָך איינע, און טאַקע די לעצטע אויך... פאַרטיק — אָבער — רויק, רחלע, רויק — וואָס צאַפּלסטו אַזוי שטאַרק? וואָס האָסטו דען צו פאַרלירן? ביסט נישט גרייט?...

— שאַ — אַ — אַ — אַ — אַ...

אַז מען האָט צומאָרגנס אויפגעריסן רחלעס טיר, האָט זי אויף דער גראָבער פּעטליע אויסגעקוקט, גלייך זי וואָלט זיך געהוידעט אויף אַ ווייסער הושטאַווקע... אויך דאָס פּנים אירס איז געווען ווייס, בלויז אַביסעלע פאַרקרימט און די צונג אַרויסגעשטרעקט. ס׳האָט אויסגעקוקט, גלייך זי מאַכט שוין איצט חוזק פון דער גאַנצער וועלט... פון דער גאַנציטשקער וועלט...

פּאַריז — 1935

★ ★ ★

ערד

אָפּגערוקט אַביסעלע אין אַ זייט, אויף אַ ליימיקן בערגל, אונטער אַ פֿאַרוועלקטן בוים, זיצט תמיד דער לעצטער „סוחר" פֿון דער גרויסער „פֿעירע". (יאַריד) זיין ברייטער קאָפּ איז געדיכט באַוואַקסן מיט קורצע קאָלטענים. זיין טונקל געמאַרשטשעט פּנים איז ענלעך צו אַ ברוינער, ווייכער, געפּאַלדעוועטער לעדער. זיינע קליינע, שוואַרצע, שיכורע אייגעלעך, קוקן אויס, ווי צוויי פּעטע טראָפּנס וואָס שווימען אַרום אין א מאָגערער יויך. זיין ברייטע גאָמבע, איז מאָכיק באַוואַקסן. דער שמאָלער נאַקעטער האַלדז, איז ברייט-ביינערדיק און אַדורכגעוועבט מיט גראָבע אָדערן. אויך זיינע מאָגערע הענט זענען אָדערדיק, דאַר-שטעקלדיק, בייגעוודיק, ווי דינעד גוף ביי קריכפּלאַנצן און — נאַקעט... בלויז אויף זיין ביינערדיקער פּלייצע און איינגעפּאַלענער ברוסט, הענגט אַ צעדריוולט שטיקל העמדל, וואָס האָט אַמאָל געדאַרפט צו זיין — ווייס און איז איצטער, דער קאָליר פֿון זיין לייב. זיין צווייטע העלפֿט גוף, איז אַריינגעטאָן אין אַ פּאָר לייוונטענע הויזן, וואָס, אויך זיי האָבן אַ מאָל געדאַרפט צו זיין — לאַנגע און זענען איצטער בלויז אַ קורצער צודעק וואָס פֿאַרהילט נאָר אַ העלפֿט פֿון זיינע דאַרע פּיס, באַוואַקסענע מיט געקרייזלטע האָר, וואָס קוקן אויס, ווי עפּעס אַ ווילדער געוויקס צווישן בערגיקע קוסטעס...

דער דאָזיקער לעצטער „סוחר" פֿונם מאַרק רופֿט זיך — „סעניאָר וואַלדע-מאַר" און האַנדלט מיט באַמיסטיקטער ערד, אין וועלכער די רייכסטע באַלע-באָסטעס לאָזן פּלאַנצן טייערע וואַזאָנעס, וואָס זענען דער שענסטער באַציר פֿון זייערע לוקסוס-סאַלאָנען...

די דאָזיקע פּעטע ערד פֿון „סעניאָר וואַלדעמאַר" איז געוויקלט אין אַלטע צייטונגען און ליגט אויסגעלייגט אין ברייטע פּעקעלעך אַרום ליימיקן בערגל, אויף וועלכן אויך דער „סוחר", ליגט מער ווי ער זיצט, פֿון שטיין קען בכלל קיין רייד ניט זיין, ווייל תמיד איז ער שיכור, „סעניאָר וואַלדעמאַר" און טרעפֿט אַמאָל אַ ניכטערע מינוט ביי אים, קענען זיינע מאָגערע פּיס ניט דערטראָגן די גלייכגעוויכט פֿון זיין אויסגעדייוועטן קערפּער, וואָס וואַקלט זיך, די באָרוועסע פּיס גליטשן זיך, טאַמלען אַזוי לאַנג ביז ער מוז זיך צוריק אַנלענען, ווי אויף אַ הסב-בעט האַלב ליגנדיק, אַביסל, זיצנדיק.

אַלע אויפֿן מאַרק קענען גוט „סעניאָר וואַלדעמאַרן" דעם ערד-הענדלער, וואָס זיצט אין זיין „אָפּענעם געשעפֿט" מיט אַזאַ ברייטקייט, ווי אַ באַנקיר, וואָס ווייסט, אַז זיין ווירדיקע עקזיסטענץ, ברענגט נוצן דער געזעלשאַפֿט... אַלע אויפֿן מאַרק ווייסן שוין, אַז דעם ערד-סוחר טאָר מען ניט רופֿן בלויז — „וואַלדעמאַר", נאָר תּמיד — „סעניאָר וואַלדעמאַר"... אַנדערש טוען אייך זיינע שיכּורע אייגעלעך אַ ברי אַ דורך, מיט אַ שניידיקן ביטול... און צווישן זיינע פֿאַרפּוילטע ציין זיפּן זיך דעמאָלט ווערטער ברוגזע, אָבער שטאָלצע: — „עאָ סאָ סעניאָר וואַלדעמאַר!" (איך ביר הער וואַלדעמאַר) איר פֿאַרשטייט צו ניין? — רעדט ער אַ צעכעסטער און טוט אויף אייך אַזאַ אויסטערלישן קוק, וואָס לאָזט אייך געפּלעפֿט... און איר דערפֿילט, אַז אין זיין גאַנצן מגושמדיקן הולך, פֿאַרטראָגט ער ניט, מען זאָל אים רופֿן, בלויז ביים ערשטן נאָמען, ווי עפּעס אַ הונט אָדער אַנאַנדערע חיה — וואָרעם: — „עאָ סאָ „סעניאָר וואַלדעמאַר!"...

ווינען ווינט ער, „סעניאָר וואַלדעמאַר" אין אַ טיפֿן אויסהויל פֿון אַ ריזן-באַרג, וואָס אינעווייניק קוקט עס אויס, ווי אַ שוואַרצער טונעל וואָס פֿירט אינערגעץ ניט... זיין הויפּט-ווירטשאַפֿט באַשטייט פֿון פֿלעשער בראָנפֿן, וויין און אַנדערע מינים ביליקע שנאַפּסן... זיין געלעגער איז אויף די פּלאַטשיקע פּעקעלעך ערד, וואָס ער ברענגט אין אַ פֿאַרזשאַווערטע „טאַטשקע" פֿון ערגעץ אַ וויטן פֿעלד...

קיין גרויסער באַדערפֿער איז ער ניט, "סעניאָר וואַלדעמאַר", ער עסט נאָר ווייכע באַנאַנעס, צעקוועטשטע לאַראַנזשעס אָדער שוואַרצע „זשאַבאָטי-קאַבאַ" — אַלץ אַזעלכע שפּייזן צו וועלכע ער באַדאַרף ניט קיין ציין... און דאָס אַלץ קלייבט ער דאָך אומזיסט, צווישן די ווילדע טאָלן און איינזאַמע בערג ווו ער ראַטשקעט זיך, ווי אַ שלאַנג, אין די ניכטערנע שעהן, ווען ער האָט אַביסעלע מער כּח...

וועגן אָנטאָן האָט „סעניאָר וואַלדעמאַר" קיין השגה ניט, און ווייסט ניט זינט ער לעבט, וואָס עס מיינט אַזעלכעס צו קויפֿן אַ צודעק פֿאַרן נאַקעטן גוף... פּונקט ווי ער ווייסט ניט, ווען, און ווי אַזוי, ער איז אַמאָל געקומען אין לעבן אַריין... גלייך מען וואָלט אים אַזוי אָ, אַ נאַקעטן, אַ באָרוועסן און אינגאַנצן שוין אַ פֿאַרטיקן אַרונטערגעלייגט אונטערן טיפֿן אויסהויל פֿון אַ צעקרומטן באַרג, וואָס איז דאַכט זיך, צוזאַמען מיט אים געבוירן געוואָרן, צוזאַמען אויסגעוואַקסן און געוואָרן זיין סטאַבילע „היים"...

„סעניאָר וואַלדעמאַר" ווייסט אויך ניט, פֿון וואַנעט עס קומט צו אים אַזאַ ברענענדיקע ליידנשאַפֿט נאָך אַלקאָהאָל? — טרינקען איז זיין שענסטער חלום, שיכּורן, זיינע טיפֿסטע באַגערן...

איין זאַך ווייסט ער יאָ, „סעניאָר וואַלדעמאַר", אַז טאָמער האָט ער ניט קיין געלט אויף בראַנפן, קריכן אים מאָדנע הוליעס אין קאָפּ אַריין... נעמט זיך דאָרטן עפּעס באַוועגן... קומען אויסטערלישע טראַכטענישן... און דאָס מאַכט אים שרעקלעך טרויעריק, ער האָט נישט ליב צו טראַכטן און די איינציקע זאַך וואָס היילט אים פון דער מאָדנער טראַכטעניש איז — טרינקען... אָט דער דאָזיקער שטאַרקסטער ווילן זיינער, האָט אים דאָס געבראַכט צו מסחרן מיט ערד — די איינציקע „סחורה" פאַר וועלכער ער צאָלט ניט קיין געלט און גיט אים די מעגלעכקייטן צו שטילן זיינע הייסע גלוסטענישן...

* * *

יעדן מיטוואָך, איז די שמאָלע גאַס „דאָמינגאָס פערעיראַ", וואָס ציט זיך פּאַראַלעל מיט דער ברייטער „אַטלאַנטיקאַ", פאַרנומען מיט אַ רייכער „פעירא" (יאַריד).

קאַיאָר ווערן ביידע זייטן גאַס אויסגעשטעלט מיט הילצערנע גאַלענדערס, טישלעך איבערגעדעקטע מיט גראָבע לייוונטן, לאָזן ניט אַדורך דעם הייסן ברי פון דער טראָפּישער זון. פונוויטנס כאַפּט עס דעם אָנבליק, ווי איין לאַנגע חופּה וואָלט זיך געשלענגלט איבער דער גאַס, אויף וועלכער מען זעט ניט אַרויס דעם טראָטואַר, קיין וועג, קיין אַ דורכגאַנג — איין מענטשן-מאַסע, אין פאַרשידנפאַרביקער קליידונג, אויסגעפּוצטע באַלעבאָסטעס מיט צעעפנטע שירמלעך, שוואַרצע און ווייסע דינסטן שטופּן דראָטענע וועגעלעך, הויכע נעגער-יונגען מיט נאַקעטע ברוסטן, טראָגן אָנגעפּילטע קוישן אויף די קעפּ. קליינע שקצימלעך אין צעריסענע בגדים, רעקלאַמירן זייערע סחורות: — „קנאָבל! פּעפער! צימרינג! לאַרבנ-בלעטער! — פאַרטומלען דעם מאַרק מיט זייערע הילכיקע קולות. אפילו זעקט-יאַריקע „סוחרימלעך", מיט הילצענע קעסטעלעך, וווּ עס ליגן גרינע ציטרינען, פאַרטויבן די גאַס מיט זייערע קוויטשנדיקע קולכלעך: — לימאָן! לימאָן!" דערביי קוקן זייערע שפּיזיקע אייגעלעך מיט גרויס פּחד. טאָמער באַווייזט זיך אַ פּאָליציאַנט, ווערט אַ גע-פייפעריי, אַ געטומל, מען גיט זיך צייכנס, און באַלד זענען אַלע — אויסגעטריקנט...

טרעפט, האַלב נאַקעטע „סוחרימלעך" נעמען זיך פּלוצים קנאָדערן אויפן ברוק: זייערע אויגן — שוואַרץ, די גופים'לעך — שוואַרץ, זייער צעריסענע הלבשה — שוואַרץ און שוואַרץ זענען אויך זייערע הענטעלעך וואָס בוכצען זיך, שטויסן זיך, ווייל איינער האָט דעם אַנדערן „קאָנקורירט"...

דירעקט ביים שאַרכנדיקן אַטלאַנטיק, שטייען פּאָרטוגעזישע פישער-יונגען, וואָס פון זייערע ברייטע טישן „שמעקט" אַ מהלך וויט... זייערע ספּעציפישע

וואָג שאָלן באַשטייען פון בלעכענע טעלערס, אַדורכגעלעכערטע און אַדורכ-געצויגענע מיט קייטן און שטריקלעך... אַ שוואַרץ דרעטל שאָקלט זיך, לעהיי אַ „צינגל", וואָס דאַרף כלומרשט אָנווייזן די ריכטיקע וואָג...

ביים סאַמע סוף, הייבט זיך ערשט אָן דער בלומען-מאַרק. פון הויכע ערדענע טעפּ, שטעקן אַרויס די וווּנדערלעכסטע פלאַנצן, אויך פון ליימענע דיניצעס, וואַקסן אַרויס פאַרשידן-פאָרמיקע צווייגן, וואָס די אָרעמע הענדלער ברענגען פון די ווילדסטע געגנטן. דאָס זענען באַצויבערנדיקע פלאַנצן וועלכע כאָוועו זיך נאָר אין וואַסער, באַצירן מיט זייער ווילדער שיינקייט די רייכסטע סאַלאָנען און גיבן דאָס שטיקל פּיסנע ברויט צו די האַלב נאַקעטע הענדלער, וועלכע צעבלוטיקן פריער זייערע מאַגערע לייבער איידער זיי באַקומען אַרויס פון די גליענדיקע הויכענישן און שטעכלדיקע טיפענישן די דאָזיקע טראָפּישע געוויקסן.

לסוף, ליגן גאַנצע בערג מיט יונגע וואָרצלען פון וועלכע עס זעען זיך נאָך אַרויס די זריעה-קערנער, וואָס ווערן געפלאַנצט אין די טייערסטע בלומען-טעפּלעך, ווען מען פילט זיי אָן מיט פריש באַמיסטיקטער ערד, נאָך וועלכער מען מוז שוין אָנקומען צום לעצטן „סוחר" פון דער „פעירע", וואָס געפינט זיך תמיד אָפּגערוקט אַביסעלע אין אַ זייט — דאָס איז דער האַלב נאַקעטער „סעניאָר וואַלדעמאַר".

* *

*

קאַיאַר, ווען אין האָריזאָנט קומט פאָר די אייביקע באַהעפטונג צווישן הימל און אַטלאַנטיק, ווען פוןביידע ווערט איין שטיק בלויער ים, ווען ביי די זאַמדיקע ברעגעס איז נאָך טונקל גרוי, דעמאָלט קלייבט שוין „סעניאָר וואַלדעמאַר" זיינע ברייטע פעקלעך אין אַ שמאָלער „טאַטשקע", פירט זיי צום ליימיקן בערגל, וואָס דאָרט איז כמעט זיין בייטאָגיקע „ווווינונג"... און צום ערד הענדלערס בערגל קומען דוקא דער רייכערער קלאַס, באַטאַפּן מיט באַ-הענטשקעטע פינגער „סעניאָר וואַלדעמאַרס" פעטע „סחורה" זאָגן מבינות וועגן גוטן קוואַליטעט און הייסן זיך ברענגען פעקעלעך ערד אין שטוב אַריין...

אַז אַ קונה איז געקומען צו וואַלדעמאַרן מיט טענות: — „די פלאַנץ האָט ניט אָנגענומען, שלעכטע ערד, געמישטע מיט ליים"... האָבן וואַלדעמאַרס שיכורע אייגעלעך גענומען אַרומשווימען אינעם פייכטן אויגן-פּלייש, ווי שוואַרצע פאַסאָליעס אין אַ קאָכנדיק וואַסער, אַריינגעקנעטן זיינע מאָגערע פויסטן אין די קופּעס אויפגעהאָרבעטער ערד, געמישט ווי אין אַ פרישער ראָשטשינע, אָנגעוויזן אויף די ראָיענדיקע ווערים מיט וועלכע זיין ערד איז אַדורכגעקנעטן און

זיין צעקרומטע מויל האט אזש געשפריצט פאר כעס: — וואס דענקען זיי זיך, די קונים זיינע — ווערים וועלן זיך פלאדיען אין שלעכטער ערד?...

די טיפע באליידיקונג האט געמאכט ציטערן זיין יעדן נאקעטן אבר, זיך געשלאגן מיט די פויסטן אין קאפ, אין הארץ און ווו ער האט נאר געטראפן, דערביי מגושמדיק געשריגן:

— „סעניאר וואלדעמאר" א לאדראן? (גנב) א סעם ווערגאניע? (אן אומ־פארשעמטער) א אוזאדיא? (א חוצפהניק).

אז בסך הכל פארשטייט ער אינגאנצן ניט וואס דאס איז אזוינס — גנבה? און צו וואס באדארף ער גנבענען? — וואס וועט ער טאן מיטן איבעריקן געלט?... דער סוף פלעגט זיין, ער האט זיך ווילד צעכליפעט אויפן קול און אזוי לאנג געוויינט, ביז ער האט געכאפט די פלאש בראנפן, איר אויסגעבולבעט ביזן דנא, ערשט דעמאלט זיך צוריק איינגעשטילט און אט — „סעניאר וואלדעמאר" שמייכלט שוין ווידער, גלייך קיינמאל גאר ניט...

נאר ווען א קונה האט פארשטאנען צו רעדן מיט אים איידל, גלאטיק, אן באשולדיקונגען, האט ער יענעם אנגעכאפט מיט א פאר ווארעמע הענט און מיט א געטריי־פריינטלעך קול, זיך גענומען בעטן:

— „נעמט מיך צו זיך אהיים, כ'וויל אליין איבערפלאנצן אייער פארטריקנטן געוויקס, אליין פאריכטן די עולה וואס שלעכטע ערד האט אפגעטאן"...

אין די רייכע סאלאנען מרוגען „סעניאר וואלדעמארס" קליינע אייגעלעך מיט אזא פארקרימעניש, גלייך שפיזיקע שטראלן וואלטן אים געשטאכן אין די שווארצאפלען, וואס האלטן ניט אוים דעם בלישטש פון ליאקירטע באדנס, פון קרישטאלן און זילבערווארג... זיינע אויגן נעמען באלד טריפן, פינטלען און קוקן אויף די אלע בלאנקנדיקע כלים מיט אזא איבל, אזא טעמפקייט, מיט אן עקל ממש... זיי צעשפילן זיך ערשט דעמאלט, ווען זיי דערבליקן די שורה צעבליטע וואזאנעס — אט דאס איז זיין ווערק... פון זיין פעטער ערד ארויס־געוואקסן און ס'רוב טאקע — פון אים אליין פארפלאנצט געווארן. ווארעם, „סעניאר וואלדעמאר" האט געוווסט דעם סוד, ווי אזוי ארומצושיטן פעטע ערד ביי אפגעשוואכטע פלאנצן, זיי זאלן צוריק לעבן באקומען... און ווען ביי א האלב פארוועלקטן וואזאן האט שפעטער גענומען צוריק ארויסשפראצן פרישע בלימעלעך, האבן וואלדעמארס פריידיקע בליקן געטריפט מיט אנגעלאפענער פרייד און זיין צעפלאטשטע נאז האט געניוכעט מיט עקסטאז — געראטעוועט א פלאנץ פון זיכערן טויט...

אט אזוי האט „סעניאר וואלדעמאר" געבראכט נוצן מיט זיין עקזיסטענץ... ביינאכט געשלאפן אינם אויסהויל פון בארג און בייטאג „אקטואירט" אויפן

ליימיקן בערגל... אָבער דאָס נאָר אין די מאַרק טעג, אינצווישן, האָט ער געהאַט נאָך אַ שטיקל „היים", אַ מין אָפּרו־פּלאַץ", ווו ער פלעגט געניסן אַביסעלע עולם הזה אויך... דאָס איז געווען אין פּאָליציי־דיסטריט. זעלטן ווען ער זאָל נאָך אַ מאַרק טאָג, רויק גיין אינם אויסגעהוילטן טונעל אַריין. צומיינסטן קען ער דעמאָלט בכלל ניט שטיין אויף די פיס, ווייל דאָס גאַנצע ביסעלע פּאַרדינסט ווערט תמיד פּאַרטרונקען פון אים און זיינע האַלב נאַקעטע קאָלעגן, וועלכע זעצן זיך אויס, נאָך יעדן מאַרק טאָג, אַרום „סעניאָר וואַלדעמאַרס" ליימיקן בערגל, פונקט ווי ביי אַ יום טוב טיש, יעדער מיט אַ פּאַרשמאָדערט גלעזל אין די הענט, קוקן מיט בעטנדיקע אויגן און מיט הכנעה אַרויף צום שפּיץ, ווו עס קעניגט דעמאָלט „סעניאָר וואַלדעמאַר", זיין ביסל פּאַרדינסט איז שוין צעטוישט אויף „כיבוד", וואָס ליגט אין גרויסע, ליטערדיקע פלעשער ווי אַ קראַנץ בלומען אַרום זיין מאָכיקן קאָפּ. דאָס גאַווערדיקע מויל זיינס קען ניט מער רעדן, זיין צונג וואַקלט זיך אָן אַ קלאַנג, אָבער זיינע אייגעלעך, ווינקען אַראָפּ צו די „געסט", פּאַרבעטן אַרויפגיין, זענען מכבד — עפנט די פלעשער און טרינקט...

לאָזן זיך האַלב נאַקעטע גופים צום שפּיץ בערגל, שווימען דאַכט זיך אַרויף, ווי מאַלפּעס אויף אַ בוים און — ס'אַ יום־טוב אינדערוואָכן... די סעודה הייבט זיך אָן...

קיינמאָל פעלט ניט אינם דאָזיקן קרענצל די יונגע קאַליקע עלווירא, וואָס מיט 17 יאָר צוריק, האָט מען זי געפונען אונטער די טרעפּ פון אַ קלויסטער, זי איז געלעגן מיט צוויי פּאַרדרייטע פיס, ווי האַלבע לבנה'ס און האָט געקוקט צעשראָקן, ווי אַ קאַלב וואָס איז אַנטלאָפן פון דער שחיטה... ווען זי איז אַביסל אונטערגעוואַקסן, עלווירא, זענען אויך אירע דאַרע הענט, ווי צוויי פּאַרדרייטע פיילנבויגנס — אויסגעקרומט געוואָרן.

ד'אריבער האָט זי ניט געקענט — ניט גיין אויף די לאָמע פיס און ניט אַרבעטן מיט די אויסגעקרומטע הענט. אָבער צום קריכן אויפן בויך, האָט זי זיך יאָ אַן עצה געגעבן — פּאַרלייגט די צוויי קרומע פיס, ווי ביי אַ זשאַבע, פון די איינגעדרייטע הענט געמאַכט אַ האַלב ראָד, ווי צו אַ פעסל, איז איר נאַקעטער בויך געלעגן אויףביידע, ווי אַ קיילעכדיק קעסטעלע אויף הילצערנע רעדלעך... און אַזוי אַ, זיך געריטשט נאָך יעדן מאַרק טאָג, געקראָכן אויף אַלע פיר צו „סעניאָר וואַלדעמאַר" אויפן בערגל אַרויף און צוזאַמען מיט אַלע נאַקעטע און באָרוועסע געיומטובט די גרויסע שמחה פון אַ „זאַרגלאָז לעבן"...

עלווירא איז דאָס געווען די זעלטענע באַשעפעניש, וואָס האָט, פונקט ווי וואַלדעמאַר, ניט געוווּסט, ווער און פון וועמען זי קומט אַרויס... גענוי ווי ער איז אַמאָל געקומען אַ פּאַרטיקער צום אויסהויל פון אַ משופּה באַרג. אַזוי איז

אויך עלוויראַ געקומען אַ גרייטע אונטער די טרעפּ פֿון אַ קלויסטער... און דאָרטן שוין געפֿונען איר „מקום־מנוחה", אונטער דער השגחה פֿון הייליקע גלחים... אָבער דער עיקר איז עלוויראַ געוואָרן דאָס פּיצל זוניקע פֿרייד, וואָס האָט שטיל אַרײנגעלויכטן אין וואַלדעמאַרס קינדישן האַרץ אַרײן...

דאָס איז געווען אין אַ זוניקן יאַריד טאָג, עלווירא איז געקראָכן אַרום בערגל, „סעניאָר וואַלדעמאַר" איז איר אַקעגן־געפֿאָרן מיט זײַן „טאַטשקע", זי באַלד אַרויפֿגעלייגט, אַזוי ווי זײַנע פּעקעלעך ערד און אַרויפֿגעשלעפּט צום שפּיץ־בערגל... איר גלייך מכבד געווען מיט אַ פּאָר גלעזעלעך בראַנפֿן. זינט דעמאָלט האָבן בײדע געפֿונען אַן אָנהאַלט אין לעבן...

אין די שפּעטערדיקע יאַריד־טעג, פֿלעגט שוין עלווירא זיך אַליין אַרויפֿ־דראַפּען אויף וואַלדעמאַרס בײטאַגיקער „היים"... דאָס זענען ניט געווען קיין טעג פֿון בלויז שטילן זײערע שיכרות־באַגערן, נאָר אויך טעג פֿון רײנער, דער־הויבנסטער פֿרייד, פֿון אײנזאַפּן אין זיך תענוגים, וואָס נאָר אַזאַ פּלאַטאָנישע ליבשאַפֿט איז מסוגל צו געבן, צוויי עלנדע, און פֿון דער נאַטור באַעוולהטע באַשעפֿענישן... ווייל ניט וואַלדעמאַר מיט זײַן אומדערנערטן גוף, און ניט עלווירא מיט איר פֿאַרקריפּלטן לײַב, האָבן אַפֿילו ניט געקענט חלומען וועגן אַנאַנ־דער מין גלוסטונג. אַ חוץ די וואָס זײַנע ציטערדיקע הענט פֿלעגן שטייף אַרומ־פֿלעכטן איר פֿאַרקריפּלטן גוף און אַזוי שטאַרק איר געדריקט צו זיך, אַז בײדע האָבן אויסגעזען, ווי איין קערפּער מיט צוויי קעפּ... און אַזוי אַ, פֿאַרשיכורטע פֿון בראַנפֿן און פֿון קיינמאָל ניט אויסגעלעבטע תאווה'ס, זיך בלויז געקוקט אין די אויגן, ווילד געכעכיט און זיך שטאַרק צוגעהאַלטן ווי אין אַ פּרעס...

די „קאַלעגן" זענען שוין צוגעוווינט געווען צו דעם פֿאַרליבטן פּאָרל, זיי פּשוט באַטראַכט ווי צוויי גופֿים מיט איין נשמה און אַזוי פֿלעגן אַלע צוזאַמען אָפּשיכורן גאַנצע שעהן, ערשט ווען דער בראַנפֿן האָט ביי אַלעמען גענומען גיין פֿון בויך אין קאָפּ, האָבן דעמאָלט כאָרכלענדיקע קולות זיך דערטראָגן אין מאַרק אַרײַן און די באַהאַוונטע פּאָליציאַנטן האָבן שוין געוווּסט, אַז צו „סעניאָר וואַלדעמאַרס" ליימיקן בערגל, דאַרף מען איצטער צופֿאָרן מיטן שוואַרצן „קעשטל" כדי צו פֿאַרנעמען דעם זאַרגלאָזן עולם אויף אַביסעלע — אָפּרו... בלויז די לאָמע עלווירא וואָס האָט ניט געקענט גיין נאָר קריכן, האָט געהאַט די פּריווילעגיע ניט אַרעסטירט צו ווערן... ס'האָט אָבער לאַנג געדויערט, ביז מען האָט זי אָפּגעריסן פֿון „סעניאָר וואַלדעמאַרס" אײַנגעקלאַמערטע אָרעמס, וואָס האָבן איר אַזוי שטאַרק געדריקט צו זיך, אַז בײדע האָבן אויסגעקוקט, ווי צוזאַמענגעוואַקסן...

אינם שמאָלן אַרעסט-צימער האָט מען די פרייליכע כאַליאַסטרע נישט סתם איינגעזעצט, נאָר אַריינגעוואָרפן... דאָרטן איז סיי ווי קיין פּלאַץ ניט געווען, אַפילו צום שטיין. נאָר איינער אויפן אַנדערן, איינער אינאַנדערן, איינגעדרייט, איינגעטוליעט, ווי לעבעדיקע חיה'ס אין אַן ענגער שטייג... און כאָטש די שמאָלע טירן זענען קיינמאָל ניט פאַרשלאָסן געוואָרן, האָט פונדעסט־וועגן קיינער ניט געוואָלט אַרויס... ניט געזוכט קיין באַפרייאונג... פאַרקערט, אין די אויסגעניכטערטע פרימאָרגנס, ווען די טירן זענען ברייט צעעפנט געוואָרן און מען האָט „פאַרבעטן" דעם אויסגעשלאָפענעם עולם אויף דער „פרישער לופט", האָבן די גרעסטע טייל זיך אָפּגעזאָגט פונם „פאַרגעניגן"... ווייל ביז צום צווייטן מאַרק טאָג, קען מען נאָך דערווייל דאָ קריגן אַביסל שיטערע קאַווע מיט אַ האַרט ברויטל און דער עיקר — אַ שטיקעלע „היים" ווי אַנידערצולייגן דעם קאָפּ... דערפאַר איז אויך „סעניאָר וואַלדעמאַר" ס'רוב דאָרטן געבליבן אַ פּאָר טעג אויף — „דאַטשע"...

ערשט ערב יאַריד, איז דאָס פאַרשליאַנדערטע אַרעסט-צימער געבליבן אינגאַנצן ליידיק. נאָקעטער עולם האָט זיך צוגעשטעלט צו זייערע „מסחרים"... די צווייגן-הענדלער זענען אַוועק אין די ווילדסטע טאָלן צו שניידן די שענסטע געוויקסן, די ציטרין און קנאָבל „סוחרים" זענען אַראָפּ פון די בערג מיט זייערע „סחורות" און „סעניאָר וואַלדעמאַר" האָט זיך געשלייכט אין זיין שטענדיקן הולך צו די אויפגעאַקערטע פעלדער, נאָך אַביסל גוטער באַמיס־טיקטער ערד, ווייל ער דאַרף דאָך פלאַנצן די טייערסטע וואַזאַנעס פאַר די לוקסוס-וואַראַנדעס, וואָס דאָס וועט אים שפּעטער געבן אַ ביסעלע שיכורע — הוליאַנקע, צוזאַמען מיט זיין עלוויראַן — זיין העכסטער גענוס און טיפסטע שטרעבונג...

*   *
*

דעם לעצטן מיטוואָך האָט די וועכנטלעכע „פעירע" זיך געשטעלט שפּעט. פאַרטאָג האָבן געדיכטע כמאַרעס אַריינגענומען דעם נאַכט-הימל, ווי אין אַ שוואַרצער תפיסה, וואָס האָט געשטורעמט מיט זשרודלעס בייטשנדיקן רעגן, אויפגעקאָכט די דרעמלענדיקע כוואַליעס פון אַטלאַנטיק, וואָס האָבן זיך ראַפּטום אויפגעשטעלט, ווי ווענט, צוריק אַטאַקירט מיט בייכיקע וואַסערזיילן, מיט גערויש און געיאָמער...

די הויכע אָנגעפילטע „קאַמיאָנען", מיט טישלעך, פּלאַכטעס און גרינצייג, זענען שוין געשטאַנען גרייט צום אויסלאָדן. אויך די קליינע „סוחרימלעך" אין

זייערע קורצע הייזלעך, צעריסענע העמדלעך האָבן שוין געוואָרט אונטער די דעכער, געשווידערט פון ווינט און רעגן. אַפילו די פישער־יונגען האָבן שוין געקלונגען מיט זייערע בלעכענע וואָג־שאָלן, געוואָרט די שוואַרצע כמאַרעס זאָלן זיך אויפהערן קריגן מיטן צעשטורעמטן ים...

ערגעץ אונטערן האָריזאָנט, האָט דער טריבער פרימאָרגן זיך לאַנג אויס־באַהאַלטן און ווען דער בלייכער טאָג האָט שוין יאָ אַרויסגעשטעקט אַ פאַר־ראָסטע אויג, איז גלייך אָנגעלאָפן אַ געדיכטע כמאַרע און האָט עס בלינד געמאַכט... ביז די אויסגעווייקטע הענדלער האָבן פאַרלוירן ס'געדולט און אַזוי אין דער טונקלקייט גענומען אויסשטעלן זייערע קראָמען. ערשט דעמאָלט איז דער שווער געבוירענער טאָג געבליבן שטיין אַן אומעטיקער, אַ טריבער און גרייטער אַריינצוקריכן אין הערלערער „הלבשה"... לסוף האָבן זיך אויך די וואָלקנס מישב געווען, אָפּגעטראָטן דאָס „שלאַכט־פעלד" איבערלאָזנדיק אינמיטן הימל רויטע סמנים פון זייער געקיניגטער נאַכט... דעמאָלט האָט אויך די וועכנטלעכע „פעירע" גענומען אָנגיין אין איר פולן ברען. אומגע־דולדיקע קרעמער האָבן שוין פאַרבעטן די פוילע קונים צו כאַפּן אַ קוק אויף זייערע פרישע סחורות. די באָרוועסע הענדלער האָבן שוין פאַרקלונגען די גאַס מיט זייערע: קנאַבל! פעפער! לימאָן... אויך די בלומענהענדלער האָבן שוין פריינטלעך אַקעגן געטראָגן זייערע שמעקנדיקע פלאַנצן. בלויז דאָס לעצטע ליימיקע בערגל, אויף וועלכן עס איז תמיד געזעסן, דער האַלב נאַקעטער „סעניאָר וואַלדעמאַר", אַרומגעלייגט מיט זיינע פעקלעך ערד און בייכיקע פלעשער שנאַפּסן, דאָס דאָזיקע בערגל איז איצטער געשטאַנען ליידיק און האָט אויסגעקוקט, נאָכן גרויסן שטורם, ווי אַן אויפגעהאָרבעטע בייט פון אַ פריש פאַרשאָטענעם קבר... אַפילו דער פאַרוועלקטער בוים, וואָס אונטערן בערגל, איז מיט זיינע נאַקעטע צווייגן געשטאַנען אַזוי טיף איינגעבויגן, ווי אַ יתום וואָס זאָגט דעם ערשטן קדיש ביי אַ שוואַרצער מיטה...

דאָס האָט געטראָפן צום ערשטן מאָל, זינט יאָרן, אַז „סעניאָר וואַלדעמאַר" זאָל ניט קומען צו דער „פעירע".

ביים פאַראָבל'טן בערגל זענען די כאַפּטע האַלב נאַקעטע קאָליען געשטאַ־נען און טרויעריק אַרויפגעקוקט, מיט פאַרבענקטע אויגן צום ליידיקן פלאַץ, וואָס האָט אַזוי אומעטיק געפּוסטעוועט, אויסגעקוקט, גלייך דאָס פאַרלאָזטע בערגל טרויערט אויך נאָך איר לאַנגיאָריקן באַוווינער...

די לאַמע עלווירא איז געקומען צוקריכן אַ שטילע, אַ פאַריתומטע, איר פאַרקריפלטער גוף האָט גענומען אַרומבראָדזשען, ווי אַ טשערעפּאַכע, אַרומגעלעקט דאָס בערגל פון אַלע זייטן און לסוף אַרויסגעלאָזט אַזעלכע ווילדע, מגושמדיקע יעלולות, וואָס האָבן געשניטן די לופט, ווי קרעכצן פון אַ געפּייניקטער חיה...

* * *

צום טיפן אויסהויל פון באַרג, וווּ עס האָט זיך געפונען „סעניאָר וואַלדעמאַרס״ סטאַבילע „היים״, איז דערווייל ניט מעגלעך געווען צוצוקומען. דער צעשטורעמטער ים האָט אַזוי ווייט געהאַט אויסגעשפּרייט זיינע איבערשווימענדיקע כוואַליעס, אַז זיי האָבן אויך פאַרכאַפּט וואַלדעמאַרס איינגעבירגערטע „נחלה״... ערשט ווען די „פּעירע״ איז שוין געווען צו ענדע און דער גאַסנקערער האָט צונויפגעשאַרט איר לעצטן אָפּפאַל, דעמאָלט זענען די אַרויסגעלאָפענע כוואַליעס צוריק אַריין אין זייערע „דלד אמות״ און — באַפרייט דעם ערד־סוחר׳ס פאַרפלייצטע „הויז״, וואָס האָט איצט אויסגעקוקט, ווי ניי אַרויסגעוואַקסן פון אָפּגעטובלטן באַרג... דער טיפער אויסהויל איז ווידער געשטאַנען אָפן... אָרום האָבן זיך געבאָדן אין שיטערער בלאָטע צוגעשווומענע לאָדקעס, וואָס זענען געלעגן מיט די בייכער אַרויף. די אויסגעצוואָגענע זון האָט זילבערדיק געטענצלט פון לאָדקע צו לאָדקע, פון זאַמד צום פלויט און אַזוי אָ טענצלדיק, זענען אויך אירע שטראַלן אַ האָפּסל געטאָן אין „סעניאָר וואַלדעמאַרס״ אויסגעבאָדענער „וווינונג״ אַריין — אַ שטראַל אַהין, אַ בליאַסק אַהער, אָבער וווּ איר ליכט איז נאָר געפאַלן האָט עס בלויז באַלויכטן — ערד, אָנגעהויפנטע בערגלעך ערד, פון וועלכער עס האָט נאָך אַרויסגעשאָרוועט ברודיקע ריטשקעלעך וואַסער, נאָר אַז מען האָט די דאָזיקע נאַסע ערד גענומען צעשאַרן, האָט מען זיך באַלד אָנגעשלאָגן אין גאַנצע קופּעס פלעשער, ליידיקע, פולע, האַלב אויסגעטרונקענע, און הינטער דעם אַלעם, איז געלעגן, ווי אַ פאַרבלאָטיקט שטיק ברעט, „סעניאָר וואַלדעמאַרס״ פאַרשטאַרטער גוף...

די פאַרקריפּלטע עלווירא, וואָס איז מיט אירע אויסגעלענקטע אברים אַרומגעשווומען, ווי אַ פאַרוווּנדעטער הונט אין דער שיטערער בלאָטע דערזעענדיק וואַלדעמאַרס אויסגעצויגענע פיס, האָט זיך אַזאַ היציקן וואָרף געטאָן אויף זיין טויטן גוף, פּונקט ווי זי פלעגט עס טאָן נאָך יעדן מאַרק טאָג אויפן ליימיקן בערגל... און אויך איצטער, האָט לאַנג געדויערט, ביז מען האָט זי געקענט אַראָפּרייסן פון אים...

וואַלדעמאַרס צעדריווּלטע הויז, געלעכערט העמד, פאַרקאַלטנטער קאָפּ, אויסגעהוילטער בארג, אָנגעוואָרפענע פלעשער, פאַרזשאַווערטע טאַטשקע און אַפילו עלוויראַס פאַרקנאָדערטע לייב, אַלץ צוזאַמען האָט געהאַט איין און איינציקן אויסזען — ערד, ערד, ערד...

★ ★ ★

ביים געריוש פֿון אַטלאַנטיק

אויף אַ ברייטער וואַראַנדע, מיט קרישטאָלענע שויבן, וווּ עס איז געעפנט אַ קליין פענסטערל, קוקט סעניאָר מאַקס, צום גרויסן אַטלאַנטיק, וואָס קנוילט זיך, כ׳וואַליעט זיך, זשוזשעט און פייניקט אים מיט זיין גערויש... זיין בלייך קרענקלעך פנים, צוגט אַזש פון שוואַכקייט, פאַרטראַגט ניט די שפּיזנדיקע זון־שטראַלן וואָס שפּיגלען פילקאָלירִיק אויף די בלאַנקנדיקע שייבעלעך. עס רוישט אים אין די אויערן, ווי אין אַ בינשטאָק און די שאַרוועגדיקע ים־כוואַליעס, נאָר, זשום, זשום, און זשום, פאַרגרעסערן נאָך דעם טומל, גלייך די שטורמישע וואַסערן וואָלטן אויף זיין קאָפּ געפּלאָסן: זש. זש, זש, זש. זש. זש.....

רבונו של עולם, אַמאָל — טוט ער זיך פלוצים אַ דערמאָן — אַז ר׳איז דאָ אַהער געקומען פון זיין דושנע ענגן צימערל, האָבן די כ׳וואַליעס דעמאָלט געשפּילט אין זיינע אויערן, ווי מוזיק, בעת איצטער, זיינען זיי ווי שדים, משחיתים, קלאַפּן אין זיין שוואַכן קאָפּ, גלייך מען וואָלט דאָרטן אין אַ ליידיקער פויק געסטאַרקעט...

אַט דאַכט זיך ערשט נעכטן, אַז ר׳האָט געעפנט די „פאָלקס ציימונג״, סעניאָר מאַקס, האָבן דעמאָלט גרויסע אַנאָנסן אַנגעזאָגט בלויז גוטע בשורות: „בעלער מיט באַרימטן אָרקעסטער, שיינהייט־קעניגינס, נייע פירמעס פון גוטן וויין, אָבער היינט: עפנסט אַ ציימונג, איז באַלד — „גרויסער דאָקטאָר פון האַרץ קראַנקהייטן״, „באַרימטער פּראָפעסאָר פון הויכן בלוט־דרוק״, „נייע דערפינדונג פאַר אַרטרעטיזם״... אַלץ אַזעלכע „אויסטראַכטענישן״, צו פאַרביטערן דאָס לעבן...

סעניאָר מאַקס הייבט זיך שווער אונטער פון זיין ברייטן פאָטעל, זיינע אָפּגעשוואַכטע פיס, טוען זיך אַ קרומען גליטש אויפן מאַרמאָרנעם דיל — נאַדיר נאָך אַן אַנשיקעניש, גייסט ווי אויף גלאָז, סאַ געפּרווירענער טייך ניט קיין „פּאַדליגע״...

אין וואַרעמע שטעק שיך, שלייכט סעניאָר מאַקס צום גרויסן סאַלאָן, עפנט מיט אַ קרעכץ די גלעזערנע טיר, פון אַלע זייטן גייען אים אַנטקעגן אַלטע לייט פון די שפּיגלען אַרויס. צעקנייטשטע זקנים, מיט געהאָרבעטע פּלייצעס, באַגלייטן אים אין לופטיקן שלאָפצימער אַריין. זיינע רעוומאַטישע פיס זינקען

איין אין טיפן פּליוש. פיר הויכע פענסטער דרעמלען נגידיש אונטער שווערע פאָרטיערן. צוויי „עשפּומאַ"-קישנס בלאַנקען אַראָפּ פון ברייטן בעט, וואָס האָט אַ פיר קאָנטיקן באַלדאַכין, ווי אַ צעעפנטע חופּה.

סעניאָר מאַקס לייגט זיך מיט שווערקייט אויפן לייכטן מאַטראַץ, לענט אָן זיין מידן קאָפּ אויף איינעם פון די ווייכע קישנס, הענגט אָן זיינע טריבע בליקן אויף דער ברייטער וואַנט פון וואַנען עס קוקט צו אים אַריבער אַ גרויסער פאָרטרעט אויף וועלכן עס איז קינסטלעריש אויסגעמאָלן זיין הויכע ברייט פּלייציקע פיגור, אויף זיין בלאַנדן פּנים איז אויסגעגאָסן — גליק וואָס שפּיגלט אַרויס פון זיינע שוואַרצע, לוסטיקע אויגן, שטראַלן אוים די פרייד פון אַ מענטשן, וועמען דאָס שטיקעלע מזל האָט צוגעשפּילט...

לעבן זיין לינקער זייט, טוליעט זיך קינדיש די אַכצניאָריקע דאָנאַ ליזאַ, וואָס איר ברייט קאַרבירט קליידל, פאַרכאַפּט כמעט דריי פערטל פונם גאַנצן בילד. איר אויסגעפּאַסטע בלוזקעלע, איז מיט אַ קיילעכדיק-טיפן דעקאָלט, געצייכנט אין בולטע קאָנטורן, וואָס טיילן פונאַנדער צוויי קליינע ברוסטלעך, וועלכע שאָטענען זיך רעליעפער אונטער דורכזיכטיקן טיול, איר דריבנע פּני-מל האָט די גלאַטיקייט פון קרעמענעם פאַרצעליי, וואָס איז לייכט באַראָזט מיט העלער פאַרב. אירע אויגן זיינען געצייכנט גרויסע, קיילעכדיקע, אָבער האַלב געשלאָסן, קוקן אוים, ווי אַ קנאָספּע וואָס האַלט זיך ערשט ביים עפענען... צווישן אירע פולע ליפּן טונקלט אַ סודות׳דיק שמייכעלע, הילט איין איר גאַנץ וועזן אין עפּעס אַ מיסטישן טרויער. ביידע געאַרעמט, שטייען ביי אַ האַלב אָפענער טיר, דורך וועלכער עס זעען זיך פליענדיקע מלאָכים וואָס טראָגן אָקעגן צעבליטע בלומענקראַנצן....

סעניאָר מאַקס, קוקנדיק איצטער מיט זיינע האַלב געלאָשענע אויגן, אויפן קינסטלערישן בילד, טראַכט אין האַלבן שלומער: געווען אַ שיינע פאַנטאַזיע פונעם קונסט-מאַלער, צו שטעלן זיי ביידע פאַר דער טיר פון גליק, אָבער, די האַלב געעפנטע טיר האָט זיך ליידער ניט אויפגעמאַכט און די דאָזיקע שוועל איז ער, קיינמאָל ניט אַריבערגעטראָטן... וואָס מער ער קוקט אויפן פאָרטרעט, אַלץ שלעפערדיקער ווערן זיינע אויגן, אַלץ פאַרנעפּלטער די קאָנטורן, ביז ער דערזעט פּלוצים, אַז די האַלב אָפענע טיר נעמט זיך געלאָסן פאַרמאַכן, אַלע ליכט-רעפלעקסן ווערן געלאָשן, שוואַרץ... אָבער אין דער דאָזיקער פינס-טערניש, עפנט זיך ראַפּטום אַנאַנדערע טיר, ווו עס נעמען זיך באַווייזן, ווי אויף אַ פילם-לענטע — אַנדערע בילדער.

אַט איז סעניאָר מאַקס נאָך אַ ווילדער-מאַטל. זיין טאַטע, דער רימאַזש, אַ הויכער ייד מיט אַ ברייטער באָרד רופט אים — „מאַטיש״ — מאַטיש! — האָט ער זיך תמיד געכעסט אויף אים — מאַכאַראַן דעם „סטאַניק״ אין די פּלודערן און הער אויף צו פּאַנעווען מיט די „ראַצערס״... זיין דריבנע מוטער האָט איר מוזינעק גערופן — „מאַטעלע״. — „מאַטעלע״ — פּלעגט זי אים אַ וויש טאָן מיטן פאַרטעך איבערן גאַנצן פּנים — „ס׳נעזל דיינס טרוקנט שוין, מעגסטו אויכעט ווערן אַביסעלע געזעצטער״.

כאָטש דער נאָמען „מאַטיש״, האָט אים בעסער געפּאַסט צום ברייטן פּנים מיטן צעפּלאָשעטן קאָפּ האָר, איז ער פונדעסטוועגן ביי זיין מוטער גע-ווען אַ — „מאַטעלע״...

צו פופצן יאָר, האָט זיך מאַטעלע שוין געחתנט צום שענסטן מיידל אין שטעטל; איי ווי אַזוי האָט אַזאַ שיינע „פופע״ זיך געכלה׳ט צום „האַליעדראַגע״? (זיין צו נאָמען).

איז דער תירוץ געווען — מאַטישל: אויף מאַטעשלען פרעגט מען נישט קיין קשות... פונקט אַזוי האָט מען זיך מער ניט געוווּנדערט, ווען מיט צוויי יאָר שפּעטער, האָט מאַטישל „אויסגעשיט״ די שיינע „פופע״ און אָנגעהויבן פון בראשית מיט עפּעס אַ „דינסטלטשינע״..... אויף מאַטישלען האָט מען אַלץ געגלויבט... נאָר ווען ער האָט דאָס פאַרשאַרטע דינסטמיידל אויסגעטווישט אויף אַן אשת-איש, דעמאָלט האָט דער אָפּגענאַרטער מאַן אים אַ כמאַל געטאָן אין פּנים: — „סטאָפּ מאַשינאַ״...: ווילסט וואַיווען? גוט, אָבער נישט אויף יענעמס רעכיניק... ביז מאַטישל האָט אַ שפּיי געטאָן אויף אַלע קליינשטעטלדיקע „מציאות״ און געלאָזט זיך אין וועג אַריין אָנצוקוקן אַ וועלט...

זיין ערשטע סטאַנציע איז געווען — פּאַריז. דאָס דאָזיקע „שטעטל״ איז אים באַלד אַריין אין האַרץ: דער ברייטער „שאַנס-עליזע״, לוקסענבורגער-גאַרטן „בולאָנער-וועלדל״ מיט טונקעלע אַלעיעס, וואָס תמיד קושט מען זיך דאָרטן אונטער אַלע ביימער... אָבער מיט איין זאַך איז אים געווען שלעכט מען דאַרף דאָרטן אַרבעטן... אויף דעם, האָט ער תמיד געזאָגט, איז פּאַראַן „בעלגישע פערד״... קיין פּאַריז איז ער געקומען — טאַנצן... און אַבי ער האָט נאָר צוזאַמענגעשאַרט אויף הוצאות האָט ער טאַקע באַלד געטאַנצט, מיט די שענס-טע דאַמען, אויף אַ גרויסער שיף, וואָס האָט אים שפּעטער אַראָפּגעלאָזט ביי די שטיינערנע ברעגעס פון ריאָ דע זשאַנייראָ...

נאָך אין פּאַריז, האָט מאַטישל שוין געהערט וועגן דעם גרויסן שם פון בראַזיליאַנער הויפּט שטאָט און טאַקע ביים אַריינפאָרן, זעענדיק פונוויטנס די פּרעכטיקע בערג, נידעריקע הייזקעס, מיט בלומען-גערטענער באַצירטע

איז ער באַלד מסכים געווען, אַז דאָ, איז אַ „גן עדן"... שלעכט איז אַביסל געווען שפּעטער, מיט די גרויסע היצן, אָבער זעענדיק דעם אויסגעשפּרייטן ים אין מיטן שטאָט, האָט ער געפונען אַ רפואה צו דער דאַזיקער מכה אויך: — מ׳וועט זעך שוין אַן עצה געבן מיט די היצן אויך — אַבי געזונט. און ווען פּאַרדינען געלט, איז עס דאָ גלאַט אַ שפּילעכל, בפרט פאַר אַזאַ הויכן יונג מיט אַזעלכע שפּיזיקע פלעמעלעך אין זיינע גרויסע אויגן. ס׳שוואַרצע קענזשערל ליגט אים תמיד ממזריש ביים לינקן אויג. און ווען ער האָט געטאָן דעם ערשטן פּאַטש מיט זיינע שטאַרקע הענט, האָבן זיך בראַזיליאַנער טירן אַליין געעפנט...

סיי ווי האָט מאַטישל דאָס דאַזיקע „קלאַפּעריי" לאַנג ניט אָנגעהאַלטן, געזען דאָ אַזוי פיל „מאַלפּעס" וואָס טראָגן, פאַר אַביסל שוואַרצע פּאַסאַליעס, פולע קוישן אויף די קעפּ; זאָלן זיי אויך טראָגן זיין פּעקל... אָבער גיך איז פון „פּעקל" געוואָרן אַ פּאַק"... האָט מאַטישל אריינגעשטעלט אַ טעלעפאָנדל אין צימערל און ס׳איז באַלד געוואָרן: „קאַזאַ פּיטשאַטש"... אַזוי אַרום האָט ער פאַראייביקט דעם נאָמען פון זיין געבוירן־שטעטל...

אַ שטיק כישוף איז געלעגן אינם דאַזיקן נאָמען „פּיטשאַטש", וואָס בראַזיליאַנער האָבן עס באַין אופן ניט געקענט אַרויסברענגען, אָבער געצויגן האָט עס, אַ מאַגנים... אַפילו שפּעטער, ווען ער איז שוין ניט געווען מער קיין „מאַטישל", נאָר אַ „סעניאָר מאַקס", און שוין געהאַט אַ גרויסע שילד אויף אַ מעבל געשעפטל, האָט זיך נאָך אַלץ געלייענט:

— „קאַזאַ מאַקס פון פּיטשאַטש"...

און דאָס רעדעלע דרייט זיך. סעניאָר מאַקס, קלאַפּט שוין בכלל ניט אין בראַזיליאַנער טירן, קלעטערט נישט מער אויף גליענדיקע בערג, ליידט ניט מער פון די גרויסע היצן, ליגט צומיינסטן אויפן קילן זאַמד און הערט זיך איין צום שטילן פון שאַרכנדיקע ים־כוואַליעס...

אין די שבתים און זונטיקן, ווייסט ניט מאַקס אויף וועלכער שמחה פריער צו טאַנצן... זיינע פייערדיקע אויגן ציען מיידלעך, ווי בינען צום האָניק... אָבער, סעניאָר מאַקס האָט ליב, אַ שמעק דאָ, אַ זוך דאָרטן; סטאַביל, וויל ער עפּעס אַזוינס, וואָס דאַרף ערשט געבוירן צו ווערן... דערווייל איז ער אַן אָפּטער גאַסט אויף די „מאַגנים"... (קוואַרטאַל פון געקויפטער ליבע) דאָרטן פאַרטרייבט ער זיין פרייע צייט...

ווען די שרפנדיקע זון פאַרציט אַ ראָזע דעק־טוך איבערן טונקל געוואָרענעם אַטלאַנטיק, נעמען זיך די „מאַגנים" וועקן פון בייטאָגיקן דרימל. אַ שורה נידעריקע שטיבלעך מיט צעעפנטע „שוי־פענסטער" נעמען ליכטיקן אויף פוסטע

טרעטואַרן, רויטע לעמפּלעך וואַרפן געדעמפּטע רעפלעקסן אויף האַלב נאַקעטע פּרויען־לייבער, וועלכע שטייען פּשוט אין די פענסטער, ווי יעדער מין סחורה וואָס מען שטעלט אַרויס צום פאַרקויפן...

סעניאָר מאַקס איז אין יענער געגנט אַ היימישער מענטש, קען גוט אַלע „קוואַליטעטן", דאָרטן האָט ער קיינמאָל ניט געוואַרט אויף — סורפּריזן...

און דאָך...

געווען איז דאָס אין אַ שבת צו נאַכטס. אינדרויסן אַ וואַרעמער האַרבסט־אָוונט. דער הימל, בלוי און גלאַטיק, ווי סעניאָר מאַקסעס אויסגעפּרעסטער אנצוג...

אויף די „מאַנגים" — סודותדיקע ליכטער, אין די אויסגעפּוצטע פענסטער, פּערפּומירטע „ליאַלקעס", די לעבהאַפטע באַוועגונג, ווי ערב אַ חתונה...

סעניאָר מאַקס האָט שוין געהאַט פאַרויס באַשטימט צו וועלכן פענסטער ער וועט היינט צוגיין, אַפילו ניט אַריינגעקוקט אין אַנדערע טירן, געוווסט וווהין עס פירן זיינע טריט, אָבער שוין נאָענט צום באַשטימטן פּלאַץ, האָט פּלוצים אַ קנעפּל פון זיין אַרבל זיך פאַרטשעפּעט אין עפּעס אַ האַלב פאַרמאַכטן לאָדן און — דאָ זיינען זיינע בלאַנדזשנדיקע אויגן אַ פאַל געטאָן אויף אַ ווייסן, כמעט אינגאַנצן נאַקעטן פּרויען־קערפּער, וועמענס רונדקייט און פולקייט האָט, ווי עפּעס אַן אויפטויכונג פון אַ וואַסער־נימפע, אים אַ שווינדל געטאָן פאַר די אויגן... באַלד האָט ער אויך באַמערקט אירע געטאָקטע פּיס און גלאַנציק־אַלבאַסטער־פּנים, ווי אויסגעמאָלן אויף אַ לייוונט...

מאַקס האָט געטאָן אַ פּאָר טריט אויף צוריק, אין זיינע שוואַרצע אויגן האָבן אַריינגעלויכטן אירע צוויי בלויע פּייערלעך, ווי גאַז־ליכטער דורך אַ ווייסער זשיראַווקע אויסגעקוקט, אַ מאָדעלקע וועלכע פאַזירט פאַר אַ קינסטלער און געשטאַנען איז זי אין אַזאַ פּאָזע, ווי אַ מאַדאָנע, וואָס קוקט פאַרשעמט אויף איר בלענדיקער נאַקעטקייט...

זיינע פאַרחידושטע בליקן זיינען שוין געבליבן הענגען אויף אירע „בלויע פּייערלעך" ווי שטאַלענע נאָדלען צוגעצויגן פון אַ מאַגנעט... זיינע פאַרהאַלטענע טריט, האָבן שוין, ווי ביי אַ לונאַטיקער אַליין גענומען אַריינ־שפּרייזן אין דער אָפענער טיר:

— ביסט אַ נייע דאָ? —

— יאָ.

האָט זי ווי פאַרשעמט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ און, ווי געזוכט מיט עפּעס צו פאַרדעקן איר אַנטבלויזטע ברוסט...

דערוויל האָט סעניאָר מאָקס באַמערקט, אַז איר אַקצענט איז עפּעס אַזאַ טיפּיש-היימישער און אויסטערליש באַקאַנטער...

— פון וואַנעט קומט דאָס גאָלדענע „פישעלע”?

— פון דער גאַנצער וועלט — ענטפעו״ט זי מיט אַ שעלמישן בליק פרעגנ-דיק באַלד אויף צוריק: — און איר?

— אויך פון דאָרטן — ענטפערט ער שפּאַסיק.

— אויב אַזוי — גיט זי צו קליגעריש — זיינען מיר דאָך לאַנדסלייט?

— „אַוואַדע” — ווערט ער אויפגעהייטערט און פרעגט שוין מיט אַ גלעט אין בעקל:

— ווי הייסט דאָס שיינע מיידעלע?

— ראַקעל.

— אפשר, רחל? — קוקט ער איר גלייך אין די אויגן אריין:

— געטראָפן — ענטפערט זי שוין אין א זאַפטיקן יידיש...

— אויב אַזוי, רחלע — האָט ער איר אַ נעם געטאָן ביי די הענט, — „טשאַרט פאַבערי” — אַ יידישע מויד? גיי און טו זיך שוין אָן. ווייל היינט וועלן מיר פאַרברענגען אויף גאָר אַנאַנדערן אופן...

און בעת זיין וואַרעמע האַנט האָט שפּעטער שוין געדריקט איר דעליקאַטן אָרעם, פירנדיק זי, ווי אַ געפונענעם אוצר, ביים ראַנד פון אַטלאַנטיק, זיינען אירע שטילע רייד געפלאָסן אַזוי ווייטיקלעך, ווי אַ שנירעלע פריש בלוט פון אַ צעעפנטער ווונד....

— יאָ — האָט זי טרויעריק געשאָקלט מיט איר שיינעם קאָפּ — וואָס איז דאָ די נפקא מינה, ווער און וואָס „ער” איז געוועזן — אַ מאַן, אַ ליגנער, אַוועקגעפירט פון טאַטע מאַמע און שפּעטער — פאַרקויפט... אַפילו אַ קינד איז געקומען, ווייסט זי ניט ווו און ווער עס איז דער טאַטע... אָבער:

— גענוג! רחל! — האָט סעניאָר מאָקס ניט געלאָזט איר ווייטער רעדן — כ׳וויל מער גאָר נישט הערן, פאַרגעס אינעם נעכטן, היינט הייבט זיך אָן אַ ניי קאַפּיטל אין אונדזער ביידנס לעבן...

* * *

ביים גערויש פון אַטלאַנטיק

די ברייטע „אַווענידאַ אַטלאַנטיקאַ”. איז נאָך דעמאָלט באַזעצט געווען פון פאַלאַסעטלעך, רחבות׳דיקע גערטענער, הויכע ביימער, שמעקנדיקע בלומען, און האָט נאָך געטראָגן דעם אויסזען פון געמיטלעכער דאָרפישקייט.

סעניאָר מאַקס האָט באַלד באַשלאָסן, נאָכן צוזאַמענוווינען מיט רחלען, ניט צו זיין בלויז אַ גאַסט אויף קאַפּאַקאַבאַנאַ, נאָר ווערן, צוגלייך מיט אַלע „אויסטויגערס" — אַ תושב...

געקויפט אַ קליין פּאַלאַסעטל, ווו אַ גרויסע זון האָט אַריינגעלויכטן דורך אַלע טיר־פענסטער... אָבער, ווי אין אַ גוט פאַלירטן געהילץ, עס כאַפּט זיך אַמאָל אַריין אַ קליין ווערמל, וואָס בוייערט אַדורך דעם גאַנצן פונדאַמענט, אַזוי האָט אויך אין זייער צוזאַמען־לעבן טיף געפּיקט אַ פאַרבאָרגן שרצ'ל, וואָס האָט פאַרביטערט דעם „האָניק" פון זייער לעבנס־פרייד...

דער יידישער ישוב פון ריאָ איז נאָך קליין. איינער קען דעם צווייטן, נישט ערגער ווי אין די אַלטע היימען. אין די ימים טובים, ווערט אַ קליין סאַ־לאָנדל פאַרוואַנדלט אין אַ מין שולכל, ווו יידישע אימיגראַנטן דאַוונען, וויי־נען, בעטן צו גאָט, אויך ניט ערגער ווי אַמאָליקע צייטן...

סעניאָר מאַקס מיט רחלען, וואָס האָבן דערווייל געפירט אַ גליקלעך לעבן, האָט אין די ימים נוראים אויך געצויגן צו יידישע טראַדיציעס. בפרט רחלע, האָט אין אַזעלכע טעג געזוכט אויסלייזונג... באַהעפטונג מיטן ריינעם אָרנטלעכן — אַמאָל... טאַקע געווען אַ קרבן, אַ פאַרפירטע, אָבער מענטשן זיינען ניט גרייט אין אַזעלכע פאַלן צו גלויבן... מוחל צו זיין...

אָנגעטאָן אין ווייסן זייד, צנועת'דיק פאַרשפּילעט ביזן האַלדז, אין אַ ברייטן הוט באַהאַלטן אירע בלאָנדע לאָקן, אויפן איידעלן פּנים, אַ שטילער צער און מיטן געגילדטן סידורל אין אירע ווייסע הענט, האָט זי אויסגעקוקט, ווי עפּעס אַ פאַרבלאָנדשעטע פּרינצעסין.....

אָבער עולם, וואָס האָט געוווּסט פון וואַנעט מען האָט זי אַרויסגענומען, האָט זיך געהאַלטן זייטיק, יחוסדיק געבלאָזן, געשמייכלט פאַרבאָרגן און קוים געענטפערט אויף איר פריינדלעכער באַגריסונג... און דאָס האָט זי גע־גריזשעט... געברענט... געטאַטשעט...

סעניאָר מאַקס אָבער, האָט אַ שפּיי געטאָן אויפן גאַנצן קהל — „כ'האָב אייך אין „ויאמר" — אבי ער האָט נאָר די „קלינגערס", איז די וועלט גאַנץ שיין אָנעם יידישן „קלאַפּער־געצייג אויך"...

אָבער רחלע, דעליקאַט, סענטימענטאַל, האָט דעם חוזק ניט געקענט אַראָפּשלינגען... בפרט ווען איר קינד האָט געמוזט גיין אין אַ קריסטלעכער שולע — אין דער יידישער האָט זי מורא געהאַט פאַר־קאָמפּליעקסן... איז איר ווונד געבליבן — פאַרצויגן, אָבער ניט פאַרהיילט...

סעניאָר מאַקס איז דערווייל אַריין אין מסחר מיט בראַזיליאַנער אינדוס־טריע. געהאָלפן אַנטוויקלען די היגע פּוסטע, דרעמלענדיקע נאַטור אוצרות. רחלע, מיט איר קלוגן קאָפּ און קייזערלעכער שיינקייט, האָט באַקומען פּראַטעק־ציע ביזן פּרעזידענט... געהאָלפן מאַקסן צום גיכן אויפשטייג...

דערווייל וואַקסט זייער פירמע, וואָס טראָגט שוין אין אַ פאַרקירצטן ראשי־תיבות ביידנס ערשטע נעמען: „רח־מאַק".

אויף אַלע זייערע פירמעס, שילדן, לאַסטוועגענער, וועלכע האָבן געליפערט אייגענע פאַבריקאַציע, אומעטום, אויסגעקריצט:

„קאַזאַ „רח־מאַק" פון פּיטשאַטש"...

פליסט זיך אַזוי זייער שפּיגלדיק „טייכעלע", אין דער נאָענטקייט פון ברויזנדיקן אַטלאַנטיק. וואַקסן טראָפּישע בלומען אַרום זייערע בלאַנקנדיקע פענסטער, שפּריצט אַ פיל־קאָלירק פאָנטאַנדל אינמיטן פון צעבליטן גאָרטן, גייט זיך זייער לעבן רויק און־זיכער...

אַרום דער פּראַיע קאָפּאַקאַבאַנע, נעמען פלוצים פאַרשווינדן אַלע קליינע פּאַלאַסעטלעך, אויף זייערע ערטער ווערן אויפגעשטעלט גראַנדיעזע „עדי־פיסאָס", (בנינים), וועלכע נעמען אַריין הונדערטער פאַמיליעס אונטער איין דאַך ס׳עפענען זיך נייע לוקסוס געשעפטן, באַרימטע פירמעס שטעלן פיליאַלן, ס׳פייפן קומענעס פון גרויס־פאַבריקאַציע, ביז דאָס געוועזענע קאָפּאַקאַבאַנעכל, ווערט אַ פּרעכטיקע — „קאָ פּאַ קאַ באַ נאַ"... ווו עס רוישט שוין ניט בלויז דער אַטלאַנטיק, נאָר אויך דער אַנטוויקלטער האַנדל, אויפגעקומענע גבירים, קאָנקורירן שוין — ניט בלויז צווישן זיך נאָר אויך מיטן ים־גערויש... מען ווייסט שוין ניט ווער עס טומלט שטאַרקער...

אין דאָזיקן „גערויש־אָרקעסטער", שפּילט די ערשטע פידל, „קאַזאַ רח־מאַק פון פּיטשאַטש"... הגם זייער קליינער פּאַלאַסעט איז נאָך אַלץ געבליבן — אומבאַרירט, אַ קאַרליקל צווישן ריזן, אַרומגעצוימט, אַרומגעפלאַנצט, אַרומגע־הילט מיט שטילער ליבשאַפט, „אַ בן יחידל" צווישן הויכע „קאַסטענים"...

* *
*

סעניאָריטאַ מאַגדאַ, רחלעס טעכטערל, מיט איר מוטערס קיילעכדיקע אויגן, טונקל סלאַווישן פּנים, האָט געוווּסט, אַז סעניאָר מאַקס איז נישט איר פאָטער. אויך געהאַט אַן אומקלאָרע אַנונג, אַז איר מוטער באַלאַנגט צו „זשודעאָס". (יידן) אָבער זי אליין האָט ניט געפילט קיין שום צוגעבונדנקייט צו קיין שום

נאַציע... דערצװוּגן פֿרײַ, אין רײַכטום און אין לוקסוס, זענען איר בראַזיליאַנער חברים ניט װיניקער נאָענט געװען, װי טערקן ייִדן, פּאָרטוגעזער... דערפֿאַר האָט איר שטאַרק געװוּנדערט, װען זי איז געקומען פֿאָרשטעלן פֿאַר איר מוטער איר בראַזיליאַנער־אױסדערװײלטן, האָט אַ טונקל װאָלקנדל זיך פֿאַרצויגן איבער רחלעס שײנעם פּנים...

דאָנאַ ראַקעל האָט ניט פֿאַרמאָגט קײן אַרגומענטן צו קענען איר קינד שטערן, צוריקהאַלטן, ניט דערלויבן, אָדער אַפֿילו בלויז אויפֿװײַזן, אַז זי באַלאַנגט גאָר ערגיץ אַנדערש...

אירע בלאָנדע לאָקן זענען נאָר פֿלוצים געװאָרן — װײַסער. איר געטאָקט פּנים — מיט דריבנע קנײטשעלעך און זי אַלײן, רחלע, שװײַגנדיק, פֿאַרטרױערט און פֿאַרטראַכט. איר געװעזענע טראַגעדיע האָט באַקומען אַ נײַ פּנים, אַ פֿרישע װוּנד, אַ המשך... דער פֿאָדים פֿון דאָזיקן אומגליק איז נאָך געװען ערגיץ פֿאַרטשעפּעט, אָבער, ניט איבערגעריסן... די פֿאַרזעצונג הײבט זיך ערשט אָן... אמת — מען האָט איר אַ מאָל איגנאָרירט אויף ייִדישע שמחות, ניט געװען אָנגעלײגט אין אַ ייִדישער שול — דערפֿאַר איז אפֿשר אויך איר קינד אָפּגעריסן געװאָרן פֿון דאָרטן?... אָבער איר אײגן האָרץ, איז נאָך קײנמאָל נישט אַװעק פֿון זיי... זי דאַװנט טאַקע ניט, קומט ניט מער אין יענע רײען, אָבער טיף אין איר נשמה, איז רחלע געבליבן דאָרטן... איצט דראָט איר די סכּנה, אַז איר קינד זאָל אַװעק פֿון יענעם שטאַם... אָבער, צוריק געשמועסט; װײסט זי דען אויף זיכער אויב איר קינד קומט אַרוים פֿון אַ ייִד? — זי האָט ניט קײן שום באַװײַז דערצו... דערפֿאַר איז איר צער געװעזן נאָך גרעסער...

רחלע האָט געשטיקט אין זיך די װײטיקן, שטיל געליטן, געשװיגן ביז — די רעזולטאַטן האָבן זיך באַװיזן.

אין אַ ליכטיקן פֿרימאָרגן, די גאָלדענע פֿײגעלעך האָבן געטרילערט, אַ צעשטראַלטע זון געװען אויסגעשפּרײט אויף רחל׳עס בעט, אָבער זי אַלײן איז געלעגן מיט אַ געלער מראה, װײטיקלעך געקרעכצט, איר האַלבער קערפּער איז געװען — פֿאַראַליזירט... אין אָנהויב, האָט סעניאָר מאַקס גערופֿן די גרעסטע פּראָפֿעסאָרן, װעלכע האָבן קודם פֿעסטגעשטעלט אַ גײַסטיקע צערודערונג... אָבער זי אַלײן איז זיך משער געװען, אַז איר „געװעזענע לעבן" און איצטיקע לײדן, האָבן געחת׳מעט איר גורל...

זינט דעמאָלט, איז דאָנאַ ראַקעל געזעסן אין אַ ספּעציעל אויסגעבעטעטער שטול, שײן פֿאַרפּוצט, גוט פֿריזירט, מאַניקורטע נעגל, אָבער, געמוזט באַדינט

ווערן צו אַלע נאַטירלעכע באַדערפֿעענישן... און דער עיקר, אין אַזאַ צושטאַנד, האָט זי, צו איר געליבטן מאַקס ניט געקענט מער זיין קיין ווייב...

* *

*

סעניאָר מאַקס, איז שוין דעמאָלט געווען אַ מאַן אין די פופציק, ער האָט זיין לאַנגיאָריקער געליבטער פאַרזיכערט, אַז: — איר גורל איז אויך זיינער...

מילא, בייטאָג, איז דאָנאַ ראַקעל געזעסן אין איר ספּעציעלן פאָטעל, אויסגעפּוצט, באַשמעקט, כאָטש איר ליכטיק שמייכעלע איז געווען מיט אַ נעפּל פאַרצויגן און איר קרעפּטיקע שטימע, אַביסל דינער, אָנגעצויגענער, ווי אַ צאַרטע סטרונע וואָס קען בייַ יעדן באַריר — פּלאַצן... אָבער, אירע בלויע אויגן האָבן נאָך געלויכטן און אַ קוש אויף איר ווייכע שטערן האָט נאָך געהאַט אַ טעם... נאָר אין די נעכט, איז די לאַגע געווען אַביסעלע פּריקרע...

רחלע, וואָס האָט געמוזט האָבן שטענדיקע באַדינונג, איז געשלאָפן אין אַ באַזונדער צימער, ס׳רוב געקרעכצט, געוויינט אין דער שטיל...

אָבער סעניאָר מאַקס, אויב ער האָט ניט געקענט שלאָפן, איז ער געשטאַנען ביים אָפענעם פענסטער, געקוקט ווי די שאַרכנדיקע כוואַליעס דרייען זיך, וויקלען זיך, קנוידערן זיך, איינס אין אַנדערן, איינס אויפן אַנדערן, טוליען און קושן זיך, רוישן אַזש פאַר עקסטאַז... בלויז ער קוקט אויף דער פּוסטקייט פון זיין שיינער שטוב און — גענעצט... אין אַלע ווינקעלעך דעמערט אַ פאַרגלי־ווערטער טרויער און די גלעזערנע טיר צו רחלעס פאַרמאַכטן צימער, דערמאָנט אים באַלד אין אירע פאַראַליזירטע פיס...

* *

*

אָנגעהויבן האָט עס זיך מיט רייזן — ער דאַרף אַביסל אַרויספאָרן, מאַקס, אויף איין טאָג נאָר, געשעפטלעך... און אַז דער „מסחר" האָט זיך איינגעגעבן, פאָרט ער שוין אויף צוויי טעג... אַזוי אָ, צוביסלעך, ניט אויף איין מאָל, האָבן זיך זיינע רייזעס גענומען פאַרגרעסערן... פאַרלענגערן... ביז סעניאָר מאַקס איז געוואָרן אַ גאַסט אין זיין שטוב...

דאָנאַ ראַקעל איז מיט יעדן טאָג געוואָרן בלאַסער און נערוועאישער... איר צאַרטע פילבאַרקייט האָט ניט פּראָטעסטירט, ניט געשריגן, ניט געוויינט, נאָר כמעט ווי אויפגעהערט צו רעדן.

נאָר ווען סעניאָר מאַקס האָט גענומען אויספּעלן אויף גאַנצע וואָכן, דעמאָלט האָט זיך עפּעס אין איר גענומען רעוואָלטירן.

רחלע האָט גענומען דריקן אין זיך, געוואָרן נאָך שווייגנדיקער, פאַרביסענער, איר קראַנקהייט האָט גענומען פּראָגרעסירן...

אַז סעניאָר מאַקס האָט זיך לסוף אַמאָל באַוויזן, האָט דאָנאַ ראַקעל, צום ערשטן מאָל איצט אַ זאָג געטאָן, כלומרשט מיט אַ געלעכטערל: אַז: — זי האָט גערעכנט, ער פאַרמאָגט אַ טראַפּעלע מער „געדולד"; וואָרעם וואָס איז דאָ די איילעניש?... איר קרענק איז דער אָן אייביקייט?? — סוף כל סוף וועט ער באַפרייט ווערן, איז נאָר אַביסעלע „געדולד" — דערלויבט זי זיך דאָס דאָזיקע ביי אים צו בעטן...

* * *

סעניאָר מאַקס, אויף זיינע אָפטע, רייזעס, שפּאַצירט זיך אַמאָל געמיטלעך אויף אַברייטן בולוואַר, קוקט מיט נייגער אין די רייכע געשעפטן, באַוווּנדערט זייערע גוט אויסגעשטעלטע שוי־פענסטער, באַווייזט זיך פּלוצים, פון אַ זייטיק געסל, אַ שלאַנקע מיידל, טענצלט אונטער אויף הויכע קלעצלעך און בעת זייערע בליקן האָבן זיך צופעליק באַגעגנט, איז אירם אַ הויכער קנאַפּל פּלוצים אַריין אין אַ דראָטענער נעץ און שוין ניט געקענט פון דאָרטן אַרויס... סעניאָר מאַקס האָט באַלד געהאָלפן באַפרייען איר קליין פיסל פון דער שאַטקע, אָבער, ער וועט דאָך אַזאַ „שיין קינד" אינמיטן גאַס ניט לאָזן האַלב באָרוועס?...

אַ טאַקסי האָט זיי באַלד געפירט צום שוסטער און ביז דאָס הויכע קלעצל איז צוריק געזעסן אויפן נידעריקן שיכל, האָט סעניאָר מאַקס שוין געוווּסט, אַז די דאָזיקע „פּרינצעסין" איז דאָס פינפטע טעכטערל פון אַ צוועלף־פּערזאָניקער אימיגראַנטן־פאַמיליע, וועלכע זוכט ערשט די וועגן צום בראַזיליאַנער „שמאַלץ־טאָפּ".

וועטשערע האָט ער שוין געגעסן טאַקע ביי דער „פּרינצעסין" אין אַן אָרעמער שטוב. געקומען אָנגעטאָן — אַ לאָרד. אויפן מיטלסטן פינגער האָט געבלענדט אַ גרויסער בריליאַנט, — אינעם ברייטן קראַוואַט, אַן ענלעך „שטיינדל", אין זיין געפּרעסטער לאַץ, אַ באָרדאָ רויז, און — האָקן אונטער דער צונג האָט מען אים אויך ניט געדאַרפט...

אין טעאַטער איז ליזעטשקעס געלאָקטע קעפּל שוין געלעגן אויף מאַקסל'ס ברייטן אַקסל און צום געזעגענען, שוין געפילט דעם זיסן טעם פון אירע האַלב געעפנטע ליפּן...

אָבער, אַ „סוד" האָט סעניאָר מאַקס יאָ געמוזט פאַרטרויען צו ליזעטשקען, נאָך איידער זיי גייען אונטער דער חופּה:

— זיין „איידל הארץ האָט אַמאָל „רחמנות" געקראָגן אויף אַן אומגליקלעך פּאַרפּירט מיידל, מיט איר אַביסעלע געווינס, געשטיצט, געמוטיקט... איצטער איז זי נעבעך קראַנק, צערודערט, דאַרף זי ניט וויסן וועגן זייער חתונה... ווייל — סיי ווי — אירע וואָכן זענען געציילטע...

* *

*

גוטע „פריינד" זענען פאַראַן אויף דער גאַנצער וועלט, און דאָנאַ ראַקעל האָט אויך אַזעלכע געהאַט. געקומען כלומרשט מבקר חולה זיין, העלפן פאַר־טרייבן דעם „לאַנגוויל", געוואָר ווערן ווען קומט שוין סעניאָר מאַקס פון זיינע „רייזעס"... און אין איין וועגס, איבערגעלאָזט עפּעס אַ „קלאַנג": — „דער טויבער האָט געהערט, דער שטומער האָט גערעדט, דער בלינדער האָט געזען — אַזוי און אַזוי — געוועזן אַ גראָסאַרטיקע חתונה...

מער האָט יענע ניט באַוויזן צו דערציילן... ווייל דאָנאַ ראַקעל האָט סיי ווי גאָר ניט מער געהערט... אירע בלויע פּייערלעך אין די אָפּגעשוואַכטע אויגן, האָבן געגעבן אַ שטילן אויפליכט און — ווי אַן אויסגעברענטע קנויט אין אַ צאַנקנדיקן לאָמפּ, געגעבן אַ שטילן קרעכץ און — אויסגעגאַנגען...

* *

*

דאָס קליינע פּאַלאַסעטל פון „רח־מאַק" האָט באַלד געטאָן אַ שאָס אַרויף, גליך מיט אַלע צוועלף־גאָרנדיקע „קאַסטענים". סעניאָר מאַקס מיט זיין יונג ווייבל האָבן זיך פאַרקליבן העט ארויף אויבן, ווו דער שפּיץ פון „עדיפיסיאָ" האָט געקראַצט די וואָלקנס...

אָפּגעווישט דעם „רח־מאַק", אַרויפגעשטעלט „ליזאַ־מאַק" און זייער „ליבע" איז געוועזן גרויס, אָבער זייער ריזן־אַפּאַרטאַמענט, פון אַ גאַנצן שטאָק, בלויז פאַר צוויי מענטשן, איז געווען — נאָך גרעסער... סעניאָר מאַקס האָט די דאָזיקע גרויסע צימערן געדאַרפט אויספילן — אַ חוץ מיט טייערע מעבלען, אויך מיט אַביסעלע — לעבן... בפרט מיט אַזאַ ווייבעלע וואָס טאַנצט ערשט אַריין אין די ניינצן, בעת ער שלייכט זיך שוין צו די מיטלסטע פופציקער... איז, מילא; אַ „חתונ'קעלע אין רייכע סאַלאָנען: „פאָזשנאַ", (ביטע זייער), אַ מצווה־טענצל מיט דער כלה'שי, נאָך אויך צום דערליידן, אָבער זיך שפּעטער שפּילן אין „כאַפּעלעך" איבער אַזעלכע גרויסע סאַלאָנען, מיט אַזאַ „שניעקל", קלאַפּט אים דאָס הארץ אַביסל צו שטאַרק...

דאָך פונקט צו אירע צוואַנציק, איז געקומען די „מתנה" צו זיינע פינפאונפופציק — אַ בלאָנדע מיידעלע, וואָס האָט אַביסל פריילעכער געמאַכט די אומעטיקע סאַלאָנען... נאָך גרעסער איז געווען די פרייד, ווען מיט צוויי יאָר שפעטער, איז אויך געקומען אַ ייִנגעלע...

סעניאָר מאַקס האָט איצטער געלעבט אין אַ באַצויבערנדיקן שלומער: אַזוי פיל גליק אין האַרבסט פון זיין לעבן? ווי לאַנג קען דאָס נאָך אָנהאַלטן?...

דאָנאַ ליזאַ, וואָס האָט נאָך איסגעקוקט, ווי אַ יונג „טשיפּעלע", האָט אירע קינדער געלאָזט צו די דינסטן און אַליין געוואָלט — טאַנצן, גיין אין טעאַטער, אויף קאָנצערטן: — נישט אויף ניאַנטשען קינדער האָט זי חתונה געהאַט מיט מאַקסן?... סעניאָר מאַקס ווידער, האָט דווקא געטראַכט, ווי אַזוי צו פאַרשפּילן דאָס דאַזיקע „פלאַטערל" מיט אַ סך קינדערלעך — וועט איר ניט ליגן קיין פלי־פייגעלעך אין קאָפּ... מילא — איז מיט דריי יאָר שפּעטער ווידער געווען אַ „מזל טוב"...

יאָ, אָבער, זיך יאָגנדיק נאָכן פערטן קינד, האָט אים אַמאָל אַזאַ שווינדל געטאָן אין קאָפּ, גלייך מען וואָלט אים דאָרטן מיט אַ דובינקע דערלאַנגט...

מילא, וואָס עס טרעפט זיך אַמאָל מיט אַ מענטשן? — נאַרישקייטן, ס'וועט איבערגיין...

נאָר צום צווייטן מאָל איז שוין זיין קאָפּ ארונטערגעפאַלן צו די פלייצעס און די פיס, ווי אונטערגעזעגטע קלעצער, מיט ווייטיקן וואָס האָבן געשאָסן, ווי האַרמאַטן... לסוף איז ער אַמאָל אינגאַנצן געפאַלן אין חלשות ווי אַן אונטער־געזעגטער בוים... ביז דער דאָקטאָר האָט אים איינגערוימט אַ סוד אויפן אויער: — „גענוג": — סיידן, אַ מאָל אין אַ שמיטה, אַז ס'וועט זיך „צוקלעפּן", אַ קינד איז, מהכתיתי אָבער, נאָכלויפן; איז נישט מער פאַר זיינע כוחות...

דעם דאָקטאָר איז עס גרינג אָנגעקומען, ער האָט זיך ניט אַרומגעדרייט אין אַזעלכע לוקסוס־סאַלאָנען מיט אַזאַ חנעוודיק „שפּרינגופּקעלע", וואָס אירע געקרויזטע האָר זענען תמיד געווען צעקודלעט... און איר זיידן שלאָפּרעקל — אינגאַנצן אָן קנעפּלעך... פליט אַרום איבער די ליכטיקע צימערן, ווי אַ שמעטער־לינג, זוכט עפּעס, זוכט... זוכט. קעמט כסדר די געדרייטע לאָקן, זינגט זיך אונטער אַ פריילעך לידל און — לאַכט, כעכיט: מ'קען משוגע ווערן... גיי־זשע זיי אַ בריה... און פאָלג דעם דאָקטאָר...

האָט ער טאַקע נישט געפאָלגט, טעניאָר מאַקס... נאָר ווען ר'איז אַמאָל, נאָך אַזאַ „יאָגעניש", געבליבן אינגאַנצן אָן אָטעם האָט מען גלייך פעסטגע־שטעלט. אַז זיין „בלוט דרוק", יאָגט אים נאָך...

* *
*

אין די גרויסע סאַלאָנען האָט זיך אָנגעהויבן אַ סדרה פון — געסט... די יונגע ליזעטשקאַ, איז מיט יעדן טאָג געוואָרן רייצנדיקער און שענער.. זייערע קינדער, שוין אַביסל דערוואַקסן, גייען אין שולע, סעניאָר מאַקס טוט נאָך אויך אַ מאָל אַ שמעק צו זיינע מסחרים, בלייבט זי אינגאַנצן אַליין, מיט איר צעבליטער יונגשאַפט, צופּט אירע געפאַרבטע ב'דעמען ביים שפּיגל, מאַכט פאַרשידענע פריזורקעס, פאַנטאַזירט, חלומט און טראַכט: — זי איז דאָך ערשט איצטער, אַ צעבליטע רויז, וואָס זאָל זי טאָן מיט איר יונג-צאַפּלדיק לעבן? ווו זאָל זי עס אהין טאָן? — קינדער? — אַוואַדע, יאָ, קינדער, איז קינדער, אָבער זי איז דאָך אַליין אויך נאָך אַ קינד...

אין די אָוונטן, בליאַסקען די צעשטראַלטע ליכטער פון די שפּיגלען אַרוים. אויף דער מאַרמאָרנער וואַראַנדע שטייען קליינע טישעלעך מיט גרויסן כיבוד, אַרום זיצן — געסט... און זי, ליזעטשקאַ, העלפט דעם דינער סערווירן... בלאַנקט מיט איר געסקליאַרוועט לייב, איר גלאַטיקע הויט, ווי געטאָקטער העלפאַנד — ביין, מיניעט זיך, ווי סאַמעט, און אינגאַנצן קוקט זי אויס, געשניצט און געמאָלן — אַ ווענוס. טאַנצט מיט איינעם, פלירטעוועט מיט אַנאַנדערן, פליט אַרום אַ „הייסע שמחה", מיט גליענדיקע אויגן, ווי שוואַרצער אָניקס, בלישטשען, בלענדן, אירע פאָמאַדירטע האָר גלאַנצן, פון איר טיפן דעקאָלט שמעקט אַרוים, ווי פון אַ בלומען-גאָרטן...

סעניאָר מאַקס „שמייכלט" צו פונוויטנס, האָט „הנאה וואָס דאָס „קינדלעבן פאַרוויילט זיך אַביסעלע..." נישט מער, ווען ער באַמערקט, ווי אַ „פריינד" האַלט איר נענטער צו זיין ברוסט, נעמט זיך עפּעס קאָכן אין אים, הייבט אים פון בענקל און — ער שטעלט זיי פלוצים אָפּ מיט אַ געלעכטערל: — „ביסט נישט מיד, קינדעלע?"...

אָבער, „ס'קינדעלע" איז נאָר דעמאָלט מיד, ווען זי בלייבט מיט מאַקסן אַליין, ווען ער וויל אַמאָל אויך זיך אַ דריי טאָן מיט איר... דעמאָלט, פאַרבינדט זי דעם קאָפּ מיט אַ נאַס טיכל, לייגט זיך אויפן בעט: — זי איז נישט „דעס-פּאַשטאַ", (אויפגעלייגט) זי וויל בעסער — שלאָפן...

אָט דער דאָזיקער ניט „דעספּאַשטאַ", האָט אים דערמאָנט אין אָן ענלעכן אָפּזאָג וואָס ער האָט אַמאָל געגעבן צו דאָנאַ ראַקעל, ווען זי איז שוין געווען ערנסט קראַנק... אָבער, נאָך אַלץ ניט געהאַט שלום געמאַכט מיטן גורל... אים געצערטלט, געצויגן צו זיך, כאָטש געוואָלט אַ קוש טאָן זיין קאָפּ... פון איר האָט שוין אָבער געשמעקט מיט שטאַרקע רפואות... און ער האָט דעמאָלט

אויך אַזוי געזוכט אַ שטיקל אויסרייד; — כ׳בין ניט „דעספּאַשטאַ״ — האָט ער דעמאָלט זיך אַרויסגעדרייט פון אירע צערטלעכע אָרעמס...

— יאָ — יאָ, דאָס רעדעלע דרייט זיך... ערגעץ איז ווייזט אויס פאַראַן אַן עמיץ וואָס פירט חשבון?

סעניאָר מאַקס דערמאָנט זיך אַפילו אַ קוריאָז וואָס ער האָט אַמאָל געלערנט אין חדר:

„פּקד — פּקדתי״ — „באַפוילן האָסטו באַפוילן״: אָבער די קליינע „לאַבוסעס״ האָבן דעמאָלט געטייטשט: — „פּקד״: האָסט „געפּיקט?״ — פּקדתי וועט מען דיך אויכעט „פּיקן״... איצטער איז עס אינגאַנצן אַנגעמאָסטן אויף אים...

אין אָנהויב, האָט דאָנאַ ליזאַ נאָך געזוכט תרוצים — נישט אויפגעלייגט, מיד, קאָפּ־ווייטיק. אָבער שפּעטער, ווען צו זיין הויכן בלוט־דרוק איז נאָך צוגעקומען אַ „טראָפּעלע״ מער צוקער אין בלוט, האָט זי שוין ניט געזוכט קיין אויסרייד, נאָר שטרענג אַ זאָג געטאָן:

— „טאָרסט נישט מער „נאַשן״ „גאָר נישט״... אַלצדינג. האָט זי אַריינ־געלייגט אין דעם וואָרט „גאָרנישט״...

נו, זאָל מען ניט געפּרוּווט ווערן צו וואָס אַ מענטש קען זיך אַלץ צוגעוווינען און, סעניאָר מאַקס, האָט זיך אויך צוגעוווינט...

אָבער קורץ נאָך אירע פאַרזאָגענישן האָט זיך סעניאָר מאַקס אויפגעכאַפּט מיט אַ געשריי: — מיינע הענט! געוואָלט וואָס טוט זיך מיט מיינע הענט?!!...

אין בעט, לעבן אים, זענען זיינע הענט געלעגן, ווי צוויי אָנגעבלאָזענע קישעלעך, האָבן געבראָכן, געלאָמיעט, ניט געקענט מיט זיי קיין ריר טאָן און אַליין האָט ער געהאַט אַ פּנים פון אַ „טשוטשעלע״.

אַז ביי מאַקסן האָט אויפגעהערט די הנאה פון זיין יונגן ווייבל, איז אים נאָך אַלץ געהאַט פאַרבליבן! די הנאה פון אַ גוט ביסעלע משקה, פון אַ געפּרעגלט פראַנגעלע, (קורטשיקל) אַ געבראָטענער „ביפטעק״, אָבער איצטער? — גאָט זאָל שומר ומציל זיין — סוכאַרקעס מיט טיי? — קוקן אויף אַזאַ עשירות און טונקען אַ סקראָבינקע אין וואַסער מיט סאַכאַרין?... ווייל זינט דער פּאַראַליזש איז אים צוגעטרעטן איז אוים מיט אַלע עולם הזה׳ס...

מילא נו, אויך צו דעם געוויינט זיך אַ מענטש צו, אויף אַלצדינג איז פאַראַן אַ צייט און קיין שום זאַך איז סיי ווי נישט אייביק... אָבער, אַז עס האָלט

שוין יאָ דערבײַ, דאַרף ער, סעניאָר מאַקס, אויך אַ טראַכט טאָן מכח אַ פּיצעלע עולם הבא אויך... יאָ, ער וויל זיך ניט נאַרן, פאַרשטייט גוט זײַן לאַגע: מיט וואָסזשע וועט ער דאָרטן אַהין קומען? ער נעמט בלעטערן אין זכרון, וויל געפינען עפּעס אַזעלכעס אין וואָס ער זאָל זיך קענען אָנכאַפּן, שטיצן, ראַטעווען... אָבער, אַלץ וואָס ער געפינט, קוקט אים אויס קליינינקייטן, נישט ווערט די רייד... מען דאַרף געפינען עפּעס אַ גרויסע זאַך צו קענען זיך אָנהאַלטן...

און אָט, אַן אויפבליץ: ווי אַזוי האָט ער גאָר געקענט אַזעלכעס פאַרגעסן? — רחל? — געראַטעוועט אַ מענטשן פון שאַנדע!... מיט אַזאַ שטיק „מצווה" וועלן אים דאָך מלאָכים אַקעגן קומען...

יאָ, אָבער דאָס מילעכל אין זײַן קאָפּ בלײַבט דאָך ניט שטיין בײַם דאַזיקן „אבן טוב". די פיבערדיקע געדאַנקען יאָגן דאָך ווײַטער און — ווײַטער, איז שוין פּאַסקודנע... טויכן אויף רחלעס לעצטע וואָכן, איר בעטן זיך „אַביסעלע געדולד" — אָט דאָס דאַזיקע איז שוין גאָר ניט קיין „מתנה" פאַר גאָט" — פון זײַן גרויסער „מצווה האָט זיך גאָר אויסגעלאָזט — אַ שווערע עבירה און פאַר דעם וועט מען שמײַסן...

* *
*

זיצט ער זיך אַזוי אין אַ ווינקעלע פון זײַן גרויסן סאַלאָן, סעניאָר מאַקס, קען ניט פאַרטראָגן דאָס טומלען פון זײַנע קינדער, דאָס טענצלען פון דאָנאַ ליזאַ אויף אירע הויכע קלעצלעך, אין כסדרדיק קוקן אין די גרויסע שפּיגלען, אים שײַנט, אַז זי לאַכט דאָרטן צו עמיצן אַרײַן... האָט שוין ניט קיין געדולד צו צוואַרטן — יאָ, יאָ, די געשיכטע חזרט זיך איבער...

זיצט ער אַזוי אינם ווינקעלע, ווי אַ פרעמדער אין זײַן אייגענער שטוב, זיצט פאַרגליווערט, אומבאַוועגלעך, ווי עפּעס אַן אַלט שטיק מעבל, וואָס האָט שוין אָפּגעדינט זײַן צײַט און וועט סוף כל סוף מוזן פּלאַץ מאַכן פאַר לעבעדי־קערע זאַכן... זײַן איינציקע טעטיקייט איז איצטער, וואָס ער קען נאָך האַלטן זײַן גאָלדענעם זייגער און דרייען בײַם שרײַפל מיט די נאָך באַוועגלעכע פינגער. דרייט ער און דרייט, אָבער אַלץ נאָר — פאַרויס... וואָס דאָס באַטײַט אייגנטלעך — נענטער... — צוריק דרייען קען ער נישט, דאָס אָפּגעלאָפענע איז — טויט און טויט מאָל טויט, מאַכט אַלץ — טויט...

* *
*

איז אַט האָבן מיר אים איצטער געזען, סעניאָר מאַקסן, קוקן דורך זיין פּרעכטיקער וואַראַנדע פון מאַרמאָר מיט קרישטאָל, ער האָט געמאַכט סך הכלען, אונטערגעצויגן די לעצטע שורה, ווי ביים ליקווידירן אַ גרויסן מסחר, איידער מען גייט איבער אויף עפּעס אַנדערש...

— סיי ווי — טראַכט ער — עמיץ פאַרצייכנט ערגעץ — גאָט אָדער דער טייוול — עס מוז קומען אַ טאָג פון געבן חשבון און דעמאָלט צאָלט מען דעם רעכענונג אויף איין מאָל...

* *
*

ליגט ער איצטער, סעניאָר מאַקס אויף זיין ברייטן בעט מיטן פיר-קאַנטיקן באַלדאַכין, קוקט מיט גלעזערנע אויגן אויפן קינסטלערישן געמעל, וואָס ער האָט געלאָזט מאַכן באַלד נאָך זיין חתונה מיט דאָנאַ ליזאַ: — געווען אַ גרויסער קינסטלער, יענער וואָס האָט אים דעמאָלט אָוועקגעשטעלט ביי אַן אָפענער טיר מיט אַ שיינעם אַריינקוק, און מסתמא געפילט, אַז מיטן דאָזיקן ווייבעלע וועט ער יענע שוועל קיינמאָל ניט איבערטרעטן...

איצטער דרייען זיך פאַר אים די אַלע אָפּגעלאָפענע יאָרן קאַליידיסקאָפּיש, ווי ביי אַ גוסס צוקאָפּנס... אָבער אַסך בילדער קומען צעדרייט, פאַרפלאָנטערט.

אָט זעט ער רחלען צניעותדיק, זיצט אין אַ שול מיט אַ סידורל אין די הענט און שאָקלט זיך פרום... באַלד דערזעט ער ליזאַן אין שאַנד הויז, אדם נאַקעט, ציניש און פרעך...

פּלוצים כאַפּט ער זיך אויף, דער גאַנצער קערפּער, ווי געליימט, אין קאָפּ הוזשעט און זשוזשעט אַבער די רעיונות זענען אַביסל אויסגעקלאָרט:

— הערט נאָר אַ חלום? שטרענגט ער זיך אָן איבערצוטראַכטן דאָס געזעענע;

— אַזאַ צעדרייעניש? — אָבער, אפשר איז גאָר דאָס צעדרייטע-גליך און דאָס גלייכע — צעדרייט?... ווער ווייסט?

לאַנג קען ער זיינע חושים ניט אָנשטרענגען ווייל באַלד פאַלט ער ווידער אריין אין האַלוצינאַציעס ער דערזעט זיך צוריק אַלס „מאָטישל", דערזעט ביידע יוגנט „קאָכאַנקעס", דאָס דינסט מיידל, רייסט די האָר ביי דער שיינער „פּופּע", וואָס שרייט — „יאַכנע דוואָשע, ער איז מיין „ליובאָווניק"... באַלד לויפט אונטער די „אשת-איש", מיט אַ פאַרמעליקט פּנים, האַלט די האַנט ביים מויל און שרייט: — „שאַאַאַ — אַז „מיינער" עט זעך דאַוויסן, בינעך אַ טויטע"...

און שוין — ער איז שוין ווידער וואַך, קלינגט נאָכן דינער, ער ווישט אים אַרום דעם שוויים, וואָס ריזלט אויף זיין שטערן, ווי גראָבע טרערן־טראָפּנס...

אָט באַווייזט זיך דאָנאַ ליזאַ אויף דער שוועל, איינגעצויגן אין אַ ראָזע מאָרגן ראָק, איר קלאָרער פּנים, כלומרשט פאַרטרויערט: — „קום אַהער קעצעלע" — בעט ער זי מיט אַ שוואַכער שטימע — „לייג אַרויף דיין הענטל אויף מיינע רווישנדיקע שלייפן, אפשר וועט בעסער ווערן?...

אָבער דאָנאַ ליזאַ געפינט אויך איצטער אַ תירוץ: — ווייל אויך איר נעזל פאַרטראָגט ניט דעם ריח פון שווערע רפואות... — „אַ מינוטקעלע נאָר מאַקס, כהאָב דאָרטן אָפן געלאָזט די „פייער־קאַסע", כ'וועל נאָר פאַרשליסן, קום איך צוריק"...

אָט דאָס ליגט איר איצטער אין זינען — טראַכט סעניאָר מאַקס — די שליסלען: — נאַרעלע דו, ווער וועט זיי דיר שוין אויסכאַפּן?

סעניאָר מאַקס בעט דעם דינער צו עפענען ברייט דאָס פענסטער, ער קוקט, קוקט: — „אַזאַ בייז באַשריקעניש, דער ווייסטער ים, ליגט צעשפּרייט, ווי אַן אכזר און רווישט, טומלט — וועט שוין דאָס נעמען אַ סוף?... אָבער, די פּאַלמעס זעט ער, שטייען איצטער אומבאַוועגלעך, נאָר די ריזיקע אַפּאַרטאַמענטן שאָקלען זיך אַביסל — קאַסטענים מיט קעסטעלעך... ערשט נעכטן איז אַלץ דאָ געווען אַזוי קליין, נידעריק, און איצטער — אויסגעוואַקסן אַ משחית... אָבער, שאַ — האָט ער דען ניט קיין שטיקל חלק אין דער דאָזיקער צעוואַקסנקייט? — „יאָ" — באַשליסט ער — „נישט קיין שטיקל, נאָר טאַקע אַ גרויס, גאָר אַ גרויס חלק — געוועזן דאָ אַ ווייסטעניש, אַ ווילדעניש, האָט ער געהאָלפן אַפּריניקן, אויס־גלעטן אויפגעשטעלט אַ פּראָדוקציע, אַן אינדוסטריע, צוגעלייגט אַ האַנט צו מעבל־פאַבריקאַציע, שיך און קליידער אויסאַרבעטונג, יאָ עפּעס האָט ער אויפ־געטאָן אין לעבן, סיי פאַרן כבוד פון זיינע אימיגראַנטן־ברידער און סיי פאַרן בראַזיליאַנער פאָלק און אַז מען טוט עפּעס אויף, אויף איין געביט, קען מען אַמאָל געשטרויכלט ווערן אויף אַנאַנדערן געביט... בפרט ווען מען איז יונג, היציק... אָבער ער האָט זיך מיט וואָס צו טרייסטן... אויך...

לסוף איז אים נאָך אַריין אַ מאָדנער, געדאַנק אין קאָפּ, געהייסן זיך דערלאַנגען פּאַפּיר, זיינע פּאַראַליזירטע פינגער ציטערן, האַלטן קוים די פעדער, אין האַנט, אָבער מיט גרעסטער אָנשטרענגונג צייכנט ער אויף: בערג, הייזקעס, אינמיטן, דער ים און איבער דעם אַלעם אַ גרויסע אויפשריפט:

— „קאַזאַ „רח־מאַק" פון פיטשאַטש"... אָט דאָס איז עס טאַקע וואָס ער האָט די גאַנצע צייט געזוכט... אָפּגעצאָלט דעם לעצטן חוב... רחלס נאָמען וועט פאַראייביקט ווערן... דאָס איז זיין צוואה.

אָביסעלע שפּעטער האָט ער געפילט, סעניאָר מאַקס, ווי אַלץ נעמט זיך גלעאַסן אָפּרוקן, אָפּרוקן, ווי אויף אַ גרויסע שיף, וואָס פּאַלאָזט פּאַמעלעך דעם ברעג...

דער גערויש פון אַטלאַנטיק, איז געווען דער לעצטער לעבנס־צייכן וואָס האָט נאָך אַביסל געטומלט אין זיין קאָפּ, אָבער אויך צוביסלעך זיך גענומען איינשטילן, איינשטילן, ביז — שאַ ער הערט שוין מער גאָרנישט...

בלויז דער אויסגעשפּרייטער ים רוישט נאָך אַלץ, אָבער איצטער שוין פאַר זיך אַליין:

זשום און זשום און זשום.

און זשי זשי, זשי, און זשי, זשי, זשי...

ריאָ דע זשאַנייראָ, נאָוועמבער, 1956.

הגם דער סדר פון די ארבעטן
זענען בכיוון צעוואָרפן איז אָבער
פאַראַן דריי ציקלען דערציילונגען:

„אַלטע היים"
„יידיש-בראַזיל"
„טראָפּיש בלוט"

פון זעלבן מחבר

„קראָשניק - ריאָ"

ארויסגעגעבן 1953

...„איך וועל ניט איבערטרייבן ביים באַטאָנען, אַז עס האָט מיך איבעראַשט אין ראָזע פּאַלאַטניקס דערציילונגען, די רייכקייט פון איר שפּראַך, די נייקייט פון איר פּאָעטישן בילד, די קינסטלערישייט פון איר אופן דערציילן און איר פיינער לייכטער הומאָר".

א. סוצקעווער, פון אַ רעדע.

☆ ☆ ☆

...„ס'איז כאַראַקטעריסטיש, אַז דער מאָמענט פון בענקעניש נאָך דער אלט היימישער יידישקייט איז פאַראַן אין ראָזע פּאַלאַטניקס אַלע דערציילונגען. אין דער דערציילונג „אויף דערוויל" זענען טרעפלעך אַרויסגעבראַכט די מחשבות און רעאַגירונגען פון דעם אַלטן ישראל שמיד, ווי בכלל די קאָנפליקטן צווישן די צוויי דורות, דעם דור פון די געקומענע און דעם יונגן דור".

א. ליס. „גאָלדענע קייט", תל אביב.

☆ ☆ ☆

...„ראָזע פּאַלאַטניק כח ליגט אין קורצע שילדערונגען, אין אָנוואַרפן פאַרבן, וואָס צוואַמען שאַפן זיי אַ בילד".

יצחק באַשעוויס, „פאָרווערטס" ניו יאָרק.

☆ ☆ ☆

...„ראָזע פּאַלאַטניק איז נישט בלויז פון די אָנגעזעענסטע אין דער קליינער יידיש־בראַזיליאַנער שרייבערישער פאַמיליע, נאָר זי פאַרפעלט נישט קיינמאָל צו באַקרעפטיקן די משפחה־דיקייט — פרייט זיך ווי אַ מאַמע און אַ שוועסטער, ווען עמיצער פון די קאָלעגן שאַפט עפּעס גוטס".

מאיר קוטשינסקי, סאַן פּאַולאָ
„יידישע פרעסע", ריאָ.

☆ ☆ ☆

...„אייער בוך וועט אַריינגיין — אין אַ ספּעציעלער קאָלעקציע פון ביכער מיט אויפשריפטן צו מיר — אין דער גרעסטער אוניווערזיטעט־ביבליאָטעק אויף דער וועלט.

...„אַזאַ מין דערציילונג ווי אייער „פּיפּי" — („הינט") וואַלגערט זיך ניט אין ניו יאָרק".

...„שרייבט — אייער שפּראַך איז אויסגעצייכנט, און די סוזשעטן גוט באַאַרבעט."

דר אַ. אַ. ראָבאַק. לעקטאָר פון
קעמברידזש אוניווערזיטעט

☆ ☆ ☆

...„זאַפטיקע, איבערשוימענדיקע לשונדיקייט האָט ראָזע פּאַלאַטניק, איבערהויפּט, ווען זי לאָזט אירע העלדן ריידן אין פוילישן דיאַלעקט. מיר שיינט אַז קיינער פון די פויליש־יידישע שרייבער, אַפילו ווייסנבערג האָט נישט געגעבן אַזאַ פולן פוילישן דיאַלעקט ווי זי.

...„די דערציילונג „מעכל־גולם" איז אייגנטלעך איבערהויפּט אַ שפּראַך־סימפאָניע.

די דערציילונגען וועגן דעם יידישן לעבן אין ריאָ דע זשאַניירא, פאַרמאָגן אויך דעם רייץ פון עקזאָטישער רעאַליטעט, מיר דערפילן אַז די „וואָר" איז דאָ פאַראַן נישט ווייניקער ווי די „דיכטונג" און מיר באַקענען זיך מיט דעם ליכט און שאָטן פון יידישן לעבן אין בראַזיל".

יעקב באָטאָשאַנסקי, „די פּרעסע",
בוענאָס איירעס.

☆ ☆ ☆

...„אייער בוך האָט מיך איבעראַשט — פּראָסט און פּשוט — איבעראַשט".

משה גראָסמאַן ישראל.